STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03927

DI DEKADENTS FUN A MESHIEH

M. Tsanin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. צאַנין

*

די דעקאַדענץ פון אַ משיח

מ. צאַנין

די דעקאַדענץ פון אַ משיח

היסטאָרישע פּאַראַלעלן, אַקטועלע פאַקטן און אַנדערע זאַכן

פאַרלאַג „קעגן שטראָם״ — תל־אביב
תשכ״ז — 1967

M. TSANIN

DI DEKADENZ FUN A MOSHYAKH

©
כל הזכויות שמורות למחבר
Copyright by M. Tsanin, Tel-Aviv

נדפס בישראל
Printed in Israel

דפוס „אורלי״, ת״א, טל. 32062

I

מכת געשיכטע

בענק נאָך משיחן,
נאָר זיי מתפלל ער זאָל נישט קומען...

מכת געשיכטע

עס געשעט ביי אַלע פעלקער, אַז אַ געשיכטלעכע תקופה חזרט זיך איבער; ביי אונדז, יידן, איז עס געוואָרן אַ מכת געשיכטע. פון די אָפטע איבערחזרונגען נעמט אָן די „איבערגעפרישטע" תקופה קאַריקאַטוראַלע פאָרמען, פון וועלכע עס פאַרגייט אונדז דאָס לאַכן, וואָס מיר וואָלטן געלאַכט ווען די קאַריקאַטור זאָל אונדז גופא נישט מאַכן צו חוזק.

אין אונדזער מדינה הער איך איצט פון אַלע קרייזן, אַז מיר גייען אַדורך אַ ווירטשאַפטלעכן קריזיס. אויף צו טרייסטן זיך, שליסן מיר זיך איין אין דער נעטער געזעלשאַפט פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד און אַמעריקע, אַז אויך דאָרט מערקט זיך אַן עקאָנאָמישער צוריקפלוס. דאָס הייסט, אַז אויב אַזעלכע דערפאַרענע און רייכע מדינות קענען נישט פאַרמיידן אַ ווירט־שאַפטלעכן קריזיס, ווי אַזוי זאָלן מיר, אַ יונגע מדינה, וואָס „אונדזערע טאַטעס און זיידעס זענען נישט געווען קיין מיניסטאָרן", פאַרמיידן אַזאַ קריזיס?

דאָס איז פולשטענדיק פאַלש.

דער קריזיס אין אונדזער מדינה האָט נאָר אויף אַזוי פיל צו טון מיט עקאָנאָמיע, אויף וויפל וויטיק האָט צו טון מיט אַן אַקוטער קראַנקייט.

וויטיק אַליין, ווייסן מיר, איז אַן־אָן־פאַר־זיך נישט קיין קראַנקייט, נאָר איז אַ סימפּטאָם, אַן אַלאַרם פון אַ קראַנקייט. די לאָקאַציע פון וויטיק איז נישט תמיד אידענטיש מיט דער לאָקאַציע פון דער מחלה. אַ שווערע מאָגן־פאַרגיפטונג, למשל, איז גורם קאָפּ־ און אויגן־וויטיק; אַ פאַר־מאַסקירטער קראַנקער צאָן קען אָפט טרייבן דעם ליידנדיקן צו אַ האַרץ־

דאָקטאָר אָנשטאָט צו אַ דענטיסט, ווייל נישט דער צאָן טוט אים וויי, נאָר דעם ווייטיק פילט ער אין האַרץ.

די עקאָנאָמישע ווייטיקן אין אונדזער מדינה זענען די אַלאַרמען פון אַן ערנסטער אַקוטער קראַנקייט, וואָס האָט מיט עקאָנאָמיע גאָרנישט צו טון. נאָר פּונקט ווי יעדער ליידנדיקער, וואָס איז נישט באַוווסטזיניק אויף זיין קראַנקייט, קלאָגט זיך נאָר אויף די ווייטיקן, אַזוי פילט די באַפעל־קערונג אין אונדזער מדינה די עקאָנאָמישע סימפּטאָמען פון דער אַקוטער קראַנקייט וואָס איז טיפער און געפערלעכער פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס.

טאָמער וואָלט זיך געהאַנדלט בלויז אין עקאָנאָמיע, וואָלט דער אומרו נישט געווען אַזאַ דראָענדיקער. ווער עס קען די געשיכטע פון דעם נייעם ארץ־ישראל, דער ווייסט, אַז דער איצטיקער עקאָנאָמישער מצב איז בוכ־שטעבלעך אַ גן־עדן אין פאַרגליך מיט די שווערע עקאָנאָמישע צושטאַנדן אין פאַרשידענע תקופות. אין די מיט צוואַנציקער און מיט דרייסיקער יאָרן איז די אָנפירערשאַפט פונעם ישוב געשטאַנען אומבאַהאָלפן קעגן דער אַרבעטלאָזיקייט און פּרנסהלאָזיקייט. דער אַלגעמיינער לעבנס־סטאַנדאַרט איז דעמאָלט געווען אַזאַ נידעריקער, אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט דערפירט פשוט צו אויסזיכטלאָזיקייט. אויך אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, אין דער מיט פון דער מאַסן־עליה, האָבן זיך געשאַפן סיטואַציעס פון פאַרצווייפלונג אויפן עקאָנאָמישן געביט. די קאַסע פון דער מדינה איז געווען ליידיק, נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן רעגירונגס־פאַרפליכטונגען און מיט וואָס צו קויפן שפּייז. דייוויד דובינסקי און אַנדערע פריינד פון דער מדינה אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געמוזט אַרויסראַטעווען מיט קורצטערמיניקע הלוואות. איצט, אין דער ערשטער העלפט 1967, געפינען מיר זיך אין אַ מצב, אַז מיר דאַרפן בלויז אַ ביסל אַראָפּנידערן דעם קינסטלעך אויפגעבלאָזענעם סטאַנדאַרט, אויף וועלכן מיר האָבן זיך בכלל נישט געקענט דערלויבן.

פאַרוואָס, אויב אַזוי, רופט אַרויס דער איצטיקער „עקאָנאָמישער קריזיס" אַזאַ שווערע שטימונג, ווי אַלע שיפן וואָלטן אונטערגעגאַנגען? די שווערע שטימונג נעמט זיך פון דער אַנונג, אַז דער קריזיס איז גאָר אויף אַן אַנדער שטח. דער אייגנטלעכער קריזיס איז אַ מאָראַלישער. מיר,

אַ פֿאָלק מיט גוואַלדיקע נסיונות אויף אַלע שטחים פֿון מענטשלעכן זיין, דאַרפֿן נישט אָנקומען צו ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ ספּעציעלע פֿאַרשונגען, כדי צו דערגיין צו דער סיבה פֿון דעם מאָראַלישן קריזיס. מען דאַרף נאָר אַריינקוקן אַ ביסל טיפֿער און באַלד וועלן מיר אויסגעפֿינען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַן איבערחזרונג פֿון אַ געשיכטלעכער תקופֿה, וואָס האָט זיך אויך אין אַנדערע יאָרהונדערטער איבערגעחזרט אין פֿאַרשידענע קאַריקאַטוראַלע פֿאָרמען.

מישט אויף די בלעטער פֿון אונדזער געשיכטע אין די פֿרע־ און פּאָסט־משיחישע תקופֿות און אַלץ וועט פֿאַר אייך קלאָר ווערן.

די בענקשאַפֿט צו ביאת המשיח איז נישט אַ פּראָדוקט פֿון גלות, נאָר זי האָט געווירקט אין די הערצער פֿון יידן אַפֿילו ווען זיי זענען געזעסן אין זייער אייגן לאַנד. אין רואיקע צייטן האָט די משיח־בענקשאַפֿט געדרימלט; אין זייערע תפֿילות האָבן יידן טאַקע מתפּלל געווען, דער מלך המשיח זאָל קומען במהרה ובימינו, אָבער אויסער די תפֿילות האָבן יידן נישט געהאַט קיין צו גרויסן חשק ער זאָל קומען אין אַ פּראָסטן מיטוואָך און צעטרייסלען זייער איינגעשטעלטן סדר. גאָר אַנדערש איז עס געווען בעת נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפֿעס. אין אַזעלכע קאַטאַסטראָפֿעס האָבן יידן תמיד געזען אַ צייכן אויף משיחס צייטן, ווי די געבורט־ווייען פֿון גאולה. וואָרעם כדי ווייטער צו לעבן האָט מען געמוזט געפֿינען אַ פֿאַרענטפֿערונג, אַן אויסטייטשונג. וואָס הייסט עס עפּעס, גאָט האָט סתם גענומען און אַראָפּ־געשיקט אויף זיין פֿאָלק אַ קאַטאַסטראָפֿע? דאָס פֿאָלק ישׂראל איז דאָך ז י י ן איינציק און אויסדערוויילט פֿאָלק; אַן דעם פֿאָלק איז אויך גאָט מער נישטאָ. די עקזיסטענץ פֿון דעם גאָט פֿון ישׂראל איז באַדינגט מיט דער עקזיסטענץ פֿון עם ישׂראל. וועט ער נישט נעמען סתם און אָנשיקן שונאים, זיי זאָלן אויסקוילען ז י י ן פֿאָלק. אלא וואָס דען? גאָט דריקט זיך אויס כלפּי זיין פֿאָלק דורך סימנים. אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפֿע איז דער שיפֿער פֿאַר ביאת המשיח; עס גרייט זיך די גאולה! מיט אַזאַ פּירוש איז לייכטער נישט צו פֿאַרלירן זיך אין דער קאַטאַסטראָפֿע. ס'איז נישט דער סוף, נאָר דער אָנהייב!

טאָמער, למשל, וואָלט דאָס שפּאַנישע יידנטום אויסגעטייטשט דיאַ־

לעקטיש די סיבות פון גירוש ספרד און געזען אין דער קאַטאַסטראָפע בלויז עקאָנאָמיש־פּאָליטישע גורמס, אָן דעם עלעמענט וואָס אין דער אמונה, איז אַ סברה, אַז דער שמד וואָלט געווען אַ טאָטאַלער. דער געט־לעכער שיפער, אַז די נאַציאָנאַלע קאַטאַסאַטראָפע איז חבלי משיח, האָט ביי די געראָדפּטע יידן אַרויסגערופן אַזעלכע מעכטיקע לעכצונגען, אַז במשך פון איין פערטל יאָרהונדערט האָבן זיך אָפּגעוועקסלט איינער נאָכן צווייטן אַזש דריי משיחים: אשר לעמלין, דוד ראובני און שלמה מולכו. יעדער איינער פון זיי האָט אויפגערודערט דאָס יידנטום אין אייראָפּע, אַרויסגערופן ענטוזיאַזם און גרייטקייט צו נעמען ווייב און קינדער און גיין קיין ארץ־ישראל. וואָרעם דריי התגלותן פון ציוניסטישע כוואַליעס פון פאַרשידענער אינטענסיווקייט זענען עס געווען.

נאָך דעם ווי איין משיח נאָכן צווייטן זענען דעמאַסקירט געוואָרן ווי מיסטיפיקאַטאָרן, האָט דער קאַצניאָמער אין יידישן פאָלק געדויערט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט. מתוך פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג זענען מאַסן יידן אַוועק צום טויף־בעקן. אָט די ציוניסטישע באַוועגונג פון 16טן יאָר־הונדערט האָט זיך געענדיקט מיט אַ שווערן מאָראַלישן קריזיס אין יידישן פאָלק.

אויך די קאָזאַקישע שחיטות אין דער מיט פון 17טן יאָרהונדערט אין אוקראַינע און אין פּוילן האָבן יידן נישט געקענט אויפנעמען דיאַלעקטיש, זיי אויסטייטשן מיט פּאָליטישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות; אַז זיי זענען די קרבנות פון אַ צונויפגעשטויס צווישן די פּוילישע פּריצים און די אוקראַינישע לייבאייגענע. יידן האָבן אָפּגעוואָרפן די ברירה פון שמד ווי אַ פּרייז פאַרן לעבן, ווייל ווידער זענען זיי געטראָגן געוואָרן פון דער אמונה, אַז די קאַטאַסטראָפע איז אַ צייכן, אַז עס דערנענטערט זיך דער קץ און משיח בן דוד וועט בקרוב קומען אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק.

די לעכצונג איז לסוף מקוים געוואָרן. משיח איז געקומען.

די גוואַלדאָווע נאָכפראַגע אויף אַ דערלייזער האָט אים אַרויסגערופן פון די סמירנער געסלעך. שבתי צבי האָט אויפגעטרייסלט דאָס יידנטום אין אייראָפּע. שבתי צבי האָט אַרויסגערופן אַ פיל גרעסערע ציוניסטישע באַוועגונג ווי זיינע פאָרגייער אין 16טן יאָרהונדערט. און ווייל די אַנט־

פלעקונג פון שבתי צבי איז געווען דראַמאַטישער, געשפּאַנטער און „רעאַלער", איז אויך די אַנטוישונג נאָך זיין איבערגאַנג צום איסלאַם געווען גרעסער און קאַטאַסטראָפאַלער, און דעריבער האָט זיין פּוילישער נאָכקומער, יעקב פראַנק, באַלד פון אָנהייב אָוועקגעפירט זיינע אָנהענגער אויף אַ זייטיקן וועג, פון וועלכן עס האָט געפירט בלויז צום טויף־בעקן.

ביידע, דער טערקישער און דער פּוילישער משיח, האָבן אַרויסגערופן אַ שווערן גייסטיקן קריזיס אין יידישן פאָלק, אַ קריזיס, וואָס איז פאַרצוימט געוואָרן פון דת, וואָס איז געווען דער דאָמינירנדיקער גייסטיקער פאַקטאָר אין יידישן פאָלק.

די טעזע איז, אַז יעדע דערשיינונג פון אַ משיח ביי יידן איז אַ דעגענעראַטיווער גורם, וואָס צעלייגט, שפּאַלט און ברענגט דויערנדיקן שאָדן פאַר דער נאַציע.

די אַנטיטעזע איז דעריבער געווען דער מאָדערנער ציוניזם ווי אַ קאָלעקטיוו ווערק פאַר נאַציאָנאַלער דערלייזונג. דער ציוניזם האָט געשאַפן די רעאַלע באַזע פאַר דערגרייכן די פּאָליטישע צילן, וואָס די מיסטיפיקאַטאָרישע משיחים האָבן צוגעזאָגט צו דערגרייכן און פאַרפירט. ציוניזם איז געווען סעקולערער משיחיזם, אָבער אָן אַ משיח, וואָס איז תמיד מיסטיפיקאַטאָריש.

די גאַנצע אַנטוויקלונג פון ציוניזם איז געווען אַ גאַראַנטיע, אַז אַט די דערלייזערישע באַוועגונג וועט ביז צו איר ענדציל פאַרמיידן יעדן צייכן פון אַ משיח. די גאַנצע פלעיאַדע ציוניסטישע מנהיגים — פון דעם חוזה טעאָדאָר הערצל ביז דעם דיכטערישן וויזיאָנער וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, דעם שטאַטמאַן חיים וויצמאַן און דעם לערער בערל קאַצענעלסאָן — איז געשטאַנען מיט ביידע פיס אויף דעם רעאַלן באָדן פון נאַציאָנאַלער דערלייזונג און נישט איבערגעלאָזט קיין פּלאַץ פאַר וועלכן עס איז משיח אין 20סטן יאָרהונדערט! לויט דער ציוניסטישער דיאַלעקטיק איז דאָס פאָלק גופא זיין אייגענער משיח.

די געשיכטע, אין אירע אָפט קאַריקאַטוראַלע איבערחזרונגען, רעכנט זיך נישט מיט אַ 20סטן יאָרהונדערט, ווי זי האָט זיך נישט גערעכנט מיט אַ פריערדיקן יאָרהונדערט. די היסטאָרישע אָנלאָדונגען רייסן אויף ביי

אַלע באַדינגונגען. די איבערחזרונג פון אַ מיסטיפיקאַטאָרישן משיח אין אונדזער תקופה איז דערמעגלעכט געוואָרן, ווי אין אַלע פריערדיקע פאַלן, דורך אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, דאָס מאָל דורך דעם חורבן, וואָס היטלער־דייטשלאַנד האָט געבראַכט אויף אונדזער פאָלק, הגם לויט דער ציוניסטישער פילאָזאָפיע איז גלות אַ פּערמאַנענטע קאַטאַסטראָפע.

משיח איז דאָ

די ראָל פון אַזאַ משיח אין אונדזער תקופה האָט גענומען אויף זיך דוד בן־גוריון. אָפּן האָט ער די ראָל אָנגעהויבן שפּילן אַ סך פריער פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. שיינט מיר, אַז דער ערשטער וואָס האָט דאָס באַמערקט איז געווען חיים ווייצמאַן. ביי מענטשן מיט אַ געשיכט־לעכן זכרון האָט דוד בן־גוריונס משיח־ראָל אַרויסגערופן טיפע זאָרג. ביים שרייבן די שורות ליגט פאַר מיר אַ דאָקומענט געשריבן אין יולי 1942, אין דער צייט ווען דוד בן־גוריון האָט „געאַרבעט מעשים" אין ניו־יאָרק. אין דעם דאָקומענט איז פאַראַן אַזאַ כאַראַקטעריסטיק:

> זיין, דוד בן־גוריונס, אומגליק איז וואָס ער האָט נישט קיין זין פאַר הומאָר, און וואָס ער האָט יאָ — איז אַ טייוולאָנישן משיח־קאָמפּלעקס (אין ענגלישן אָריגינאַל: אַן אינפערנאַל מעסיאַניק קאָמפּלעקס).

ווי געזאָגט, זענען די אינקובאַציע־באַדינגונגען פאַר אַלע משיחים די זעלבע אין אַלע צייטן און ביי אַלע באַדינגונגען, אָבער אויך די משיחים גופא זענען פון דער זעלבער פסיכישער קאָנסטיטוציע אין אַלע צייטן און ביי אַלע באַדינגונגען. אַ קאַנדידאַט אויף משיח מוז זיין איינגעביל־דעט־מאַניאַקיש, דעמאַגאָגיש, פּאַסיאָנאַל און געבילדעט בלויז וועדליק די השגות פון דעם המון, פאַר וועלכן ער דאַרף זיין אַ משיח. צוזאַמען מיט דעם עקשנותדיקן קאַמף פאַר דער קרוין, דאַרף דער קאַנדידאַט אויך קענען מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער ווערט „אַנטדעקט"... אין דער סטאַדיע פון ווערן אַ משיח בויט ער דערוויַיל אויף דעם געהעריקן אַפּאַראַט — די

משיח־גבאים און משיח־זשאַנדאַרן, וואָס דאַרפֿן אָפּהיטן דעם פּרעטענדענט און אים פֿונאַנדערבלאָזן. מיט דער הילף פֿון דעם אַפּאַראַט וועט אים זיין לייכטער צו מאַכן אַרום זיך אַ מדבר, עס זאָל קיין אַנדער פּרעטענדענט נישט קענען אויפֿשטיין. משיח איז גרייט עוקר מן השורש צו זיין יעדן איינעם, וואָס אים ווייזט זיך אויס, אַז ער האָט אַמביציעס צוצואייגענען זיך עפּעס פֿון דער סוווערעניטעט, וואָס דער משיח האָט באַשטימט פֿאַר זיך. משיח קען טיילן כבודים, אָבער נישט טיילן זיך מיט זיין מאַכט.

דוד בן־גוריון איז באַשאַנקען מיט אַלע אייגנשאַפֿטן, וואָס אַלע משיחים האָבן געהאַט אין אַלע צייטן און ביי אַלע באַדינגונגען: ער איז מאַניאַקיש איינגעבילדעט, פּאַסיאָנאַל און דעמאַגאָגיש. זיין אויבערפֿלעכלעכע בילדונג — איינשליסלעך מיט דעם עקספּאָזיציאָניסטישן אופֿן פֿון איינהאַנדלען ביכער וועגן דער גריכישער פֿילאָזאָפֿיע — איז צוגעפּאַסט צו די השגות פֿונעם המון; ער האָט זיין אייגענע דעפֿיניציע וועגן „אמת״, „יושר״ און „צדק״, און ער איז גרייט פֿאַר זיין דעפֿיניציע צו קעמפֿן מיט אַלע אומאמתדיקע, אומיושרדיקע און אומצדקדיקע מיטלען.

אין קאַמף מיט קעגנער, אָדער איינגעבילדעטע קעגנער, איז ער אַזוי אכזריותדיק פֿאַרביסן, אַז ער אונטערשיידט נישט צווישן לעבעדיקע און געשטאָרבענע. אין 1967 האָסט ער די געשטאָרבענע מנהיגים, ווי וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און חיים ווייצמאַן, מיט דער זעלבער פּאַסיע, ווי ער האָסט די לעבעדיקע — ביז הונדערט און צוואַנציק — לוי אשכול און גאָלדע מאיר. נאָר די געשטאָרבענע גיבן אים נישט קיין געלעגנהייט, ער זאָל יעדן טאָג אַרויסגעבן וועגן זיי באַליידיקונגס־דערקלערונגען.

משיחישקייט איז אַ דיספּאָזיציע, וואָס מען דאַרף אינטענסיוו אַנטוויקלען און קולטיווירן פֿון סאַמע אָנהייב ווען דער קאַנדידאַט בילדעט זיך איין די ראָל. עטלעכע פֿאַקטן באַווייזן, אַז שוין אין זיין יוגנט איז דוד בן־גוריון געווען אַ קאָמפּלעקטיווע פֿיגור, וואָס האָט אַוועקגעגעבן אַ סך מחשבה פֿאַר זיין קומענדיקן גייסטיקן פּאָרטרעט. ווען אַ יונגערמאַן, לאָמיר זאָגן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, זאָל קומען צו דער מאַכט מיט אַ ווענדונג צו באַשטעטיקן די ענדערונג פֿון זיין נאָמען פֿון וואַלאַך אויף וואַשינגטאָן, אָדער אַלעקסאַנדער דער גרויסער, אָדער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, איז

קלאָר, אַז דער באַאַמטער וואָלט אויף אַזאַ יונגערמאַן געקוקט ווי אויף אַ מענטש מיט ווילדע מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקסן, אָדער ווי אויף אַזעלכן וואָס גרייט זיך אין דער צוקונפט צו שפּילן די ראָל פון אַ העלד...
דער יונגער דוד גרין האָט נאָכן עולה זיין קיין ארץ־ישראל געענדערט זיין נאָמען אויף בן־גוריון. ער האָט זיך פאַראייגנט דעם נאָמען פון איינעם פון די גרעסטע העלדן אין אויפשטאַנד פון די יידן קעגן די רוימער, דעם נאָמען פון דעם פּרעמיער־מיניסטער פון דער יידישער פּרייהייטס־באַוועגונג. דאָס איז געווי אַזוי ווי הערצל, למשל, וואָלט געהאַט געענדערט זיין נאָמען אויף משה רבנו; חיים ווייצמאַן — אויף יהודה הנשיא, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי — אויף יהושע בן־נון.

אויף ווי ווייט דוד בן־גוריון האָט שוין אין זיין יוגנט זיך געמאָלן דעם פּאָרטרעט פון אַ העלד, איז צו זען פון אַ קוריאָזן פאַל, וואָס ראָבערט סען דזשאָן נעמט אים טויט ערנסט אין זיין ביאָגראַפיע.*

ער דערציילט: אין יאָר 1904 קומט דער 18יאָריקער דוד גרין קיין וואַרשע זיך לערנען. דאָס זיין אין וואַרשע איז פאַר דוד גרין געווען אַ „שטורמישע צייט".

מיט וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט די שטורמישקייט? דאָס דערקלערט ווייטער סען דזשאָן: „אין וואַרשע זענען געזעסן ציוניסטישע פירער, וואָס זייערע רעדעס האָבן אים געגעבן פיל צו טראַכטן". דאָס מיינט, אַז דאָס טראַכטן פון די ציוניסטישע פירער איז פאַר דוד גרין געווען אַ שטורמישע צייט... מסתמא דערפאַר, ווייל דאָס יאָר 1904 איז באמת פאַרבונדן מיט שטורעם: יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געקעמפט קעגן צאַריזם און פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט זענען זיי פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע אין סיביר.

סען דזשאָן מאַכט פון דוד גרין אַ רעוואָלוציאָנער. בעת ער גייט אין גאַס ווערט ער אַרעסטירט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ ייד און מיט זיינע ווילד געקרייזלטע האָר האָט ער אויף דעם פּאָליציאַנט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ געפערלעכן פּאָליטישן אַגיטאַטאָר. נאָכן אָפּזיצן אַ טאָג

---

* „דוד בן־גוריון — אַ לעבנסגעשיכטע פון אַן אומגעוויינלעכן מענטש".

צייט איז דוד גרין באַפרייט געוואָרן דורך זיין פאָטער על־פּי נס, ווייל ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט אויך דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געהייסן גרין. אַ דאַנק דעם איז ער „אַפילו נישט געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט". ווי עס איז באַקאַנט פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור פון יענער צייט האָבן אַפילו די צאַרישע אָכראַנע־געריכטן נישט געמשפט פאַר זיין אַ ייד, אָדער פאַר האָבן ווילד־געקרייזלטע האָר, אָדער פאַר מאַכן אַן איינדרוק, נאָר געמשפט און פאַרשיקט אויף סיביר האָבן זיי רעוואָלוציאָנערן פאַר זייער טעטיקייט.

סען דזשאָן איז יונגער פון דוד בן־גוריון און ס'איז אָנצונעמען אַז דער ביאָגראַף איז אין 1904 נישט געווען אין וואַרשע בעת דעם אַרעסט און באַפרייאונג, נאָר דוד בן־גוריון האָט אים דערציילט וועגן דעם נס. פון דעם זעט מען, אַז אייגנטלעך איז דער צאַרישער פּאָליציאַנט געווען גערעכט: דוד גרין האָט זיך אַליין באַטראַכט פאַר אַ געפערלעכן פּאָליטישן אַגיטאַטאָר און רעוואָלוציאָנער... און דער רעוואָלוציאָנער פון ירושלים און פרעמיער־מיניסטער פון דער יידישער פרייהייטס־רעגירונג מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק אין ירושלים — בן־גוריון — האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם געטרוימטן פּאָרטרעט פון דוד גרין.

סען דזשאָן זאָגט אַפילו עדות, אַז דוד גרין „האָט אויסגעוויילט דעם נאָמען (בן־גוריון) צוליב זיין תנ"כישן קלאַנג", אָבער אויף וויפל מיר ווייסן איז אַן ענלעכער נאָמען בכלל אין תנ"ך נישט פאַראַן, און די תנ"כישע אויפקלערונג, וואָס דער מחבר האָט באַקומען, איז געווען, כדי אויסצומיידן די אמתע סיבה. דער אָריגינעלער בן־גוריון האָט נישט פאַר־אויסגעזען דאָס וואָס דער נאָבל־פּרייזטרעגער ש"י עגנון האָט פאָרויס־געזען און באַוואָרנט יורידיש, קיינער זאָל זיך אין דער צוקונפט נישט פאַר־אייגענען זיין נאָמען...

דער נאָמען, וואָס האָט אַרויסגערופן די אַסאָציאַציע פון קעמפעריש־קייט, זיג און מאַכט, האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן דוד בן־גוריונען איבערווינדן זיין מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס און אויסראַנגלען זיין משיח־ראָל.

לאָמיר געדענקען, אַז ביז בן־גוריונען האָט קיינער נישט אָפּגעלייקנט

די ראָל און די געשטאַלט פון משה רבינו. זיגמונד פרויד האָט געקענט האַלטן, אַז משה איז געווען אַ מצרישער אַדליקער, אָבער זיין גראַנדיעזע ראָל בכלל האָט ער נישט געלייקנט. דוד בן־גוריון האָט זיך געוואָרפן אויף משה בן עמרם מיט נישט קיין קלענערן ווּט צו ליקווידירן אים אַלס מנהיג, ווי ער האָט זיך זיינער צייט געוואָרפן אויף חיים ווייצמאַן פאַר דעם זעלבן ציל, און ווי אין אונדזערע טעג וואַרפט ער זיך אויף לוי אשכול. במשך פון יאָרן האָט דוד בן־גוריון, פּאָזירנדיק אַ וויסנשאַפטסמאַן אין תנ״ך, ווי ער פּאָזירט אַ ווייסער און גריכישער פילאָזאָפיע, נישט אויפגעהערט צו באַמבאַרדירן משה בן עמרם, אַז סך־הכל האָט ער נישט דערגרייכט די קנעכל פון אַ מאָדערנעם אַגענט פאַר טוריזם, וואָס אין איין חודש פירט ער איבער מער טוריסטן פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, ווי משה בן עמרם האָט געפירט במשך פערציק יאָר עפּעס אַ זעקס הונ־דערט יידן איבער דער מדבר סיני... יאָרן האָט געדויערט דוד בן־גוריונס קאַמף צו מינימאַליזירן די ראָל פון משהן, במילא צו ליקווידירן די עפּאָפּייע פון יציאת מצרים, כדי ער, דוד בן־גוריון, דער משיח, זאָל זיין דער ערשטער אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט דורכגעפירט יציאת גלותן במשך פון געציילטע יאָרן און מיט אייגענע הענט געבראַכט אַ מיליאָן יידן אין מדינת ישראל...

אין זיין ליידנשאַפטלעכער מלחמה קעגן משה בן עמרם האָט דוד בן־גוריון אַפילו נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז ווען אים זאָל געלונגען די מיסטיפיקאַציע, איינצורעדן, אַז דער גרעסטער נביא, שטאַטמאַן און געזעצ־געבער, איז געווען ווי עפּעס אַ שייך פון אַ בעדואינישן שבט, ווי אים איז לסוף געלונגען איינצורעדן, אַז ער גופא איז אַ משיח, וואָלט ער צעשטערט דעם יסוד פון תנ״ך און ער וואָלט איבערגעשטראָכן דעם העכסטן מיטאָס פון דעם יידישן פאָלק.

אין דער סאַמע מיט פון זיינע פּרוּוון צו צעזעצן דעם אימאַזש פון משה בן עמרם, האָט דוד בן־גוריון געמאַכט אַן אָפיציעלע רייזע קיין בורמאַ. ער איז געפאָרן קיין בורמאַ ווי דער פּרעמיער־מיניסטער פון מדינת ישראל אין אַ רעוויזיט פון דעם בורמעזישן שטאַטמאַן או־נו. דוד בן־גוריון,

וואָס האָט שוין געהאַט דערגרייכט דאָס פולע באַוווסטזיין פון זיין משי־חישקייט, האָט די רייזע גענומען מיסטיש: ער האָט זיך אָנגעקליידט אין לבוש פון אַ בודיסטישן כהן און געפּראַוועט התבודדות פון זיין משיחישער שליחות אין אַ געצנדינערישן טעמפּל. טאָמער וואָלט דוד בן־גוריון געהאַט זין פאַר הומאָר, אָדער ער וואָלט געווען אַ טיפ פון אַ לאָורענס, וואָלט די התבודדות פון דעם פאַרמעל אַטעאיסטישן מאַן געהאַט אַ ראַציאָנעלע באַ־גרינדונג, אָבער אין זיין הומאָרלאָזיקייט, פאַרביסנקייט און מיסטישן ווולקאַניזם, זע איך דערין נאָך איין סימן פון משיחישער באַזעסנקייט.

די פאָר אויבנגעבראַכטע פאַקטן — בלויז איינצלנע פון אַ סך — באַ־ווייזן קלאָר, אַז דוד בן־גוריון טראָגט זיך אַרום מיט דעם משיחישן קאָמ־פּלעקס צענדליקער יאָרן. נאָר צו אים איז אויסגעזאָגט געוואָרן דער סוד ווי אַזוי מען דערגרייכט אַ יידישע מדינה; ווי אַזוי מען בויט סאָציאַליזם; וואָס איז „אמת", „צדק", „יושר"; וואָס איז ריכטיק און וואָס איז פאַלש; ער איז אומטעותדיק אַלס אַ מיליטערישער סטראַטעג; ער איז אומפעלער־האַפט אַלס אַ שטאַטסמאַן; ער איז אומפאַרבייטלעך אַלס אַ רעוואָלוציאָנער און רעפאָרמאַטאָר. ווער עס וואָגט אַנדערש — דער איז עלול צו ציען אויף זיך זיין אומגעצוימטן, פאַרניכטנדיקן צאָרן.

דער סיגנאַל

קיין איינציקער משיח אין אונדזער לאַנגער געשיכטע איז נישט אַרויסגעשפּרונגען ווי אַ נימפע פון די ים־שוימען און זיך געמאָלדן: „איך בין דאָ!"

אַ משיח וואַקסט אָן ביסלעכווייז, סיי דורך זעלבסטהעצונג פון די איינבילדונגען און סיי אַדאַנק די אויסערלעכע פאַר דעם צוועק גינסטיקע באַדינגונגען. גענוי אַזוי איז אויך געווען די אַנטוויקלונג פון דוד בן־גוריונס משיח־קאָמפּלעקס. נאָך לאַנג פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער שוין אייגנטלעך געווען פאַרטיק פאַר אַנטפּלעקונג. איך דערמאָן זיך ווי איך האָב איין מאָל, בעת זיינעם אַן עפנטלעכן אַרויסטריט אין

וואַרשע, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, צופעליק באַמערקט, אַז איידער ער איז אַרויס אויף דער סצענע צו האַלטן זיין רעדע, האָט ער מיט אַלע צען פינגער פון הינטן אויף פאָרנט אויפגעהויבן זיינע האָר, וואָס זענען געווען לענגער ווי געוויינלעך די האָר ביי אַ מאַן, און מיט די אויפגעשטעלטע האָר אויפן קאָפּ איז ער אַרויס רעדן פאַרן עולם. צווישן זיינע באַגלייטער האָב איך געהערט די באַמערקונג: „ווי אַ נביא". די זעלבע באַמערקונג האָב איך געהערט פון אייניקע מענטשן צווישן עולם. זיי האָבן פאַרביטן די יוצרות. ער האָט פאַזירט נישט קיין נביא (וואָס נאָכן חורבן בית המקדש האָבן יידן וועגן אַזאַ איינעם אַ גאַנץ באַשטימטע מיינונג), נאָר אַ משיח אין ווערן. די היטלער תקופה האָט צוגעאײַלט זיין צייטיקן. נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די האַק איבערן יידישן פאָלק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער היטלערישער אָקופּאַציע פון אייראָפּע, און נאָכן איבערפאַל אויף רוסלאַנד אין יוני 1941 און שפּעטער אַ ביסל ווען די דירעקטע סכנה מצד ראָמעלס אַרמיי קעגן ארץ־ישראל איז שוואַכער געוואָרן, איז עס געווען דער סיגנאַל פאַר דוד בן־גוריון צו אַנטפּלעקן זיך ווי אַ משיח.

אַוודאי, אין אונדזער סעקולערער תקופה און ביי די מאָדערנע קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען — קען נישט די אַנטפּלעקונג פון אַ משיח זיך אָפּשפּילן געגוי אַזוי ווי אַזאַ אַנטפּלעקונג האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פאַל מיט אַ שבתי צבי, אָדער אַ יעקב פראַנק — דורך מיסטישע סצענעס, פלאַמיקע פּסוקים פון „זהר" און מאַסן־היסטעריע, הגם שפּעטער האָט אויך ביי אונדז געווירקט במשך פון יאָרן מאַסן־היסטעריע. אין פאַל מיט דוד בן־גוריון האָט זיך זיין אַנטפּלעקונג אָנגעהויבן אין ניו־יאָרקער האָטעלן. און אָנגהויבן האָט ער בקולות וברקים צו צעברעכן און ליקווידירן אַלץ און אַלעמען, וואָס האָבן נישט מסכים געווען מיט אים און וואָס זענען, לויט אים, געשטאַנען אים אין וועג. זיין ליקווידאַטאָרישער אימפּעט דעמאָלט אין ניו־יאָרק (סוף 1941 — מיט 1942), דערמאָנט שטאַרק זיין ליקווידאַטאָרישן אימפּעט אין מדינת ישראל זינט 1960.

דער שוין דערמאָנטער באַריכט שילדערט בן־גוריונס אויפפירן זיך דעמאָלט אין ניו־יאָרק מיט אַזעלכע ווערטער:

„די מערהייט פון זיינע האַנדלונגען זענען פון אַ מאַן, וואָס אָדער ער גייט דורך אַ שרעקלעכן אינערלעכן קריזיס, אָדער ער איז נישט מיט ,אַלעמען', ווי מען זאָגט עס אין פראַנצויזיש... ער איז פול מיט אויסברוכן, קאָנוווּלסיוו, טעראָריזירנדיק, און ער האַנדלט בכלל אויף אַן אופן ווי אַן „אַנטפּלעקונג" וואָלט געקומען צו אים און איילט אים צו נעמען דעם גורל ביי די הערנער און אים פאַרמירן וועדליק זיין אייגענער פאַרשטעלונג. גלייכצייטיק דערמיט ווי אַלע רעספּעקטירן זיין ערלעכקייט, הייבט יעדער מיט די אַקסלען (פון שטוינונג) ווי ער וואָלט געזאָגט ,איך האָב מורא, אַז עפּעס האָט זיך דאָ פאַרדרייט'. ער מאַכט מענטשן מיט דער בלאָטע צו גלייך, ער איז אומטאָלעראַנט כלפּי יעדער מיינונג, וואָס אים ווייזט זיך אויס, אַז זי איז אַנדערש פון זיינער, ווי בלויז ער אַליין וואָלט געהאַט דאָס באַוווּסטזיין פון דער מלחמה און פון דער סכנה פאַר ארץ־ישראל. אָט דאָס פאַרבלענדעניש (און לויט מיין מיינונג איז עס אַ פאַרבלענדעניש) פירט אים אין כל מיני בלינדע געסלעך".

צי דערמאָנט אייך נישט אָט די כאַראַקטעריסטיק, געשריבן אין חודש יולי 1942, דעם שטייגער פון די בן־גוריונישע האַנדלונגען אין די לעצטע עטלעכע יאָר, פון דער אַנטפּלעקונג פון דער טרויעריק באַרימטער „פרשה" ביז זיין איצטיקן אונטערגראָבן דעם יסוד פון דער רעגירונג אין אונדזער מדינה?

בלויז אייניקע פאַקטן פון יענער צייט, כדי צו זען, אַז די איצטיקע צעזעצערישע מעשים פון דוד בן־גוריון איז נישט קיין פּלוצימע ווענדונג אין זיין גייסטיק באַלעבאַטישקייט, נאָר איז אַ וויטערדיקער פּראָצעס פון זיין משיחישער באַנומענקייט, הגם זיין משיחישקייט איז שוין איצט אַ דעקאַדענטישע.

אין נאָוועמבער 1941 איז דוד בן־גוריון אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. אין דער זעלבער צייט האָט אויך געדאַרפט אָנקומען אַהין חיים ווייצמאַן.

צוליב די דייטשע באָמבאַרדירונגען און אונטערוואַסער־שיפן אויפן אַט־לאַנטיק האָט זיך ווייצמאַנס קומען קיין ניו־יאָרק פאַרצויגן אויף פינף חדשים. דוד בן־גוריון האָט דורך אַ ריי אינטריגעס בכלל געוואָלט פאַר־מיידן ווייצמאַנס קומען, און דורך אָט דער צייט האָט ער גורם געווען איין קאָנפליקט נאָכן צווייטן, כדי צו קאָנצענטרירן אין זיינע הענט אַלץ וואָס לאָזט זיך.

אין די לעצטע פופצן יאָר האָט זיך דוד בן־גוריון געהאַלטן אויף פאַר דעם משיח פון דער אידיי פאַר אַ קאָאָפּעראַציע מיט נישט־ציוניסטן. פאַר דעם צוועק האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט פון צעברעכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן צוזאַמען מיט אירע מנהיגים; דאָס האָט ער פאַרוואַנדלט דעם באַגריף ציוניזם אין אַ שימף־וואָרט און אים אַריינגענומען אין גענזנפיסלעך — „ציוניזם״. דער אמת איז אָבער, אַז דער פאַקטישער שעפער פון דער אידיי פאַר אַ צוזאַמענאַרבעט מיט נישט־ציוניסטן לטובת ארץ־ישראל איז געווען חיים ווייצמאַן. העכער אַ יאָר צייט האָט ער איניציאירט פאַרהאַנדלונגען מיט נישט־ציוניסטישע מנהיגים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט בראש מיט דעם ענערגישן מאיר ווייסגאַל אַלס סעקרעטאַר. נישט געקוקט אויף דעם וואָס חיים ווייצמאַנס קומען קיין ניו־יאָרק האָט זיך פאַרצויגן, האָט זיין פאַרטרויאונגסמאַן — ווייסגאַל — געטון אַלדאָס מעגלעכע, כדי צו דערפירן די באַציאונגען מיט די נישט־ציוניסטן צו אַזאַ סטאַדיע, אַז ווען ווייצמאַן וועט קומען זאָל מען קענען צוטרעטן צו קאָנקרעטע מעשים. אָבער דוד בן־גוריון האָט אויסגענוצט ווייצמאַנס געצוואונגענע אָפּוועזנהייט אַריינצונעמען דעם גאַנצן ענין אין זיינע הענט, אויסשפּילנדיק איינעם קעגן דעם צווייטן. ער האָט איינגעאָרדנט סעפּאַראַטע צוזאַמענטרעפן, אויסמיידנדיק דעם קאָמיטעט און איר אָנפירערשאַפט, ביז ס'איז איין מאָל (ביי אַ צוזאַמענטרעף אין הויז פון ד״ר סטיפען וויז) געקומען צו אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש.

ענלעך איז געווען מיט דעם קאָמיטעט פאַר אַ יידישער אַרמיי. דער קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן אונטער דעם פאָרזיץ פון פיער וואַן פאַאַסען, אַלפרעד א. סטרעלסין און אַנדערע. די איניציאַטיוו פאַר דער באַוועגונג פון

אַ יידישער אַרמיי איז געקומען מצד די רעוויזיאָניסטן, געוועזענע רעוויזיאָניסטן און דעם איבערבלייב פון דער אצ״ל־דעלעגאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער רעטונגס־קאָמיטעט, וואָס איז געהאַט פריער געשאַפן געוואָרן, איז געווען נישט אַקטיוו, במילא האָט דער קאָמיטעט פאַר אַ יידישער אַרמיי איבערגענומען די איניציאַטיוו. די מערהייט פון דעם רעטונגס־קאָמיטעט, מיט לואיס ליפסקי, ראַביי הלל סילווער, נחום גאָלדמאַן, מאיר ווייסגאַל, ביומען און אַנדערע זענען געווען פאַר אַ צוזאַמענאַרבעט, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט אין די לעבנס־אינטערעסן פון דעם ישוב אין ארץ־ישראל און נישט אין פערזענלעכע אַמביציעס. דוד בן־גוריון צוזאַמען מיט דער אַרבעטער־פּאַרשטייערשאַפט, וואָס איז געגאַנגען בלינד נאָך אים, האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן וועלכער עס איז צוזאַמענאַרבעט מיט די „מערדער״, ווי ער האָט זיי אָנגערופן. אָנשטאָט אין אָט דער גרויזאַמער צייט צו דערגרייכן אַ צוזאַמענאַרבעט פון אַלע כוחות אויף צו שאַפן אַ יידישע אַרמיי, האָט ער די כוחות געשפּאָלטן, די איניציאַטיוו איז געבליבן בלויז אין די הענט פון די רעוויזיאָניסטן און אצ״ל, און דער ציל פאַר זייערע ביטערע פיילן איז דעריבער געווען נישט ענגלאַנד, נאָר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און חיים ווייצמאַן. אין דער זעלבער צייט, ווי בן־גוריון האָט צונישט געמאַכט אַלע באַמיאונגען פאַר אַ יידישער אַרמיי, האָט ער נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין טיש און שרייען, אַז אויב עס וועט נישט געשאַפן ווערן אַ יידישע אַרמיי, איז ארץ־ישראל פאַרלוירן. דערפאַר אָבער האָט ער דערגרייכט אַ נקמה אין ווייצמאַנען, וואָס צוליב זיין פּאָפּולאַריטעט האָבן די עקסטרעמע גרופּן געצילט זייערע פיילן אין אים. שפּעטער האָבן בן־גוריונס אייגענע חברים, און קודם כל דער גאָבעלער חיים גרינבערג, מודה געווען, אַז בן־גוריונס מעשים זענען אומפאַרשטענדלעכע און משונהדיקע.

זיי האָבן דעמאָלט נישט געקענט וויסן וואָס מיר ווייסן שוין היינט, נאָך יאָרן פון משיחישע צעשטערונגען און ליקווידאַציעס.

ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, נאָך דראַמאַטישע און פּיינפולע נסיונות, וועט דער אינטעלעקטואַל און פקחותדיקער מענטשנקענער חיים ווייצמאַן, זייענדיק דער ערשטער נשיא פון מדינת ישראל, זיך אויס־

דריקן, אַז אָן שום ספק איז דוד בן־גוריון אַ פּעאיקער מענטש, ער האָט דעם כּוח צו שטעלן אויף זיך אַן סקרופּולן, „אָבער — האָט ער צוגעגעבן — איך וואָלט נישט געוואָלט זיין דערביי ווען ער וועט פּרווון צו צעשטערן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהאָלפן שאַפן".

נביאישע ווערטער!

די צעזעצערישע אַרבעט וואָס דוד בן־גוריון האָט געטון דעמאָלט אין ניו־יאָרק, האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין ארץ־ישראל. דער שעף פון דער „הגנה" איז דעמאָלט געווען משה קליינבוים (סנה). די אונטערערדישע קאַמפּס־באַוועגונגען, אצ"ל און לח"י, האָבן זייערע מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן די בריטן אויסגעפירט זעלבשטענדיק. ד"ר סנה, הגם אין זיין וועלטאַנשויאונג איז ער תּמיד געווען לינקער ווי בן־גוריון דער סאָציאַליסט, האָט געהאַלטן, אַז פאַר די לעבנסאינטערעסן פון דעם ישוב און כּדי די אומפאַרמיידלעכע קרבנות זאָלן נישט זיין אומזיסט, דאַרף מען אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די צוויי עקסטרעמע אונטערערדישע באַוועגונגען און האָבן אויף זיי אַן איינפלוס בנוגע דער צייט און אָרט פון זייערע באַוואָפנטע אַקציעס.

פאַר אָט דעם קאָנטאַקט מיט די „פּורשים", „פאַשיסטן" און „באַנדיטן", ווי דוד בן־גוריון האָט זיי אָנגערופן — האָט ער, דוד בן־גוריון, ליקווידירט ד"ר סנה מיט אַ פאַרביסנקייט, וואָס איז אייגנטימלעך נאָר פאַר אַ קנאישן משיח, וואָס האָט דאָס באַוווּסטזיין פון געטלעכער גערעכטיקייט אין זיינע האַנדלונגען.

דאָ, אין פאַל מיט ד"ר סנה, האָט דוד בן־גוריון אויסגעלעבט זיין גאַנצע ליקווידאַטאָרישע ליידנשאַפט, וואָס ער האָט בשום אופן נישט געקענט דערגרייכן קעגן ד"ר חיים ווייצמאַן. מיטן מאָמענט ווי ער האָט ד"ר סנה ליקווידירט, האָט בן־גוריון זיך באַרואיקט, ווייל ס'האָט אים געשיינט, אַז פאַר דעם ליקווידירטן איז מער נישטאָ קיין פּאָליטישער תּחית המתים. נישט אַזוי כּלפּי חיים ווייצמאַן. כּלפּי אָט דעם מאַן, וואָס ער האָט געהאָט בנוגע אים דאָס אַבסאָלוטע באַוווּסטזיין פון זיין גרויסקייט, האָט זיך בן־גוריון קיין מאָל נישט באַרואיקט. הגם ווייצמאַן איז געווען דער נאַטירלע־

כער קאַנדידאַט צו דעם הויכן אַמט פון מדינה־פּרעזידענט, האָט בן־גוריון איניציאירט פאַר דער צירקולאַציע אין דער עפנטלעכקייט נעמען פון אַנדערע קאַנדידאַטן, ווי, למשל, אַלבערט איינשטיין, כדי צו דערנידעריקן דעם נאָבלמאַן און שטאַטמאַן, וואָס נאָך טעאָדאָר הערצלען איז ער געווען דער כלל־יידישער סימבאָל פאַרן פּאָליטישן ציוניזם. און אַז דער אויסוואַל איז דאָך געפאַלן אויף חיים וויצמאַן, האָט דוד בן־גוריון זיך נישט באַ־רואיקט ביז אים איז געלונגען אויסצולייזיקן דעם פּרעזידענטן־אַמט אַזוי ראַדיקאַל, אַז אים זאָל נישט איבערבלייבן די מינדסטע אַפילו פּאָליטישע השפעה, נאָר זיין פונקציע זאָל זיין אַ ריין רעפּרעזענטאַטיווע. אָבער אויך דער נצחון האָט נישט באַפרידיקט בן־גוריונען. די רעזידענץ אין רחובות איז געוואָרן נישט נאָר די רעזידענץ פון דעם ערשטן נשיא פון מדינת ישראל, נאָר אויך די רעזידענץ פון דעם וועלט־באַרימטן וויסנשאַפטלער, אינטעלעקטואַל און הומאַניסט און דעם סאַמע פּאָלקסטימלעכסטן יידישן מנהיג.

דוד בן־גוריון האָט עס נישט געקענט מוחל זיין, וואָס דעם פּאָליטיש־אויסגעליידיקטן אַמט פון מדינה־פּרעזידענט האָט חיים וויצמאַן אויסגע־פילט מיט אומפאַרגלייכלעכע ווערטן — גייסט, וויסן און הומאַניזם, און ער האָט דעם פּלאַץ פון זיין פּרעזידענטן־רעזידענץ פאַרוואַנדלט אין דעם וועלט־באַרימטן וויסנשאַפטלעכן צענטער. דאָ דאַרף מען זוכן די סיבה הלמאי דוד בן־גוריון ווערט נישט מיד אויך נאָכן טויט פון דעם ערשטן נשיא צו מינימאַליזירן די היסטאָרישע פאַרדינסטן און דעם אימאַזש פון חיים וויצמאַן.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז דוד בן־גוריון אונטערשיידט נישט אין זיינע מלחמות צווישן לעבעדיקע און טויטע. אָבער דאָ דאַרף נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז זיין קנאַישער קאַמף קעגן ד״ר חיים וויצמאַן אין דער אייביקייט, איז נאָך שטאַרקער און פאַרביסענער ווי עס איז געווען זיין קאַמף קעגן דעם פאַרשטאָרבענעם מדינה־וויזיאָנער און וווּנדערבאַרן שריפטשטעלער וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. דאָס נעמט זיך אפשר דערפון וואָס טיף אין זיין באַוווּסטזיין איז וואַך דער פאַקט, אַז ער האָט פון זשאַ־באָטינסקין זיך פאַראייגנט די שענסטע און געוואַגטסטע אידייען. מיר האָבן

דאָ צו טון מיט דעם זעלבן פּסיכאָלאָגישן פענאָמען פון אַ פלאַגיאַטאָר, וואָס וויל נישט, אַז דאָס אָרגינעלע ווערק און זיין שעפער זאָלן צו פיל דערמאָנט ווערן... אַזוי קען מען אויך מיט מאָטיוון פון פּסיכאָלאָגיע פאַרענטפערן די לאַנגע רשימה פון דוד בן־גוריונס ליקווידאַציעס און פּרוּוון פון ליקווי־דאַציעס — פון משה בן עמרם ביז חיים בן עוזר, ביז וולאַדימיר זשאַבאָ־טינסקי, ביז הלל סילווער און ביז ער האָט אָנגעהויבן זיין ליקווידאַציע־פּראָצעס פון די אַלע, וועלכע האָבן אים געהאָלפן און מיט זייערע אייגענע כוחות געשפּייזט זיין משיח־קאָמפּלעקס.

די דראַמע

מענטשן, וואָס ווילן זיך נישט צו פיל פאַרטיפן, באַצייכענען דוד בן־גוריונס נצחונות אין באַזייטיקן און ליקווידירן זיינע קעגנער ווי אַ רעזול־טאַט פון זיין דורכגעטראַכטער און ניכטערער טאַקטיק־סטראַטעגיע. דער ענין איז אַ סך טיפער. דוד בן־גוריון האַנדלט נישט ווי אַ ניכטערער טאַק־טיקער און פּאָליטיקער. ניכטערקייט איז אין פולן קעגנזאַץ צו זיין גייס־טיקער קאָנסטיטוציע. אַ ניכטערער טאַקטיקער און פּאָליטיקער זעט זיינע האַנדלונגען אויב נישט ווי מיטלען פון אַ באַשטימטן ענדציל איז לכל הפּחות ווי מיטלען אויף צו שטאַרקן דאָס דערגרייכטע. דערקעגן איז דוד בן־גוריון גרייט אַפילו צו צעשטערן דעם וועג צו דעם ענדציל ווי אַ פּרייז צו באַפרידיקן זיינע משיחישע אַמביציעס פון צו זיין דער „אחד בדורו", וואָס ער האָט אַזוי ליב צו הערן.

אַלע זיינע האַנדלונגען דרייען זיך אַרום דער דאָזיקער אַקס. דער צייט־צופאַל האָט אים אויך צוגעשפּילט. דעמאָלט ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעצידירנדיקע טעג ערב דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, איז בן־גוריון געווען אין זיין באַוועגונג די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייט. זיין עקשנות, באַפּאַרבט מיט מיסטיציזם, און זיין סקרופּוללאָזיקייט האָבן אים געהאָלפן שפּילן וואַ־באַנק. בערל קאַצענעלסאָן, דאָס געוויסן פון דער באַוועגונג, דער איינציקער פאַר וועלכן בן־גוריון האָט נאָך געהאַט אַ ביסל דרך־ארץ,

האָט שוין נישט געלעבט. האָט ער מיט דעם אימפּעט פון אַ מאַטאַריזירטן משיח באַוועלטיקט די פּאַרטיי.

אַ פּאַרטיי, ווייסן מיר, איז נישט קיין קלוב פאַר דיסקוסיעס, בפרט אַ פּאַרטיי, וואָס פירט אויס מלוכהשע פונקציעס. אַזאַ פּאַרטיי דריקט זיך אויס כלפּי חוץ אין באַשלוסן און קאָנקרעטע מעשים, וואָס אַפילו ווען זיי זענען געווען אינערלעכע מיינונגס־פאַרשידנהייטן — שווייגן די אינער־לעכע אָפּאָזיציאָנערן. דוד בן־גוריון האָט באַהערשט די פּאַרטיי און זיין שטעלונג איז געוואָרן די שטעלונג פון דער באַוועגונג. דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט און געררייצט דעם משיחישן קאָמפּלעקס פונעם מנהיג. אַפילו די, וועלכע זענען געווען קעגן אים אין דער פּאַרטיי, האָבן געשוויגן. זיי האָבן געשוויגן און געליטן, נישט בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט פאַרמעסטן מיט זיין עקשנות, צילבאַוווסטקייט און פאַרנעם, נאָר דערפאַר, ווייל אַ באַוועגונג ווי די וואָס בן־גוריון האָט פאַרטראָטן, האָט געמוזט האָבן אַ פאָן־פערזענלעכקייט. דוד בן־גוריון איז געווען אַ פרעכ־טיקע פאָן, אַ שטאַרקער מאַן, ער ווייסט נישט פון קיין פרייז פאַר קרבנות, אויב ער זעט איין, אַז דער ציל פאָדערט די קרבנות; ער איז ריקזיכטלאָז; מיט איין וואָרט: ער האָט דאָס באַוווסטזיין פון אַ דערלייזער.

זיינע נאָענטסטע פריינד — פריינד כלפּי אים, אָבער נישט ער כלפּי זיי, ווייל בן־גוריון איז, שיינט מיר, איבערהויפּט נישט פעאיק צו זיין עמעצנס פריינד — האָבן זיך מקריב געווען, כדי אויפצובויען זיין אימאַזש. זיי האָבן צענפאַכיק אויפגעבלאָזן זיינע נצחונות און אַפילו זיינע דורכפאַלן דער־הויבן צו נצחונות. דעם טראַגיזם פון אַ שעקספּירישער דראַמע אין די באַציאונגען צווישן דוד בן־גוריון און זיינע פּאַרטיי־חברים האָט לסוף אַרויסגעבראַכט משה שרת, ווען ער איז אַ קראַנקער געבראַכט געוואָרן אויף אַ רעדל־שטול צו דער היסטאָרישער זיצונג פון דער פּאַרטיי־קאָנ־פערענץ, כדי צו זאָגן דאָס וואָס אַ סך אַנדערע האָבן אים, בן־גוריונען, געוואָלט זאָגן און נישט געקענט עס פריער זאָגן. ווייל דעמאָלט ווען פון בן־גוריונען האָבן שווער געליטן אליעזר קאַפּלאַן, צי יוסף שפּרינצאַק — האָט זיי דער ווייל פון דער באַוועגונג און פון דער מדינה געצוווּנגען צו שווייגן. פאַרביטערטע זענען זיי אַוועק פון דער וועלט.

משה שרת האָט געהערט צו די נאָבלסטע מענטשן אין מדינת ישראל, ער האָט געהערט צו די מייסטער פון שוויגן. אָבער אויף דער שוועל פון טויט און אין אָנבליק פון דעם מאָראַלישן חורבן, וואָס בן־גוריון האָט שוין אין יענע טעג געהאַט געבראַכט אויף דער באַוועגונג און אויף דער מדינה — האָט משה שרת אין אַ פאָרם פון זעלטענער קוואַליטעט, אַראָפּ־געריסן די משיח־מאַסקע פון דעם מנהיג און אים באַשולדיקט אַזוי ווי קיינער האָט עס נישט געטון פריער.

אין משה שרתס ווערטער איז אָבער אויך געווען אַ פאַרענטפערונג — אַ היסטאָרישע פאַרענטפערונג — פאַרוואָס ער און אַנדערע האָבן צוגעלייגט טיילן פון זייער לעבן, כדי אויפצובלאָזן און קאָלאָריזירן דעם אימאַזש פון דוד בן־גוריון ; צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ משיח. וואָרעם אין דער פּערס־פּעקטיוו קען מען זען צווישן די גרויסע זאַכן, וואָס דוד בן־גוריון האָט ווירקלעך אויפגעטון, אויך די טויטלעכע וווּנדן, וואָס אַ טייל פון זיינע מעשים האָבן גורם געווען — געוויינען אויף דורות !

נאָך דעם חורבן פון אונדזער פאָלק אין דער היטלער־תקופה, איז עס אַ נס מן השמים וואָס די דערשיינונג פון אַ משיח איז נישט געווען אָפּגע־ריסן פון פּראַקטישער פּאָליטישער דערלייזונג. אַ דאַנק דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, וואָס האָט דעם יידישן פאָלק געגעבן כוח זיך ווידער אויפצובויען פון דעם חורבן, איז פאַרמיטן געוואָרן אַ צווייטע קאַטאַס־טראָפע — אַזאַ, וואָס איז אומפאַרמיידלעך אין רעזולטאַט פונעם דערשיינען פון אַ מיסטיפיקאַטאָרישן משיח. ווי וואָלט געווען צו אונדז ווען דער אויפשטייג און די דעקאַדענץ פון דוד בן־גוריון וואָלטן זיך אָפּגעשפּילט אָן דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. היינט, ווען ער צעברעכט די מאָראַל פון אונדזער שטאַטלעכקייט, ווען ער ברענגט אַריין אין אונדזער מדינה גייסטיקע פאַרווירונג — האָבן מיר אַ שוצוואַנט — די מדינה — פון וועל־כער מיר קענען זיך ווערן. ווען נישט אָט די שוצדאַמבע וואָלטן מיר מסתמא היינט געהאַלטן דאָרט, ווו עס האָבן געהאַלטן די יידן אין דער דעקאַדענץ־תקופה פון שבתי צבי.

נישט געקוקט אויף די איבערבלייבענישן פון דעם פּרעסטיזש, וואָס איז אים נאָך געבליבן אין די אויגן פון לייטן אויסער מדינת ישראל, און

נישט געקוקט אויף דעם „אַוואַנגאַרד", וואָס ער האָט דערצויגן אין זיין שאָטן — וועט אים נישט געלינגען מיט זיין משיחישער דעקאַדענץ מיטצו־שלעפן — חלילה — די מדינה.

ד"ר חיים וויצמאַנס פחדים, אַז בן־גוריון וועט פּרוּוון צו צעשטערן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהאָלפן שאַפן, האָבן אונדז נאָך פריער מאָבילי־זירט צו וואַכזאַמקייט!

אָן שום ספק פאַרמאָגט דוד בן־גוריון קאָלאָסאַלע פעאיקייטן; ווייט נישט דורכשניטלעכע פעאיקייטן, וואָס ווערן אויך געשפּייזט פון זיין מיס־טיציזם. ער פאַרמאָגט אָבער נישט קיין ניצוץ פון דער פעאיקייט צו פילן יענעמס ליידן, הגם ער איז אומגעהויער פילבאַר צו זיינע אייגענע ליידן. טאָמער וואָלט ער יאָ געווען פעאיק צו אַזאַ געפיל, וואָלט ער נישט צע־בראָכן די מאָראַל און דעם גייסט אין דער מדינה במשך פון יאָרן, מיט אַזאַ אכזריותדיקער פאַרביסנקייט.

דוד בן־גוריונס פאַרביסנקייט און אויך האַרצלאָזיקייט האָט מיך אויפגעטרייסלט צום ערשטן מאָל אַ פּאָר חדשים נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דוד בן-גוריונס מוזיקאַלישקייט...

קיין ארץ־ישראל איז דעמאָלט אָנגעקומען אַ לעבנגעבליבענע געטאָ־אויפשטענדלערין. זי איז געקומען קיין ישראל ווי יענע טויב, וואָס האָט נאָכן מבול צוריקגעקערט אין נחס תיבה. נאָר די יונגע פרוי האָט פון דער נאָך־מבול־וועלט נישט געקענט ברענגען קיין אָליוון־צווייגל, אָדער אַן אַנדער צייכן פון לעבן. זי איז געקומען אַ ליידיקע. די דייטשן האָבן פאַר־ניכטן אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקערט צו יידן — דעם גוף, דעם נפש, דעם גייסט, די מי און מאַטערניש פון דורות. זי איז געקומען ווי אַ יתומה נאָך אַ גאַנץ פאָלק. אין זאַל פון „אהל"־טעאַטער אין תל־אביב האָט זי פאַר די פאַרזאַמלטע אַרבעטער־מנהיגים געקענט בלויז דערציילן עפּעס פון דער עפּאָפּייע, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע:

ווי אַזוי קליינע קינדער און אומבאַהאָלפענע פרויען און זקנים האָבן געפּירט אַ געראַנגל מיט אַ מאַכט, וואָס איז געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס; זי האָט דערציילט מיט וואָס פאַר אַ פערפידע מיטלען די דייטשן האָבן אומגעבראַכט אַן אומבאַוואָפנט פאָלק, צום ערשטן די יידן אויסגעהונגערט, געשאַפן פאַר זיי באַדינגונגען פאַר עפּידעמיעס, דאָס לעבן זאָל די קרבנות נמאס ווערן. אָבער די קרבנות האָבן זיך געראַנגלט מיט אַ העראָישקייט וואָס איז זעלטן אַפילו פאַר אַ באַוואָפנטער אַרמיי אין אויסזיכטלאָזער באַלאַגערונג. יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך געקענט אַדורכרייסן דורך די קאָרדאָנען פון טויט און שנאה, זענען אַוועק אין די וועלדער און געקעמפט ווי פּאַרטיזאַנער. די לעצטע האָבן, אָן אויסזיכטן אויף נצחון, אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד און געקעמפט מיט אַ גבורה, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

די שילדערונגען פון דער געטאָ־קעמפער האָבן דערשיטערט די אַנוועזנדיקע. ס'איז זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון און זיי זענען נישט געווען פעאיק צו רעאַגירן. דאָס, אַז אַ גאַנץ פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרן, האָבן זיי געוווּסט פון פריערדיקע ידיעות, נאָר די קאַטאַסטראָפע איז נישט דערגאַנגען צו זייער באַוווּסטזיין; אירע שילדערונגען האָט פאַר זייערע אויגן אַוועקגעשטעלט לעבעדיק־דערשיטערנדיקע בילדער מיט אַזאַ כוח, אַז פון דעם באַקומענעם שאָק האָבן די מענטשן נישט געקענט רעאַגירן. דער איינציקער וואָס האָט יאָ רעאַגירט איז געווען דוד בן־גוריון. צי האָט ער רעאַגירט ווי אַ זון רעאַגירט אויף דער פאַרלענדונג פון זיין פאָלק? צי האָט ער רעאַגירט כאָטשבי ווי אַ פּאָליטיקער רעאַגירט, ווען ער דערוווּסט זיך, אַז ער האָט שוין נישט פאַר וועמען צו זיין אַ פּאָליטיקער? אָדער האָט ער לכל הפחות רעאַגירט ווי אַ מענטש וואָס מען גיט אים איבער אַ ידיעה, אַז מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן זענען אומגעקומען, לאָמיר זאָגן, אין אַן ערדציטערניש?

דוד בן־גוריון האָט רעאַגירט מיט איין טרוקענעם זאַץ: „דאָס לשון, אין וועלכן זי האָט דערציילט די טרויעריקע זאַכן האָט מיר געגרילצט אין אויער".

מער גאָרנישט...

די יונגע קעמפּערין האָט דערציילט אין יידיש. פון דעם אַלעם, וואָס זי האָט דערציילט, פון דער גאַנצער פאָלקס־טראַגעדיע, פון דעם מוראדיקן איכה־באַריכט אירן — האָט דוד בן־גוריון געפּילט בלויז איין זאַך: אַז דאָס יידישע לשון מיט וועלכן מיליאָנען זענען געפירט געוואָרן צום טויט, גרילצט אים אין אויער... וואָס פאַר אַ פּערפעקטע מוזיקאַלישקייט!

אין אָט דעם ספּאָנטאַנעם אויסברוך האָט דוד בן־גוריון פולשטענ־דיק דעמאַסקירט זיין מאָראַלישן און גייסטיקן פּאָרטרעט. די שפּעטערדיקע אופנים פון זיינע מעשים און ספּאָנטאַנע רעאַקציעס וועלן זיין בלויז באַ־שטעטיקונגען, אַז פאַקטיש האָט נישט דער דאָזיקער מאַן קיין הייליקייטן. אויב ער איז גרייט פאַר עפּעס צו געבן קרבנות — זענען עס קרבנות פון אַנדערע, און דאָס דערגרייכטע איז ער עלול צו צעברעכן, אויב עס האָט אויפגעהערט צו רעקאָמפּענסירן אים זיין מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס.

פאַרוואָס און צוליב וועלכע סיבות איז דער דאָזיקער מאַן דורכגענומען מיט אַ לאָדונג פון שנאה, וואָס ענדיקט זיך קיין מאָל נישט?

דוד בן־גוריון האָט קיינעם נישט ליב; ער טאָלערירט בלויז די, וועלכע פירן אויס בלינד זיינע באַפעלן. ווי נאָר עמעצער פון די טאָלע־רירטע ווייזט אַרויס די מינדסטע זעלבשטענדיקייט פון מחשבה און איז נישט מסכים מיט אים — ווערט ער אַ קרבן פון זיין צאָרן. איצט זענען די קרבנות פון זיין צאָרן די בעסטע און די נאָענטסטע, וואָס האָבן אים אויפ־געבויט, אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן זיי באַגריפן זיינע צעשטערע־רישע מעשים און זיך אָפּגעהאַלטן פון העלפן אים אין דעם.

די ביז איצטיקע ביאָגראַפן פון דוד בן־גוריון האָבן נישט געמאַכט דעם קלענסטן פּרווו אַפילו אַריינצודרינגען אין דער נשמה פון אָט דעם נישט־דורכשניטלעכן מענטש. אַלע ביז איצטיקע ביאָגראַפיעס זענען אויי־בערפלעכלעכע און פּאַנעגירישע. די ביאָגראַפיעס זענען געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון בן־גוריונס אויפשטייג צוזאַמען מיט דעם נס פון דער מדינה. זענען אַלע נצחונות צוגעשריבן געוואָרן בלויז אים.

סען דזשאָן מערקט אָן אויבערפלעכלעך, אַז

„נאָך 1920 זענען בן־גוריון און וויצמאַן נישט איין מאָל אויפגעטרעטן אין צענטער פון דער טריבונע, און בן־גוריון

פלעגט זיך באַנוצן מיט פאַרשיידענע פאַרטלען, ער זאָל נישט דאַרפן גיין אויף דער טריבונע צוזאַמען מיט ווייצמאַנען. ער האָט געוווּסט, אַז די רעאַקציע פון פובליקום וועט זיין באַאיינפלוסט פון דעם אונטערשייד אין (פיזישן) וווקס צווישן זיי ביידע. אַז ווייצמאַן האָט נאָר אָנגעהויבן שפּאַנען צו דער טריבונע, האָט בן־גוריון אויסגעפונען אַ מענטש, מיט וועמען ער האָט געדאַרפט עפּעס אַדורכרעדן, אָדער ער האָט געזוכט ערגעץ־ווו אַ באַהעלטעניש צו טרינקען אַ גלאָז וואַסער, און נאָר נאָך דעם ווי דאָס פובליקום איז אויסגעבראָכן אין אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן פאַר דעם „אַרכיטעקט פון ישראל", איז זיך בן־גוריון רואיק אַרויף אויף דער טריבונע און האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ צווישן די רעדנער".

אַן ערנסטער ביאָגראַף וועט זיך נישט קענען באַגענוגענען מיט שעפּן מאַטעריאַלן וועגן דוד בן־גוריונען, פון מענטשן, וואָס זענען באַווירקט פון זיינע שפּעטערדיקע דערגרייכונגען, אָדער פון דער געשיכטע וואָס איז געשריבן געוואָרן אונטער זיין השפעה. ער וועט מוזן אַוועקלייגן אין אַ זייט אַלע ביז איצטיקע פּאַנעגירישע און איבערפלעכלעכע ביאָגראַפיעס און זיך קודם כל אומקערן צו זיין קינדהייט. דאָרט, אין דער וויטער פאַרגאַנגענהייט, אין דער סביבה פון דעם פוילישן שטעטל פּלאָנסק, ווו זיין נשמה האָט אויפגענומען די ערשטע דערפאַלגן אָדער קלעפּ, דאַרף מען זוכן דעם גורם פאַר דער געשטאַלטונג פון זיין פּסיכע.

די גענעזע

געוויסע האַנדלונגען פון דוד בן־גוריון, נישט אין דער ספערע פון פּאָליטיק, האָבן מיך אינטריגירט במשך פון אַ סך יאָרן. איך האָב זיינע האַנדלונגען נישט געקענט אויסטייטשן דיאַלעקטיש. דעם שליסל צו די האַנדלונגען און צו זיינע קאָמפּלעקסן האָב איך באַקומען ערשט שפּעטער, ווען איך האָב אין אַ פילשעהדיקן שמועס מיט זיינעם אַ לאַנדסמאַן באַ־

קומען אַ מער־ווייניקער פול בילד פון זיין קינדהייט און יוגנט. פּלאָנסק איז געווען איינס פון די הונדערטער יידישע שטעטלעך אין פּוילן. אין דעם שטעטל האָבן זיך אַלע יידן געקענט און אַוודאי האָט מען איבערהויפּט געקענט די כאַראַקטעריסטישע פאַמיליעס אין דעם שטעטל. דער מיטשמועסער מיינער איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון דוד בן־גוריון, דאָס הויז פון זיין פאָטער איז געווען משכיליש־ציוניסטיש, האָט ער געקענט די גאַנצע יוגנט, וואָס האָט געהאַט וועלכן עס איז אינטערעס פאַר ציוניזם. דעריבער האָט ער אויך געקענט דוד גרין און זיין פאַמיליע, וואָס האָט זיך אין דעם שטעטל אויסגעטיילט.

אַלזאָ, הגם דוד גרין האָט נישט געליטן פון מאַטעריעלער נויט, איז זיין ערשטע יוגנט ווייט נישט געווען אַ גליקלעכע. קודם כל האָט ער געליטן פון זיין אויסערלעכקייט — פון נידעריקן וווקס, מיט אַ קאָפּ נישט פּראָפּאָרציאָנעל גרויס צו זיין קליינעם קערפּער; דאָס איז די אויסערלעכקייט, וועגן וועלכער עס דערציילט סען דזשאָן, אַז זי האָט אין די אויגן פון אַ צאַרישן פּאָליציסט אַרויסגערופן דעם פאַרדאַכט, אַז ער האָט צו טון מיט אַ „געפערלעכן פּאָליטישן אַגיטאַטאָר". אויף די פּלאָנסקער שיינע מיידלעך האָט ער נישט געווירקט ווי אַ „געפערלעכער פּאָליטישער אַגיטאַטאָר" — וואָס וואָלט, פאַרקערט, געווען אַ היפּשער בייטראַג יאָ געפעלן צו ווערן. די מיידלעך אין פּלאָנסק האָבן מיט זייער גאַנצער אוממיטלבאַרקייט אַרויסגעוויזן אים אַבסאָלוטע אומפאַראינטערעסירטקייט; זיי האָבן געהאַט אַ היפּשן אויסוואַל פון שיינע און אינטעליגענטע יונגעלייט פון משכילישע היימען, ווי, למשל, שלמה צמח, יצחק גרינבוים און זייערס גלייכן — די יידישע אַריסטאָקראַטישע קינדער פון פּלאָנסק. דוד גרינס ערשטע ליבע איז געווען אַן אומגליקלעכע — אָן דערפאָלג, אַן איינזייטיקע. דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז דער יונגער גרין האָט אין פּלאָנסק נישט געהאַט קיין אינטימען חבר — נישט פון מענלעכן און נישט פון ווייבלעכן געשלעכט. ער האָט זיך געפילט באַוועלהט און איינזאַם — צוויי גורמס פאַר טיפע וווּנדן אין דער נשמה פון אַ יוגנטלעכן. אָט דער מצב זיינער איז אייגנטלעך געווען דער דירעקטער שטויס צו פאַרלאָזן פּלאָנסק. אין וואַרשע, אין דער גרויסער און רוישיקער שטאָט, האָט ער די איינזאַמקייט געפילט

נאָך שטאַרקער. זיין דערפאָלג איז דאָ נישט געווען גרעסער ווי אין פלאָנסק. אין זין פון „משנה מקום — משנה מזל" איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואָס האָט געקענט לינדערן זיין איינזאַמקייט, אָבער נישט רעקאָמפּענסירן זיין מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס.

אַוודאי איז בן־גוריון געווען אָנגעצונדן פון דער ציוניסטישער אידיי, און ווייל אויף זיין יוגנטלעכקייט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס קעגן צאַריזם — איז עס געווען נאַטירלעך ווען ציוניזם איז ביי אים געוואָרן פאַרבונדן מיט סאָציאַליזם. אַרבעט, און בעיקר ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל, איז געווען דער הייליקער פּראָטעסט פון דער ידישער יוגנט קעגן דעם ידישן בירגערטום, וואָס האָט צוליב היסטאָרישע סיבות געהאַלטן פיזישע אַרבעט פאַר נישט קיין אידעלן ענין. אין ארץ־ישראל האָט זיך דער יונגער דוד גרין אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט לייב און לעבן. אָבער אויף אַ קליינעם פּרט דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכן, כדי צו באַקומען אַן ענטפער אויף זיינע שפּעטערדיקע האַנדלונגען:

דוד בן־גוריון האָט געערן צו עקספּאָנירן זיינע פאָטאָגראַפיעס. באַזונדערס עקספּאָנירט ער צוויי: איינע, מיט אַ גרופּע אַרבעטער ביי אַ ווייַנקעלער אין ראשון לציון. אויף דעם בילד פון אַ גרעסערער גרופּע אַרבעטער איז דוד בן־גוריון דער איינציקער, וואָס איז אָנגעטון אין אַן אַרבעטס־פאַרטעך און האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, כדי קיינער זאָל נישט האָבן דעם מינדסטן טעות, אַז ער א י ז אַן אַרבעטער. סך־הכל איז זיין פיזישע אַרבעט אין ארץ־ישראל געווען נישט מער ווי אַ קורצער עפּיזאָד. דאָס צווייטע בילד, וואָס ער עקספּאָנירט, איז אַ בילד, וווּ ער שטייט אין דער פּאָזע פון נאַפּאָלעאָן און אין צופּיסנס ליגט די צייטונג „האחדות", כדי קיינער זאָל נישט מאַכן קיין טעות, אַז ער האָט צו טון מיט גייסט. אַפילו שוין אַלס פּרעמיער־און זיכערהייטס־מיניסטער פון ישראל, האָט דוד בן־גוריון נישט אויפגעהערט צו פּאָזירן און אָנגעבן זיך, אַז ער איז פון דער פּראָפעסיע אַן ערד־אַרבעטער און אַמאָל אַ — זשורנאַליסט, הגם ער האָסט זשורנאַליסטן.

די ערשטע יוגנט לאָזט איבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק אויף אַ מענטש און אויף זיין גאַנץ לעבן. אַפילו מאַטעריעלע נויט אין דער יוגנט,

אויב נאָר זי ווערט באַגלייט מיט זעלישער גאַנצקייט, ווערט שפּעטער ראָמאַנטיזירט און די יוגנט ווערט אַ קוואַל פון נאָסטאַלגיע. בן־גוריון אַנטלויפט פון יענער ערשטער יוגנט זיינער אין פּלאָנסק און ער מאָטי־ווירט עס מיט האַס פאַרן גלות. חיים נחמן ביאַליק שטאַמט פון אַ נאָך קלענער שטעטל ווי פּלאָנסק, און אַזוי אויך חיים ווייצמאַן. זייער גלות־פאַרניינונג האָט אָבער מיט גאָרנישט געשטערט זייער זעלישע באַציאונג צום פּייזאַזש פון זייער ערשטער יוגנט... בן־גוריון, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין עלטער פון 20 יאָר, הייבט אָן זיין לעבן אין ארץ־ישראל. פון פּלאָנסק האָט ער גאָרנישט מיטגעבראַכט, אויסער זיין מינדערווערטי־קייטס־קאָמפּלעקס. דאָ רעקאָמפּענסירט ער זיך אין אַ פירער־קאָמפּלעקס, וואָס וועט זיך שפּעטער אַנטוויקלען אין אַ משיח־קאָמפּלעקס.

דער מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס גייט צוזאַמען מיט זיין משיח־קאָמפּלעקס, ווי דאָן קיכאָט גייט צוזאַמען מיט סאַנטשאָ פּאַנטשאָ, און זייער טרעגער, דוד בן־גוריון, איז אַזוי עגאָצענטריש, אַז אין זיינע מעשים אונטערשיידט ער נישט צווישן בויען און צעשטערן. מיט דער זעלבער אַבסאָלוטער איבערצייגונג אין צדק און אין יושר בויט ער און צעברעכט. ער איז באַנומען מיט חשדים, אַז אויב אַנדערע טוען נישט דאָס וואָס ער באַפעלט און אין זיין נאָמען — זענען זייערע מעשים קעגן אים פּערזענלעך, קעגן דעם יושר און קעגן דעם צדק...

אויף צו באַפרידיקן זיין משיחישן קאָמפּלעקס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ לעגענדע, אַז ער איז געווען דער איינציקער צווישן אַלע מנהיגים, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט דערפאַר, אַז מדינת ישראל זאָל דערקלערט ווערן אין דעם טאָג, ווען די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, דעם 14טן מאַי 1948. פון דעם איז לאָגישערוויז געדרונגען, אַז אַלע אַנדערע זענען געווען קעגן דעם. דאָס איז אַ בולטער שקר. פּראָקלאַמירן די מדינה איז דאָך געווען נישט בלויז אַ טעכנישער ענין, נאָר אַ גורלדיקער — אַן ענין פון לעבן און טויט פאַר די זעקס הונדערט און פופציק טויזנט יידן דעמאָלט אין ארץ־ישראל. שוין דעמאָלט האָט דוד בן־גוריון נישט געטיילט זיך מיט זיינע באַשלוסן פאַר מעשים, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער, וואָס די השגחה האָט אים באַשטימט צו זיין דער גואל און באַשטימער. איז דען

אַ וווּנדער, וואָס אַ טייל פון די מנהיגים האָבן ביים דיסקוטירן דעם טאָג פון פּראָקלאַמירן די מדינה נישט באַהאַלטן זייער אומרו? דוד בן־גוריון האָט זיי נישט דערציילט וואָס פאַר אַן אינפאָרמאַציעס ער האָט פון דעם געהיימדינסט פון דער „הגנה“ וועגן דעם כוח פון די אַראַבער, פּונקט ווי ער האָט זיי נישט דערציילט, אַז דורך משה שרת און אליהו ששון, וועלכע האָבן זיך אין חודש אַפּריל 1948 געטראָפן מיט דעם מלך עבדאַללאַ ביי נהריים, האָט ער דערגרייכט אַ הסכם מיט דעם הערשער פון עבר־הירדן אויסצוליפערן אים דעם משולש און זיך פאַרטיילן מיט ירושלים, כדי די שטאָט זאָל נישט ווערן אינטערנאַציאָנאַליזירט, ווי עס איז געווען די באַשטימונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער פון 29סטן נאָוועמבער 1947. גענוי ווי שפּעטער, ערב דער סיני־אַקציע, האָט דוד בן־גוריון נישט בלויז אויסבאַהאַלטן פון די מיניסטאָרן פון זיין קאַבינעט וועגן די פאַרהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, און דעם באַשלוס פון מלחמה האָט ער אָנגענומען אויף זיך אייגענער אחריות, אַזוי אויך איז די ציוניסטישע ליטונג סיי אין לאַנד און סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן ערב דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה נישט געווען אינפאָרמירט וועגן די פאַקטן, וואָס בן־גוריון האָט געשאַפן אויף אייגענער האַנט, ווייל ער האָט אויך געהאַט די אויסשליסלעכע אינפאָרמאַציע פון געהיימדינסט. און דאָך איז די מערהייט געווען פאַר פּראָקלאַמירן די מדינה אין דעם טאָג ווען די בריטן וועלן זיך עוואַקויִרן פון לאַנד.

מיט דער איינציקער שטים פון בן־גוריונען וואָלט די מדינה נישט פּראָקלאַמירט געוואָרן.

שפּעטער וועט דוד בן־גוריון שרייבן אין זיין „געשיכטע“ ווי אַ פאָר־וווּרף, אַז אין דעם טאָג ווען די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן איז חיים וויצמאַן נישט געווען אין לאַנד... פערצן יאָר נאָך דעם טויט פון דעם ערשטן נשיא פון דער ווידעראויפגעשטאַנענער יידישער מדינה, איז זיך בן־גוריון נאָך אַ מאָל נוקם אין אים און גיט אַן אָנדייט (אין אַן ענגלישער אויסגאַבע*) ווי ער וואָלט אין טאָג פון פּראָקלאַמירן די מדינה מורא

* זע דאָס אַרטיקל ישראלס „קראַטקי קורס“.

געהאַט צו קומען קיין ארץ־ישראל, ווי ער וואָלט דעזערטירט. שוידערלעכע אכזריות. ער דערמאָנט נישט מיט קיין איין אײנציק וואָרט אפילו, אַז חיים ווייצמאַן איז געבליבן יענעם טאָג אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל דווקא דערפאַר, אַז אין תל־אביב זאָל מען קענען פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה. ער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר אַ פּאָליטישער אונטערשטיצונג און פאַר די נייטיקע מיטלען, אָן וועלכע די יונגע מדינה וואָלט נישט געקענט פירן איר העראָאישע מלחמה קעגן די אַראַבישע איבערפאַלער.

וואָס אָבער עס איז יאָ אויסבאַהאַלטן געוואָרן במשך פון אַ סך יאָרן — כדי חלילה נישט צו מינערן קיין ברעקל פון דער אומטעותדיקייט פון דעם משיח — איז זיין אָפּמאַך מיט עבדאַללאַ. עבדאַללאַ האָט באַטירלעך דעם אָפּמאַך נישט געהאַלטן. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט איבערגעבן אים דעם משולש און די ירושלימער אַלטשטאָט. צוזאַמען מיט אַלע אַראַבישע שכנים איז אויך ער איבערפאַלן די יונגע מדינה און טייכן פון יונג יידיש בלוט האָט ער אויסגעצאַפּט ביי ירושלים און ביי לאַטרון. אָבער ווען עס איז געקומען צו אַ הסכם פון אצ״ל און דער „הגנה" אין ירושלים צו מאַכן אַן אָנגריף אויף דער אַלטשטאָט און זי באַהערשן, האָט דוד בן־גוריון דורך זיין פאַרטרויאונגסמאַן שלתיאל סאַבאָטירט די אָפּענסיווע. נישט דאָ איז דער פּלאַץ וועגן אָט דער דראַמע — אַ קלאָג אויף דורות! — צו שרייבן באריכות.

איך דערמאָן דעם פאַקט נאָר כדי צו ווייזן ווי זאָרגפעלטיק דוד בן־גוריון האָט זיך געמיט זיין משיח־פּאָרטרעט זאָל זיין אָן דעם מינדסטן פלעק, צוזאַמענגעשטעלט פון בלויז נצחונות.

היינט, ווען ער האָט צעשטעלט אין די ווינקלען די בעסטע מענטשן פון דער מדינה, ווען די, וועלכע האָבן אים אויפגעבויט און אויפגעבלאָזן זיין משיחיש געשטאַלט האָבן „זוכה" געווען צו די ערגסטע באַשמוצונגען, אָנהייבנדיק פון „זמרי" (דעם נאַציאָנאַלן פאַררעטער), ביז „גזלן־אויס־קרומער", ביז צו די סאַמע פערזענלעכסטע באַליידיקונגען, היינט איז שוין פאַר כמעט אַלע קלאָר, דאָס וואָס מיט אַכצן יאָר צוריק איז עס געווען בלויז פאַר גאָר ווייניק מענטשן קלאָר.

לאָמיר זיך נישט שעמען צו זאָגן, אַז די „הגנה", ווי אַ פּאַראַמיליטערישע באַוועגונג אונטער דער לייטונג פון די אָפּיציעלע מוסדות, איז געווען קאָנפּאָרמיסטיש, אָפּט געגאַנגען אַ שטיקל וועג צוזאַמען מיט די בריטן. ווען בעווין וואָלט צוגעשטימט צו געבן הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן...

דער אַוואַנגאַרד פון די קאַמפּס־כוחות פונעם ישוב זענען געווען דער פּלמ"ח, אצ"ל און לח"י. דוד בן־גוריון דער קנאי האָט אין דעם לינקן פּלמ"ח געזען פּונקט אַזאַ אוזורפּאַטאָרישן שטערונגס־כוח פאַר זיינע משיחישע אַמביציעס, ווי ער האָט דאָס זעלבע געזען אין דעם רעכטן אצ"ל און לח"י. אָט די אַלע דריי פון דעם אַוואַנגאַרד — פּלמ"ח, אצ"ל און לח"י — זענען געוואָרן אָנגעלאָדן מיט אַזעלכע מעכטיקע אידעאַל־לאָדונ־גען, אַז ווען דוד בן־גוריון זאָל זיי נישט צעשטערן, וואָלטן זיי פּעאיק געווען צו שפּייזן מיט אידעאַליזם נאָך אַ גאַנצן דור.

דוד בן־גוריון האָט נישט געקענט אָפּן אַרויסטרעטן קעגן דעם פּלמ"ח, ווייל ער האָט זיך געשטיצט אויף דער קיבוצישער באַוועגונג, און הגם די אָנפירערשאַפט פון פּלמ"ח איז געווען היפּש פאַרהאַסט ביי בן־גוריונען, האָט עס דאָך געהייסן, אַז אָט דער אַוואַנגאַרד איז די קאָמאַנדאָ פון דער „הגנה". דערפאַר האָט ער דעם גאַנצן צאָרן אויסגעלאָזט צו אצ"ל און לח"י, אויף וועלכע ער האָט אויסגעטראַכט בלבולים. זיי זענען געווען „פּורשים", „באַנדיטן", „פאַשיסטן" און ער האָט זיי געשטעלט אויסער דער מחנה, אויף אַזאַ אופן, אַז אָן דעם מינדסטן געוויסנביסן — פאַרקערט, מיט סאַטיס־פאַקציע — האָט ער זיי אויסגעליפערט צום „סעזאָן"!

אוודאי איז נישט דערלאָזבאַר אין אַ מדינה — בפרט אין אַ מדינה אין מלחמה — זאָלן זיין עטלעכע אַרמייען מיט באַזונדערע שטאַבן און באַזונ־דערע צילן. איז עס געווען פאַרשטענדלעך פאַר די שטאַבן פון פּלמ"ח, אצ"ל און לח"י, אַז זיי דאַרפן זיך אויפלייזן און אונטערוואַרפן דער אָפּי־ציעלער מדינישער אָנפירונג. אַזוי האָבן זיי אויך געטון. אָבער אין יעדער מדינה אין אַזעלכע פאַלן ווערן איבערגעלאָזט די נעמען פון אַזעלכע אַוואַנגאַרדיסטישע קאַמפּס־גרופּן אין דער אַרמיי, ווייל די נעמען גופא זענען דורכגעדרונגען מיט קאַמפּס־טראַדיציע. אין דער אַרמיי איז אַ פאָן,

אַ קאַמפּס־נאָמען און יעדער אַנדערער סימבאָל, פון אומגעהייערער וויכטי־קייט. דוד בן־גוריון האָט אַזוי געהאַסט די אַוואַנגאַרדישע מיליטערישע אָר־גאַניזאַציעס, אַז נאָך דעם ווי זיי האָבן פרייוויליק זיך אויפגעלייזט, האָט ער אָפּגעווישט זייערע נעמען. באַזונדערע פאָרמאַציעס אין דער יונגער ישראל־אַרמיי האָבן באַקומען נעמען אָן טראַדיציעס, אַבי נישט פּלמ״ח און ווער שמועסט נאָך אצ״ל, אָדער לח״י. דערמיט זענען ווי מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן געוואָרן די וואָרצלען פון די אידעאַלן, וואָס האָבן געקענט שפּייזן אַ גאַנצן דור. זיי האָבן נישט געדינט פערזענלעך משיחן, זיי האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן זייגע באַפעלן און קאַפּריזן — מוזן זיי צעריבן ווערן.

פונעם באַלשעוויזם האָט דוד בן־גוריון איבערגענומען איינע פון זיינע שווידערלעכסטע פּרינציפּן: ווער עס איז נישט אין גאַנצן מיט מיר, דער איז אין גאַנצן קעגן מיר און מען דאַרף אים פאַרניכטן.

די זעלבע שנאה ווי צו אַלץ און אַלעמען, וואָס ער האָט געהאַסט, האָט דוד בן־גוריון אויך אַרויסגעשאָסן פון דעם „הייליקן קאַנאָן״ צו דער וואָפן־שיף „אַלטאַלענאַ״. קיין שום מלוכהשער געדאַנק האָט נישט באַרעכטיקט דאָס פאַרברעך, צו שיסן צו אַ שיף מיט געווער, וואָס יידישע יונגעלייט האָבן מיט מסירת נפש געבראַכט צו די ברעגעס פון זייער פאָטערלאַנד, וואָס איז געשטאַנען אין אַ מלחמה מיט בלוט־שונאים. צופעליק קען איך אייניקע פון די איניציאַטאָרן פון דער העלדישער עקספּעדיציע. דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט און האָבן נישט קיין שום מאַכט־אַמבי־ציעס. זיי זענען באַוווּגן געוואָרן בלויז און אויסשליסלעך פון אַ מעכטיקן באַגער צו דינען זייער פאָטערלאַנד, צו שטאַרקן דעם באַוואָפנטן כוח פון דער יונגער מדינה. און וואָס שייך דעם הויפּטקאָמאַנדיר פון אצ״ל, מנחם בעגין, דעם הויפּט פון די „פורשים״, „פאַשיסטן״ און „באַנדיטן״, האָט ער אין די אַכצן יאָר פון מלוכהשאַפט באַוויזן, אַז עטיש שטייט ער מיט טויזנט קעפּ העכער פון בן־גוריונען און די דעמאָקראַטיע פון אונדזער מדינה איז אים טייערער ווי בן־גוריונען, וואָס זיין לעצטע משיחישע אַנטפּלעקונג איז אַן איבערפּאַרטייאישע פּאַרטיי — אַ פּאָליטישער קוידער־וועלש, וואָס האָט אין אַנדערע מדינות פאַרניכטעט די דעמאָקראַטיע.

די עקספּאַנסיע פון צעשטערונגען

נאָך די אַלע צעשטערערישע נצחונות, בעת דוד בן־גוריון האָט זיך דערפילט פעסט אינעם משיחישן זאָטל — האָט ער אָנגעהויבן מאַכן „אָרדענונג" אויך אין יידישן פאָלק און אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג.

זינט אברהם אבינו, איז ביי יידן נישט געשטאַנען אַזאַ פראַגע ווי: „ווער איז אַ ייד?" אין מער־ווייניקער נאָרמאַלע צייטן וואָלט מען אַזאַ פראַגע פשוט אויסגעלאַכט, ווי אַ טיפּשות. אויך ווען אין דער זעלבער צייט ווען דוד בן־גוריון איז אַרויסגעשפּרונגען מיט דער פראַגע, זאָל זי האָבן געשטעלט געוואָרן דורך עמעצן אַנדערש — וואָלט מען די פראַגע אַריבערגעגאַנגען מיט ביטול. אָבער דוד בן־גוריון איז שוין דאַן געווען אויפן סאַמע זעניט פון זיין משיחישער אַנטפּלעקונג; זיין יעדער טאַט איז באַגלייט געוואָרן מיט היסטערישער התפּעלות פון נצחון; יעדעס וואָרט פון אים איז קאָמענטירט געוואָרן ווי אַ צוו פאַר דער אומה. דערצו נאָך איז ער אַרויס מיט דער פראַגע אין אַ תקופה, וואָס איז פול מיט סכנות: פון איין זייט — נאָך אַ נאַציאָנאַלן חורבן, ווען דאָס צעזייטע פאָלק איז נאָך פּסיכיש צו זיך נישט געקומען; פון דער צווייטער זייט ווען דער קאַנסער פון אַסימילאַציע און סתם אַנטלויפעניש האָט זיך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן איבער אַלע יידישע ישובים; פון דער דריטער זייט — ווען דער דור, וואָס איז אין ארץ־ישראל דערצויגן געוואָרן אין עקסטרעמער נעגאַציע פאַרן גלות, איז נאָך נישט געווען פאַרטיק מיט זיין יידישקייט־באַוווסטזיין.

בעת אין אַלע אַנדערע פראַגן איז דוד בן־גוריון געווען סווערען אפילו כלפּי די מיניסטאָרן פון זיין אייגענער רעגירונג און מכל שכן האָבן יידן אין דער וועלט מורא געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט, טאָמער וועט דער בייזער משיח צאָרנען אויף זיי, הלמאַי זיי מישן זיך אין די אינערלעכע פראַגן פון מדינת ישראל — האָט די אומגעלומפּערטע פראַגע: „ווער איז אַ ייד?" גלייך אַרויסגערופן אַ שטורעם מיט פּראָטעסטן אין דער גאַנצער יידישער וועלט. אינטעלעקטואַלן האָבן אויפגעוויזן די עם־הארצות פון

אַזאַ פראַגע, אַנדערע האָבן פשוט אויפגעוויזן, אַז בן־גוריון וויל דעמאָ־ביליזירן דאָס יידישע פאָלק, כדי פון באַזונדערע שטיקער צו שאַפן עפּעס אַ נאַציאָנאַלן קוידערוועלש, ווי ער האָט זיך לעצטנס פאַרנומען צו שאַפן אַ פאַרטיי איבער אַלע פאַרטייען... אין דער מדינה גופא האָט קיינער נישט געוואַגט אַנטקעגנרעדן בן־גוריונען — משיח רעדט! — אָבער צום גליק איז אין דער פראַגע דער ווידערשטאַנד פון די יידישע אינטעלעקטועלע אין דער פרייער וועלט געווען אַזאַ קאָמפּאַקטער, אַז דוד בן־גוריון האָט זיין ווער־איז־אַ־ייד־ציג אָפּגעלאָזט, ווי ער האָט לסוף, נאָך יאָרן, אויפגעהערט רודפן משה רבנו „מיט זיינע זעקס הונדערט יידן".

וואָס ס'איז אים נישט געלונגען מיט די יידן, איז אים, ליידער, געלונ־גען מיט די ציוניסטן. בעת ער האָט די ציוניסטן אין דער וועלט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, איז דאָס אייגנטלעך געווען אַ המשך פון דער צעטומלעניש, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסרופן מיט דער פראַגע „ווער איז אַ ייד?". ווי דוד בן־גוריון האָט מורא געהאַט פחד מות פאַר דעם טויטן זשאַבאָטינסקין, ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם אינטעלעקט און אינטערנאַציאָנאַלן פּרעסטיזש פון חיים ווייצמאַן — אַזוי האָט ער שפּעטער מורא געהאַט פאַר דעם כוח פון די ציוניסטן אין דער וועלט. נאָך דעם חורבן איז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע געבליבן די איינציקע מאַסן־באַוועגונג ביים יידישן פאָלק אין דער וועלט. גוט אָרגאַניזירט, האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע געקענט ווערן דער צענטראַלער דינאַמישער כוח ביים יידישן פאָלק און אויך אויסאיבן איר השפעה אויף ישראל — דאָן וואָלט ער, דוד בן־גוריון, נישט געקענט דערפירן צו דעם מאָראַלישן חורבן, צו וועלכן ער האָט דערפירט אין דער מדינה, אָבער, נישט ווי אין דער פראַגע „ווער איז אַ ייד?", האָבן די ציוניסטישע פירער מורא געהאַט צו דערצערנען דעם זיגערישן משיח. אַנשטאָט אָפּצושלאָגן זיין אַנגריף און נעמען אין אירע הענט דעם רודער פון דעם יידישן לעבן, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געלאָזט אין זיך אַנטוויקלען אָפּהענטיקייט און אומבאַהאָלפנקייט, וואָס צוימט איר כוח אויף טריט און שריט.

אָנגעזעטיקט מיט נצחונות פון ליקווידאַציעס, האָט דוד בן־גוריון דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, וואָס אַ משיח קען דערגרייכן: אַלץ ליגט

פאַר זײַנע פּיס; זײַן וואָרט איז אַ צוו; זײַן בליק — אַ באַפעל. ער איז דער מיסטישער סוווערען. און דער געקרוינטער משיח איז אַוועק קיין שדה בוקר, כדי אויך אויסערלעך אָנצונעמען דאָס מיסטישע געשטאַלט פון אַ פאַסטעך פון שעפעלעך אויף פיר פיס, בעת זײַנע שאָף אויף צוויי פיס אין ירושלים און תל־אביב, האָט ער שוין „אויסדרעסירט", זיי זאָלן אים געבן פון זייער מילך און וואָל אַן אייגענעם ווילן.

אָבער ווי יעדער „גאָט געזאַלבטער" און שטערבלעכער, וואָס ווערט שיכור (און פאַרנאַרישט) פון נצחונות מער ווי פון וויין, איז אויך דוד בן־גוריון דערגאַנגען צו אַזאַ שטופע פון שיכרות, אַז עס איז אים אַפילו נישט אײַנגעפאַלן, אַז די מנהיגים פון זײַן באַוועגונג זענען מנהיגים אין זייער אייגענעם זכות; אַז אויב זיי האָבן אים בלינד געהאָלפן אין זײַנע מלחמות, האָבן זיי עס געטון מתוך זייערע אייגענע שטרעבונגען פאַר די זעלבע צילן — פאַר ארץ־ישראל און שפעטער פאַר מדינת ישראל. העלפנדיק דוד בן־גוריונען, דעם מנהיג פון דער פאַרטיי, האָבן זיי נישט אויפגעגעבן זייער אייגענע פערזענלעכקייט, נישט אויפגעגעבן זייער אייגענע מחשבה און זייער קריטעריע פאַר זאַכן. דוד בן־גוריון האָט געצילט צו פאַרוואַנדלען שדה בוקר אין אַ מעקאַ, אָדער אין אַ בורמעזישן בודאַ־טעמפּל, אָדער אין אַ משיחישן קדשי קדשים, ווו עס וועלן עולה־העליאַ־קאָפּטער זײַן זײַנע געהאָרכזאַמע אונטערטאַנען און אויספירן יעדן זײַן באַפעל, ווי בלודנע שאָף.

פון דאַנען איז שפעטער געקומען די בשורה, אַז ס'האָט זיך אָנגע־הויבן די דעקאַדענץ פון משיחן. דוד בן־גוריון האָט געקענט ליקווידירן דעם נאָבעלן מאַן משה שרת, וואָס האָט גענומען ערנסט זײַן פּרעמיער־שאַפט פון דער רעגירונג פון מדינת ישראל; שפעטער האָט ער געקענט אויפצווינגען צו ליקווידירן זײַן תלמיד פנחס לבון; אָבער פאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פון דער דעקאַדענץ פון זײַן משיחיזם האָט ער נישט געקענט, ווי מען קען נישט פאַרהאַלטן אַ פעלז, וואָס מען קייקלט אַראָפּ פון אַ הויכן באַרג. דער צערייצטער משיח האָט זיך מיט זײַן גאַנצן פענאָמענאַלן פאַר־ניכטערישן טעמפּעראַמענט געוואָרפן קעגן די אַלע, וואָס זענען געווען פאַר אים אַן אייזערנע וואַנט. דעם זעלבן נבול־פה וואָס ער האָט פריער

געוואָרפן אויף חיים ווייצמאַן, אויף ראַביי הילל סילווער, אויף וואָלדימיר זשאַבאָטינסקי, אויף משה סנה, אויף מנחם בעגין, אויף פנחס לבון — האָט ער איצט געווענדט צו דעם שעפער פון „מגדל וחומה" און פון דער התישבות — לוי אשכול, צו דעם סימבאָל פון איבערגעגעבנקייט פאַר ארץ־ישראל־מדינת־ישראל — גאָלדע מאיר און צענדליקער אַנדערע.

דוד בן־גוריון האָט קאָלאָסאַלע היסטאָרישע פאַרדינסטן, און וויפל ער זאָל זיך אַליין נישט צעשטערן און צעשמעטערן, איז אים נאָך אַלץ געבליבן פּרעסטיזש אין די אויגן פון בעיקר פרימיטיווע עלעמענטן, וועלכע האָבן די בשורה פון משיח גענומען ווערטלעך און אָן דעם מינדסטן אַלעגאָרישן מיין. נאָך מער פּרעסטיזש איז אים פאַרבליבן ביי די יידן אין דער וועלט, וואָס האָבן מורא אָפצולאָזן די משיחישע ציג. אָט דעם פּרעסטיזש נוצט אויס דוד בן־גוריון, כדי אַרונטערצורייסן די מאָראַלישע יסודות פון דער מדינה, פאַרניכטן יעדן צוטרוי צו דער אָנפירערשאַפט פון דער מדינה. דער דאָזיקער מאַן, וואָס האָט אַלע מאָל געשפּילט וואַ־באַנק און נישט אונטערשיידט צווישן בויען און צעשטערן, גיט זיך אויך איצט נישט אָפּ קיין חשבון, אַז מיטן צעברעכן די מאָראַל אין דער מדינה, אַז מיט זיין כסדרדיקער דיווערסיע קעגן דער אָנפירערשאַפט פון דער מדינה, קעגן דעם שעף פון דער רעגירונג — איז ער עלול גורם צו זיין נאָך איין קלאָג אויף דורות.

יעדער משיח אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ מאָראַלישן מדבר אין אונדזער פאָלק; אַזוי פאַרמדברט אונדזער מאָראַל אויך דער משיח אין אונדזער צייט אין פּראָצעס פון זיין דעקאַדענץ. אין דעם דאָזיקן מדבר וועלן מיר נישט לאָזן מיטשלעפּן די לעצטע סטאַציע פון אונדזער אומה — די מדינה, וואָס איז אויפגעקומען פון דעם בלוט פון אַ גאַנץ פאָלק און פון די בעסטע זין פון ארץ־ישראל!

II

די לעגענדע צעשטערט זיך אליין

(אַרטיקלען געשריבן אין דער תקופה פון דוד בן־גוריונס זעלבסטצעשטערונג)

מאַכט, ווי יעדע תאווה, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ
קראַנקהייט פאַר די, וואָס מיסברויכן מיט איר...

שדים

איך האָב אַמאָל געהאַט שכנים, אַ וואַנט איבער אַ וואַנט, וואָס האָבן נישט געוווּסט פון קיין שלום בית. נישט אַדורך קיין טאָג אָן קריגערייען. וואָס מאַן און ווייב האָבן זיך געווּנטשן וואָלט געגוג געווען פאַר צוואַנציק שדים. נאָר מיט אויסטערלישע קללות האָבן זיי זיך געשאָלטן. ווי אַ שטייגער: זי צו אים — „זאָלסט איינעמען אַ מיתה משונה אויף גומענע רעדער", און ער צו איר — „מיט אַ פול מויל ריצינאייל זאָלסטו באַקומען בויך־קראַמפּן און נישט קענען שרייען".

איין מאָל, אין אַ גוטער מינוט, ביי מיין שכן, האָב איך אים געפרעגט פון וועלכן לעקסיקאָן ער נעמט אַזעלכע קללות און פאַרוואָס די קללות זענען אַזעלכע אויסטערלישע. האָט מיר דער ייד געענטפערט: „וואָס פאַר אַ לעקסיקאָן־שמעקסיקאָן? גאָט האָט געשטעלט די וועלט, אַז מאַן און ווייב זאָלן זיך קריגן — קריגט מען זיך און מען שעלט זיך. אלא וואָס דען? נישט גענוג וואָס איך קריג זיך מיט מיין ווייב דאַרף איך נאָך צושטעלן דער וועלט נחת, זי זאָל מיך באַרעדן? ווינטשט זי מיר אַ מיתה משונה, נאָר אויף גומענע רעדער — מיר זאָל עס טרעפן, נאָר קיינער זאָל נישט הערן. ווינטש איך איר בויך־קראַמפּן, נאָר אַז זי וועט האָבן אַ פול מויל מיט ריצינאייל — וועט ווידער קיינער נישט הערן און דער עולם וועט מיינען, אַז מיר לעבן ווי די טייבעלעך. אַזוי איז די וועלט געשטעלט געוואָרן און וועט עס ווייסט נישט ווי אַזוי צו דערגיין אַ ווייב די יאָרן, אַז קיינער זאָל נישט וויסן פון זיין לעבן צו זאָגן, איז נישט ווערט ער זאָל האָבן אַ ווייב"...

אַ שאָד, אַ גאָר גרויסער שאָד, וואָס אונדזערע „יונגע" און „אַלטע" זענען נישט געווען קיין שכנים פון יענעם ייד און זיך נישט אויסגעלערנט די פילאָזאָפיע פון צו דערגיין זיך די יאָרן „אויף גומענע רעדער" און „מיט אַ פול מויל מיט ריצינאייל". אויב די וועלט איז שוין אַזוי אַוועקגעשטעלט געוואָרן, אַז די, וואָס פאַרנעמען בענקלעך, אָדער ווילן פאַרנעמען בענקלעך, אָדער האָבן פאַרנומען בענקלעך, האָבן זיך ליב ווי אַ בייזן שילינג, און וואָס איינער ווינטשט דעם צווייטן זאָל עס אַריין אין אַ משוגענעם

הונט — פאַרוואָס זאָלן זיי מאַכן זייערע ווייסטע אַוואַנטורעס בפרהסיא? צי קען מען זיך נישט אָפּעסן די גאַל בשתיקה? צי קען נישט איינער דעם צווייטן מקצר ימים זיין „אויף גומענע רעדער״? צו וואָס — לא די, וואָס מען שטעלט זיך אַרויס דעם יחוס אויפן מאַרק, זאָל נאָך די וועלט לאַכן אין די פויסטן און האָבן הנאה דערפון?

עס איז זיך גאָרנישט פאַרצושטעלן וואָס אונדזער פריינד ניקיטאַ כרושטשאָוו ווינטשט די נייע הערשער פון קרעמל. איך מיין, אַז ווען אַ צענט־חלק פון דעם, וואָס כרושטשאָוו ווינטשט זיינע חברים, זאָל געשען די הערשערישע כנופיה אין סיריע, וואָלטן מיר געהאַט רו אויף דער צפון־גרענעץ אַ גוטע פּאָר יאָר, און עס איז אויך נישט שווער זיך פאַרצו־שטעלן, אַז באַרי גאָלדוואָטער האָט נישט געדונגען קיין מנין יידן זיי זאָלן זאָגן תהילים פאַר דעם גליק פון דזשאָנסאָן. און הגם מיר אַלע ווייסן וואָס פאַר אַ גוט־פריינטשאַפט עס הערשט צווישן די אַלע — פון דעסטוועגן איז שטיל. די בלעטער טומלען נישט, וואָס איינער זאָגט אויפן צווייטן. מיר הערן נישט וועגן קיין סאָוויעטישן אָדער אַמעריקאַנישן מערד־שמערד, זמרי, שוטר, „אמת״, „צדק״. און מיר קענען זיין זיכער, אַז כרושטשאָוו זאָגט נישט וועגן ראַטנפאַרבאַנד „מה איכפת לי״ און נאָך אַלעמען וועט אַפילו גאָלדוואָטער נישט זאָגן, אַז צוליב זיין אמת מעג אומקומען אַמעריקע.

נאָר ביי אונדז זענען צעעפנט געוואָרן אַלע טירן און פענצטער און די מאַרקשטייערישע זידלערייען טראָגן זיך איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז יום־טוב ביי די שונאי ישראל און תשעה־באב ביי יידן אויף דער וועלט. פאַר יידן אין דער וועלט איז מדינת ישראל זייער שיינדל און זייער שטאָלץ, זיי לאָזן נישט פאַלן אויף דער מדינה קיין שטויבעלע — קלאָגן זיי איצט אין בריוו, אַז מען מאַכט חרוב זייער בית המקדש. מען נעמט ביי זיי צו אַלע שיינע אילוזיעס. דער, וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר משיחן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שניפּישאָקער תקיף, וואָס אויב מען גיט אים נישט צוריק איבער די טאָקסע, וועט ער קהל פאַרשטערן די וואָכנטעג און די שבתים. און אַפילו חרוב מאַכן דאָס שטעטל.

איז מיר אַ גרויסער צער אויף די טייערע יידן אין דער וועלט. אָבער אַ נאָך גרעסערער צער איז מיר אויף אונדז אַליין, יידן אין ישראל. די

מדינה האָט געקענט זיין אונדזער שטילער האָפן נאָך די אַלע ים־שטור־רעמס, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. מיר האָבןווירקלעך געקענט זיין אַ קליינע אָבער מוסטערהאַפטע מדינה. דאָ אין ישראל האָבן מיר געקענט מאַניפעסטירן פאַר דער וועלט, אַז דאָס אַלץ וואָס אַנטיסעמיטן האָבן אַלע מאָל געזאָגט, אַז מיר קענען נישט זיין מיט זיך אַליין און, אַז מיר קענען נאָר לעבן אין גלות, אין צעשפּרייטקייט צווישן אַנדערע פעלקער, איז שקר וכזב. וואָרעם דאָס, וואָס יידישע ענערגיע האָט דאָ געשאַפן במשך פון אַנ־דערטהאַלבן צענדליק יאָר האָט דאָך נישט קיין גלייכן אין דער וועלט.

איז אָבער דאָס אומגליק, וואָס יידן האָבן פאַרבונדן די גאולה מיט אַ משיח. אייגנטלעך, ווען נישט משיח וואָלט שוין די גאולה לאַנג געקומען. און מיר זענען שוין באמת געשטאַנען אויף דער שוועל פון גאולה, ווען עס זאָל זיך נישט האָבן צוגעטשעפּעט אַ משיח. און איך דאַרף אייך נישט דערציילן, אַז פון אַלע אָן אויסנאַם ביז איצטיקע משיחים, האָבן מיר געהאַט און מיר האָבן ווייטער נאָר געברענטע און געבראָטענע צרות. אין אונדזער גאַנצער געשיכטע, וואָס איז פול מיט בענקשאַפט נאָך גאולה, האָבן מיר שוין געהאַט אַ צוואַנציק משיחים, וואָס אַנשטאָט צו ברענגען די גאולה, פאַרטיפן זיי דעם חורבן. און ערשט שפּעטער זעען זיך אַרום די חסידים שוטים פון די משיחים, אַז דאָס זענען געווען פאַלשע משיחים, הגם פריער זענען זיי געווען גרייט צו לינטשן יעדן איינעם, וואָס האָט גע־לייקנט, אַז דער משיח איז אַ ריכטיקער. און איך זאָג אייך, אַז מיר האָבן איצט אַלע סימנים, אַז דער נייער משיח איז עלול צו ברענגען אויף אונדז אַ חורבן, אויב זיינע לעצטע חסידים שוטים זאָלן זיך נישט אויסניכטערן.

דעם ערשטן סימן פון דעם חורבן, צו וועלכן דער משיח האָט געפירט, איז געווען דאָס איבערבעטן זיך מיט די דייטשן. ער האָט אונדזער מאָראַל און נאַציאָנאַלן שטאָלץ פאַרקויפט פאַר גאָלדענע רענדלעך. ער האָט אָפּגע־וואַשן די פאַרבלוטיקטע הענט פון די דייטשן און אונדזער כבוד אויסגע־נאָרעט אין בלאָטע. איצט קוקן אויף אונדז די דייטשן מיט שפּאָט און חוזק. זיי האָבן באַצאָלט געלט פאַר בלוט און זייערע וויסנשאַפטלער אין מצרים קענען ווידער גרייטן פאַרניכטונג פאַר די פאַרבליבענע יידן. עווענ־טועל וועלן זיי ווידער צאָלן מיט געלט פאַר בלוט. און פאַר משיחן זענען

אַט די דייטשן „בעסערע דייטשן", „אַנדערע דייטשן". און אויב אַ ייד זאָגט וועגן די דייטשן דעם אמת — ווערט ער פון משיחן פאַרשריגן ווי אַ ראַ־סיסט, רחמנא לצלן.

און ווער האָט אויפגעהויבן די האַק פון דער צעשפּאַלטערישער פּרשה „מיהו יהודי?" אויב נישט דער משיח?

און ווער האָט צעווילדעוועט די פּרשה פון דעם „עסק ביש", וואָס האָט צעטרייסלט די מאָראַל פון דער מדינה אויף ווער ווייסט וויפל יאָרן, אויב נישט דער משיח? און ווער גרייט צו נייע וויסטע פּרשה־סקאַנדאַלן אויף ווייטערדיקע יאָרן, אויב נישט משיח? ווער שטערט דער אשכול־רעגירונג אין אַזאַ שווערער און ביטערער צייט, אויב נישט משיח?

איצט, ווען אונדזער פּרעמיער וואָלט געדאַרפט האָבן די פולע פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעסלעס צו קאָנצענטרירן זיך אויף וויכטיקע פראַגן פון דער מדינה — ווערט זיין גאַנצע טייערע צייט פאַרשלונגען פון די אינטרי־געס קעגן אים מצד משיחן. פּרייטיק, ווען טייערע קינדער האָבן מיט זייערע יונגע אומשולדיקע לעבנס באַצאָלט פאַר דער זיכערקייט פון אונ־דזער צפון־גרענעץ און דער פּרעמיער־מיניסטער אשכול איז מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן געווען צוגעשמידט צו דעם חורבן, וואָס די סיריער האָבן געמאַכט אין די גרענעץ־ישובים און טויזנטער מאַמעס האָבן געפּלאַטערט פאַרן לעבן פון זייערע קינדער אין דער אַרמיי — האָט משיח זיך פאַרנו־מען מיט מישן די פּרשה־בלאָטע, כדי זי זאָל נאָך באַווייזן אויף זונטיק צו זיין אויסגעשמירט אין „דבר".

מפא"י איז נישט ערגער און נישט בעסער פון אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען אין לאַנד. זי האָט אָבער יאָ פאַרמאָגט דאָס, וואָס די אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען פאַרמאָגן נישט: אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאַרונג, פּאָלי־טישן פאַרנעם, פריי פון דאָגמאַטיזם און אַן אַוואַנגאַרד פון מענטשן, וואָס האָבן געקענט נעמען אויף זיך שווערע אויפגאַבן. זי איז געווען אַ שטאַט־לעבנע פּאַרטיי אין אמתן זין פון דעם וואָרט.

ווער האָט צעבראָכן און צעשפּאָלטן און דערשיטערט אַט די פּאַרטיי, אויב נישט משיח? ער האָט טייערע מענטשן דערנידעריקט, צעבראָכן, די גוטע דערפירט צו פאַרצווייפלונג, די שלעכטע פאַרוואַנדלט אין ציני־

קער, ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין פערזענלעכקייטן אַרום זיך און ער האָט זיי גערודפט עד חרמה. משיח איז איינער און מער קיינער! משיח דאַרף נישט קיין אידעאַליסטן — ער דאַרף באַיטשיקלעך, וואָס זאָלן יעדן זיין קאַפּריז פאַרוואַנדלען אין אַ שטאַט־נויטווענדיקייט. דאָס, וואָס די אויסערן־מיניס־טאָרין גאָלדע מאיר האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן בעת די ווילדע קאַפּריזן פון משיחן אויף דער זיצונג פון מרכז־מפא״י איז דאָך סימבאָליש פאַר דעם צו וואָס פאַר אַ מצב ער האָט דערפירט טייערע מענטשן דאָ, ווען ער איז געשטאַנען ביי דער מאַכט. די שרעקלעכע שנאה צו פנחס לבון איז דאָך נישט דערפאַר, ווייל אַנדערע זיינע קרבנות האָט משיח ליב, נאָר דערפאַר ווייל פנחס לבון איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך געוואָגט אַנטקעגנצושטעלן און זאָגן: ניין! בעת אַנדערע האָבן פריער זיך געלאָזט ברענגען ווי קרבנות אויפן מזבח פון זיינע קאַפּריזן און זיי האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייער געזונט און לעבן. זיי האָבן געגלייבט, אַז מיט זייער קרבן דינען זיי די אינטערעסן פון דער מדינה און זיי האָבן אַ טעות געהאַט. זיי האָבן בלויז געשטאַרקט די שרעקלעכע איינבילדונג פון משיחן, אַז ער איז טאַקע דער איינציקער און ריכטיקער משיח.

נאָר עס זעט אויס, אַז די השגחה האָט אונדז נישט אין גאַנצן פאַר־לאָזן. וואָרעם מיטן מאָמענט ווי לוי אשכול האָט איינגעזען ווהין עס בלאָזן די חורבן־ווינטן, האָט ער דעם רודער גענומען אין זיינע הענט. אים איז שווער. ער רודערט קעגן שטראָם, וואָס פלייצט באַרג־אַראָפּ און דראָט מיט קאַטאַסטראָפע. אָבער ער ווייסט, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער אַל־טערנאַטיוו ווי שווימען אָדער זינקען. און ער שווימט און ער וועט דער־שלאָגן מיט דער צעטרייסלטער מדינה־שיף צו אַ ברעג!

הלוואַי וואָלט אָט דעם כוח געהאַט משה שרת דעמאָלט, ווען בן־גוריון איז דאָס ערשטע מאָל אַוועק קיין שדה בוקר. הלוואַי וואָלט צו דער דעצידירטקייט אַליין איבערצונעמען די מאַכט געקומען לוי אשכול דעמאָלט, ווען ער האָט צונויפגעשטעלט די רעגירונג און זי איבערגעגעבן אין די הענט פון בן־גוריונען — וואָלטן מיר היינט אַלע געווען אַ סך גליקלעכער, די מדינה וואָלט נישט אַזוי דערשיטערט געוואָרן, די גרעסטע פּאָליטישע באַוועגונג אין דער מדינה וואָלט נישט אַזוי צעטרייסלט געוואָרן און די

יידן אין דער וועלט וואָלטן איצט נישט איבערגעלעבט קיין טעג פון תשעה באב, ווי דער בית המקדש וואָלט צעשטערט געוואָרן.

20.11.1964

די שעקספּירישע דראַמע אין היכל התרבות

זיצנדיק דאָס מאָל אויף דער קאָנפערענץ פון מפא״י האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פונעם געפיל, אַז איך זיץ אויף אַ פאָרשטעלונג פון אַ קלאַסישער דראַמע אינעם סטיל פון וויליאַם שעקספּיר. דער פּראָלאָג אָן אימפּאָזאַנטער. איינער נאָכן אַנדערן גייען אַרויף אויף דער סצענע די העלדן — העלדן, וואָס האַלטן אין זייערע הענט דעם גורל פון אַ יונגער מדינה און פון אַן אַלט פאָלק. נאַציאָנאַלע פּענער און רויטע קלאַסן־פּענער. טיפּיש ווי פאַר אַ קלאַסישער דראַמע איז אויך דאָ אַ כאָר — אַ כאָר, וואָס זינגט דעם נאַציאָנאַלן הימן און ניגונים פאַרן פאָלק. עס איז דאָך אַ שטאָט־דראַמע, מוזן זיין אַלע נייטיקע שטאָטלעכע אַקצעסאָריען. און ווי אינעם פּראָלאָג אין אַ טעאַטער, שוועבט איבער אַלץ פייערלעכקייט, נאָר ווייל איך האָב געקענט די „ליברעטאָ״ אויסנווייניק, האָב איך געוווסט גלייך פון פאָרויס, אַז אונטער די בגדי־חג, אָדער אונטער די בגדי־מושב פון אָט דעם און פון אָט יענעם העלד ליגן קנוילן ליידנשאַפטן, מאַכט־תאווה, שנאה און קנאה, עגאָצענטריזם און לייכטזין, וואָס ווערן אין אַ געוויסן מאָמענט אַרויסברעכן מיט אַ גוואַלדיקן כוח אין אַ פאַרמעסט פון אינטריגעס. און ווי אין יעדער קלאַסישער דראַמע פעלן דאָ אויך נישט פּרויען־טיפּן: אַ קאָנטיפּע און אַ פּרינצעסין, וואָס איידער די דראַמע אַנטוויקלט זיך, זעט איר שוין די פאַרניכטנדיקע בליקן פון קאָנטיפּען און דעם אומרו פון דער פּרינצעסין, איר זעט די אינטריגע־צעטעלעך, וואָס הייבן אָן צו גיין פונעם פּרעזידיום־טיש ערגעץ־ווו הינטער די קוליסן...

און איך האָב געטראַכט: ווי גוט וואָלט מיר געווען ווען דאָס זאָל באמת זיין אַ שעקספּירישע פאָרשטעלונג אין דעם נאַציאָנאַלן טעאַטער „הבימה״ און נישט אונדזער אייגענע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע אין דער

ווירקלעכקייט. און פון דעם מאָמענט האָב איך שוין נישט געקענט זיין קיין צושויער, וואָרעם די אַלע אין היכל התרבות, צוזאַמען מיט אַלע יידן אין ישראל און צוזאַמען מיט אַלע יידן אין גאָר דער וועלט זענען מיטבאַטייליקט אין אָט דער טראַגעדיע און פון איר אויסגאַנג איז אָפּהענגיק דאָס זיין אָדער נישט־זיין פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק. יאָ, דאָס זיין אָדער נישט־זיין פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק! וואָרעם איך ווייס, אַז קיין מאָל איז מלכות ישראל, צי מלכות יהודה נישט אונטערגעגאַנגען צוליב אויסערלעכע שונאים, נאָר צוליב דער מאַכט־תאווה און אומגעצוימטע ליידנשאַפטן פון שנאה, קנאה און אינטריגעס צווישן די יידישע פירער גופא. און קיין מאָל זענען אָט די באַנומענע פירער נישט געווען פעאיק צו באַגרייפן, אַז אין דער שפּיל פון זייערע ליידנשאַפטן ברענגען זיי אַ חורבן נישט בלויז אויף זיך פערזענלעך, נאָר אויפן גאַנצן יידישן פאָלק און זיי זענען גורם דעם גלות.

ווען דוד בן־גוריון וואָלט ווייניקער געשפּילט טעאַטער אינעם בודיס־טישן טעמפּל אין בורמאַ, ווו ער האָט מיט אַ קופּקע אויפן קאָפּ און אין אַ ספּודניצע פון אַ בודיסטישן נזיר זיך מתבודד געווען מיט די אָפּגעטער קרישנאַ און ווישנו, און ווען ער וואָלט ווייניקער פּאַראַדירט מיט די פּאָקעט־בוקס פון דער גריכישער פילאָזאָפיע און טראַגעדיעס, נאָר ליבערשט גע־לערנט די טראַגעדיעס פון דער יידישער געשיכטע — וואָלט ער אפשר פון אָט די יידישע טראַגעדיעס געשעפּט מאָראַלישן כוח אויף צו באַ־צווינגען אין זיך זיין מאַכט־תאווה און אומגעצוימטן עגאָצענטריזם; ער וואָלט אפשר דעמאָלט באַגריפן, אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר שרעקלעכן גלות און צוואַנציק יאָר נאָך דעם גרעסטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע, טאָר ער נישט מיט אַזאַ אומפאַרגלייכלעכן לייכטזין שטעלן העכער זיינע תאוות פון דעם גורל פון אַן אויסגעפּייניקט פאָלק.

אָבער דוד בן־גוריון, ווי אַ העלד אין אַ קלאַסישער דראַמע, איז אומ־געזעטיקט אין זיינע ליידנשאַפטן, ער האָט געהאַט דערגרייכט דאָס העכ־סטע, וואָס אַ פאָלקס־פירער קען דערגרייכן; ער האָט דערוואָרבן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אַ פּאָזיציע, וואָס זעלטן וועלכער פאָלקס־פירער האָט דערגרייכט אין די לעצטע צוויי טויזנט יאָר און מער. אָבער דאָס איז

אים ווייניק געווען. און נאָך דעמאָלט ווען ער איז געווען דער אַליינהערשער אין מדינת ישראל און אַפילו אַזאַ גורלדיקן שריט ווי מלחמה (די סיני־אַקציע) האָט ער באַשלאָסן אויף אייגענער האַנט און קיינעם פון דער רעגירונג אַפילו נישט פאַרטרויט זיין „פּערזענלעכן" סוד — האָט ער געפּרווווט מאַכן „אָרדענונג" אין דער גאַלעריע פון יידישע העלדן אין דער געשיכטע און אויף אַ דיקטאַטאָרישן שטייגער מאַכן צו קליינגעלט אַפילו אַזאַ געשטאַלט ווי משה רבינו. און פון גרויס קנאה פאַר דעם ראַפינירטן אינטעלעקט פון זאב זשאַבאָטינסקי האָט ער אַפילו די ביינער פון דעם מאַן נישט געלאָזט ברענגען קיין ישראל. ער האָט געוואָלט בלייבן דער איינציקער אין דער יידישער געשיכטע. אַז נאָכן ליקווידירן משה רבינו זאָל מען מער נישט קענען זאָגן פון משה ביז משה, נאָר עס זאָל בלייבן בלויז פון דוד ביז דוד...

מען האָט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די מערהייט איז געווען פאַר־בלענדט פון זיינע אומגעצוימטע ליידנשאַפטן צו מאַכט און געשיכטלעכער טעאַטראַלישקייט. פּונקט ווי אַ פאָן, וואָס איז מאַטעריעל נישט מער ווי אַ שטיקל לייוונט און אַ שטעקן, ווערט דער סימבאָל, פאַר וועלכן אַ פאָלק איז גרייט צו געבן זיין בלוט, אַזוי איז פאַר דער יונגער מדינה נייטיק געווען אַ מאַן, וואָס זאָל פּערזאָניפיצירן מיט זיך דעם נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, דאָס געפיל פון כוח, דעם אויסדרוק פון טאַט און פון אומטעותדיקייט. אָט די אייגנשאַפטן האָט דאָס פאָלק אינוועסטירט אין דוד בן־גוריון, געשטעלט אים טויזנט מאָל העכער ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. אָבער דוד בן־גוריון האָט ליידער פאַרפעלט דער אינטעלעקטועלער כוח צו זען זיך אין דער געהעריקער פּראָפּאָרץ און ער האָט אַפילו זיינע גרויסע היס־טאָרישע פעלערן נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה געזען ווי גוואַל־דיקע נצחונות. ביז ער האָט זיך אָנגעהויבן אידענטיפיצירן מיט דער פּער־זענלעכקייט פון דער מדינה. די מדינה איז ער און מער קיינער נישט. און ער איז דער איינציקער באַשטימער וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, וואָס איז אמת און וואָס איז פאַלש, וואָס איז צדק און וואָס איז אומגערעכ־טיקייט. און אויב דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אָננעמען זיין דעפיניציע וועגן אמת, איז ער אַפילו גרייט די מדינה אומצוברענגען למען דעם נצחון פון ז י י ן אמת.

ס'איז זיין מדינה און מער קיינעמס נישט. און ער וועט באַשטימען ווען אַוועקצוגיין און ווען צוריקצוקומען, ווען אויפצוהייבן און ווען אַראָפּצוואַרפן, וועמען צו מאַכן פאַר אַ קרבן און וועמען פאַר אַ העלד. אָבער בן־גוריון האָט פאַרגעסן, אַז זינט דעם חורבן בית המקדש זענען ביי יידן בטל געוואָרן קרבנות און ביי יידן זענען קיין מאָל און אויף קיין שום מזבח נישט געבראַכט געוואָרן מענטשלעכע קרבנות! בפרט נאָך פאַר אַ שטערבלעכן הערשער! און לוי אשכול האָט נישט געוואָלט זיין אַזאַ קרבן, ווי משה שרת, פּנחס לבון און אַנדערע, מיט וועלכע דוד בן־גוריון האָט געשאַסטעוועט ווי אַ מיטלאַלטערלעכער פעאָדאַל מיט זיינע וואַסאַלן. וואָרום אכזריותדיק אייפערזיכטיק איז דוד בן־גוריון אויף אַזאַ מאַן, וואָס האָט געוואַגט בעמען ערנסט צו פאַרטרעטן אים צווישן איין דעמיסיע־קאַפּריז און אַ צווייטן. און ווי ער האָט זיך נוקם ונוטר געווען אין משה שרת, וואָס האָט געוואַגט צו ווערן פרעמיער, אַזוי האָט ער זיך נוקם ונוטר געווען אין פּנחס לבון, הלמאי ער איז געוואָרן זיכערהייטס־מיניסטער. און אויב זיינע אייגענע חברים האָבן דאָס אויסבאַהאַלטן, כדי נישט צו צעשטערן די לעגענדע דוד בן־גוריון, האָבן שוין אַנדערע פאַרטייען מער נישט געוואָלט מיטמאַכן זיינע קאַפּריזן און נישט געוואָלט גיין אין קיין קאָאַליציע אונטער זיין פרעמיערשאַפט. דאָס האָט לוי אשכול מיט חברישער פאַרערונג און מענטשלעכער האַרציקייט אויסגעבעטן פאַר אים אַ רעגירונגס־קאָאַליציע און זי אים געבראַכט אויף אַ טאַץ אַהיים.

אַ „פּרשה" ? זיכער איז דער „עסק ביש" אין 1954 געווען אַ טראַגעדיע. ווער עס זאָל נישט האָבן געגעבן די אינסטרוקציע פאַר דעם „עסק ביש" — בלייבט די טראַגעדיע אַ טראַגעדיע. פּונקט אַזוי ווי עס וועט בלייבן אַ טראַגעדיע אויף לאַנגע דורות דאָס פאַרקויפן צו די דייטשן דאָס הייליקסטע פון אַלעם הייליקסטן פון אונדזער פאָלקס־חורבן, פּונקט ווי עס וועט בלייבן אַ טראַגעדיע כפר קאַסם און פריער קיביה און אַנדערע, וואָס דוד בן־גוריון טראָגט פאַר זיי די אחריות.

די „פּרשה" צוליב דעם „עסק ביש" אין 1954 איז פאַר דוד בן־גוריון נישט מער ווי אַ מכשיר פאַר זיין מאַכט־תאווה און אומגעצוימטע נקמה־ליידנשאַפטן. אויב פריער האָט ער ליווקווידירט אייגענע מיניסטאָרן, איז

זייך אַפּעטיט צערייצט געוואָרן און ער האָט זיך פּאַרמאָסטן מיט איין מאָל אויף זיבן מיניסטאָרן איינשליסלעך גאָלדע מאיר און לוי אשכול. אָט דאָ ליגט דער גאַנצער סוד פון דוד בן־גוריונס העלדן־געראַנגל פאַרן „אמת, וואָס שטייט ביי אים העכער פון דער מדינה". אַלע זענען אומגערעכט, נאָר ער איז דער איינציקער גערעכטער אין דער מדינה.

אויף דער מפא"י־קאָנפערענץ אין היכל התרבות האָבן די אַלע דראַמאַטישע מאָטיוון געהויערט אין דער לופטן. אָבער קיינער האָט זיי נישט געוואַגט צו אַנטוויקלען, קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן אָפן וואָס ער טראַכט. דוד בן־גוריונס 15־יאָריקע דיקטאַטאָרישע הערשאַפט מיט קרבנות, האָט ביי זייער אַ סך פאַראַליזירט דעם בירגערלעכן מוט צו זאָגן וואָס זיי טראַכטן, נאָר מען האָט זיך באַדינט מיט טראַפּאַרעטן און אויסגעדראָשענע סלאָגאַנס, ווי אויפן שטייגער כּלפּי אַלע דיקטאַטאָרן אין דער וועלט. דעריבער האָבן זיך אַלע געדרייט אַרום דער „פּרשה" און אַרום דעם „מערך" און אַרום דעם „אמת" און „צדק", הגם אַלע האָבן געוווּסט, אַז נישט דאָס איז דער עיקר. אָדער מען האָט אַרויסגעשטעלט היסטערישע ווייבער, וואָס אויף זייערע ספּאַזמען רייטן תמיד אַרויס אַלע דיקטאַטאָרן. און מיט אָט דער ווייבערישער היסטעריע האָט מען געוואָלט איבערצייגן אין דער גערעכטיקייט פון דוד בן־גוריונס „אמת". ביז מען האָט אויף אַ וועגעלע אַריינגעפירט משה שרת — דעם לעבעדיקן „קאָרפּוס דעליקטי" פון דוד בן־גוריונס „אמת" און „צדק". נאָכן אויסהערן בן־גוריונס רעדע מיט דעם פינאַל, אַז ער וועט זיך נישט באַרואיקן ביז דער אמת וועגן דער „פּרשה" וועט נישט באַוויזן ווערן ביז צום סוף, האָט שרת מיט אַ לשון, וואָס שטייט נישט אָפּ פון שעקספּירס דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן, אַראָפּגעריסן אַלע צביעות־מאַסקעס און אַלע דעמאַגאָגישע פּאַרהאַנגען, מיט וועלכע די מדינה איז געדיכט פאַרהאָנגען געוואָרן זינט פיר יאָר. דוד בן־גוריון קעמפט פאַרן אמת? אָט האָט בן־גוריון געלייענט אַ בריוו פון אים, שרתן, און דעם דאָזיקן בריוו האָט ער עטלעכע מאָל ציטירט עפנטלעך. האָט משה שרת צווישן זיינע פאַפּירן געפונען די קאָפּיע פון דעם בריוו און... ער האָט געבראַכט מיט זיך דעם בריוו, די פיר טויזנט מענטשן אין זאַל זענען דערשיטערט געוואָרן. משה שרת, דער מענטש פון סטיל און איידלקייט,

האָט נישט געדאַרפט זאָגן, אַז בן־גוריון האָט דעם טעקסט פונעם בריוו ציטירט ווי עס איז אים געווען באַקוועם. אָבער אַ ציטער איז אַדורך דורכן זאַל און דער מאַן, וואָס איז גרייט אומצוברענגען די מדינה פאַר זיין „אמת", איז געבליבן שטיין אַ נאַקעטער און אַנטוואָפנטער. בן־גוריונס פמליא, וואָס האָט מסתמא פאָרגעפילט, אַז דער קראַנקער שרת וועט קומען מיט זיין „זשאַקיז!", האָט זיך באַצייטנס באַזאָרגט מיט 500 קלאַקערס, וואָס זאָלן באַגלייטן מיט אָוואַציעס זייער באָס און שטערן דעם קראַנקן שרתן. אָבער נישט געקוקט אויף זיין קראַנקייט און שוואַכקייט און אָפּגייענדיק אין שווייס, האָט משה שרת וווּנדערלעך באַהערשט די שטערער און מיט זיינע רעדנעריש־ראַפינירטע זאַצן האָט ער צעקלאַפּט די צביעות פון „אמת־זור־כעריי" און גערופן בן־גוריונען צו אָרדענונג און רעספּעקט פאַר דער מדינה און פאַרן ידישן פאָלק; אים אָנגעוויזן זיין ריכטיקן פּלאַץ ווי אַ בירגער אַ יחיד, וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן פאָלק, קעגן דער רעגי־רונג און קעגן דער כנסת, ווי דאָס אַלץ וואָלט עקזיסטירט בלויז פאַר אים און זיינע קאַפּריזן. און נישט געקוקט אויף די אַלע שרעקלעכע ליידן, וואָס דוד בן־גוריון האָט גורם געווען משה שרתן פון לאַנגע יאָרן און אומדי־רעקט אים דערפירט צו זיין איצטיקן קראַנקייט־מצב, האָט זיך אין שרתס רעדע נישט געפילט דער מינדסטער טאָן פון פערזענלעכע טענות. פאַר־קערט, ער האָט נישט געקאַרגט קיין שבחים פאַר בן־גוריונען, נאָר וואָס מער שבחים, אַלץ מער האָט דער שאַרפער אַנאַליז פון פאַקטן אויפגעדעקט בן־גוריונס מאַכט־ליידנשאַפט און נקמה־גלוסטן און דער עיקר זיין ליידנ־שאַפט פאַרן „אמת".

19.2.1965

געשיכטלעכער חומר ביד היוצר

וואָס ווילן מיר פון אַנטיסעמיטן, אויב אַזוי רעדט אַ מנהיג ביי יידן?

אַ גוטער אָבסערוואַטאָר פון די קולטור־שטרעמונגען ביי אונדז אין דער מדינה, ווערט אָפט איבעראַשט פון דער גוואַלדיקער ענלעכקייט צו די שטרעמונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דער דעקאַדענטישער תקופה פון די חשמונאים אין ארץ־ישראל: פון איין זייט איז דעמאָלט געשטאַנען די אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין דעם מומיזירטן תנ״ך און פאַקטיש זיך פאַרכּל־הגויִשט ביז צו פולשטענדיקער העלעניזאַציע, און פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען דאָס פאָלק, וואָס איז נישט שטיין געבליבן ביים תנ״ך, נאָר געגאַנגען מיט דעם לעבן פון אייגענעם המשך (תורה שבעל פה). די היינטיקע צדוקים (די כנענים) קלאַמערן זיך אין תנ״ך, ווי אין אַ ספאָרט־קלוב און פאַקטיש לעכצן זיי צו פאַרכּל־הגויִשן זיך אין דער אַנגלאָזאַקסישער קולטור.

מיר ווייסן וואָס עס איז געווען דער סוף פון די העלעניזירטע תנ״ך־קולטניקעס און וואָס פאַר אַ בראָך זיי האָבן געבראַכט אויפן יידישן פאָלק. מיר ווייסן אויך וואָס פאַר אַ נחת מיר האָבן געהאַט פון די קראַימער, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין תנ״ך און נישט געוואָלט מיטגיין מיט דעם קולטור־המשך פון יידישן פאָלק. און שוין היינט לאָזן זיך מערקן די סימנים פון דער גייסטיקער לעוואַנטיניזאַציע, ווי אַ רעזולטאַט פון תנ״ך־ספאָרט־קולט פון איין זייט און פון פאַרבייטן די המשך־יידישע ווערטן אויף דעם כּל־הגויִזם פון דער אַנגלאָזאַקסישער וועלט פון דער צווייטער זייט.

ווי אונדזערע לייענער געדענקען האָט חיים הזז דערקלערט אויף

דער לעצטער קאָנפערענץ פון די העברעאישע שרייבער, אַז אויף דער מדינה איז פריצייטיק געפאַלן די זיקנה און ער האָט אָנגעוויזן אויף ערנסטע סימנים פון דעקאַדענץ. חיים הזז האָט אין זיין רעפעראַט אויסגעדריקט דאָס אַלץ, וואָס עס וויטיקט יעדער דענקנדיקער ייד אין ישראל (און ער האָט זיכער נישט אויסגעדריקט אַלץ), ער האָט אָבער נישט אָנגעוויזן, אַז די סיבות פון דער זיקנה און דעקאַדענץ איז דאָס, וואָס די גייסטיקע פירער פון דער מדינה אונטערוועגס און איצט פון דער מדינה, האָבן געמאַכט אַ סאַלטאָ מאָרטאַלע איבער צוויי טויזנט יאָר יידישן קולטור־המשך אין גלות און אַריינגעשפּרונגען אין דעם לאָגער פון די העלעניזירטע צדוקים. פונקט ווי דעמאָלט איז גריכיש געווען די צווייטע (די אַריסטאָקראַטישע) נאַציאָנאַלע שפּראַך, אַזוי איז איצט די צווייטע (אַריסטאָקראַטישע) נאַציאָ־נאַלע שפּראַך ענגליש.

דוד בן־גוריון, דער גייסטיקער מנהיג בישראל, האָט זיך געפילט געטראָפן פון דעם וואָס דווקא חיים הזז — דער מחבר פון „בקץ הימים”, דער אונטערצינדער פון גלות, — זעט אַזעלכע שוואַרצע וואָלקנס אויף אונדזער ליכטיקן הימל, און ער האָט מיט דעם שריפטשטעלער דורכגע־פירט אַ „דיאַלאָג”. מיט דעם „דיאַלאָג” האָט דער פרעמיער־מיניסטער געמיינט צו צעטרייבן די שוואַרצע וואָלקנס צוזאַמען מיט דער זיקנה, וואָס איז באַפאַלן דער מדינה.

דער „דיאַלאָג” איז געווען געדרוקט אין אַזאַ ערנסטן טאָג ווי ערב ראש־השנה אין דער ערנסטער צייטשריפט „הפועל הצעיר” און איז איצט דערשינען אין אַ סעפּאַראַט־אָפּדרוק.

אייגנטלעך זענען בן־גוריונס גרונט־פעסטשטעלונגען אין דעם „דיאַ־לאָג” נישט ניי. זיי ווערן איבערגעקייט אין יעדן צייטונגס־מאמר פון אַ כנענישן זשורנאַליסט. אָבער ווען זיי ווערן אַרויסגעזאָגט פון דעם פּרעמיער פון מדינת ישראל, וואָס איז נישט בלויז פּאָליטישער מנהיג, נאָר אויך דער גייסטיקער מנהיג פון דער מדינה, קאָנען זיי ווערן געפערלעך, ווייל זיי זענען עלול די כנענישע דעקאַדענץ אויסצושפּרייטן אויפן גאַנצן יידישן פאָלק.

דאַרף מען פאַר אַלעם זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם מוראדיקן זלזול מיט וועלכן אונדזער פּרעמיער רעדט אין דעם „דיאַלאָג" וועגן דעם וווּנדערבאַרן מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום. ער שטעל פאַר די דאָזיקע ייִדן ווי ליידיקגייער, וואָס האָבן בלויז געקענט רעדן און נישט טון. אמת, דאָרט זענען געווען די פיזישע כוחות צו בויען דאָס לאַנד, אָבער די דאָזיקע ייִדן זענען נישט געקומען ביז מען האָט זיי פאַרניכטעט. „זיי זענען פאַרניכטעט געוואָרן — זאָגט בן־גוריון — ווייל זייער ציוניזם איז נישט איבערזעצט געוואָרן אויף דער שפּראַך פון מעשים".

אַ ציטער גייט אַדורך איבערן לייב אויפן געדאַנק, אַז דער פּרעמיער־מיניסטער פון דער ייִדישער מדינה טראַכט מיט אַזעלכע שרעקלעכע טערמינען וועגן דעם מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום.

אויב אונדזער פּרעמיער־מיניסטער האָט אַזאַ וווּנדערלעכן זכרון, אַז ער געדענקט גענוי פון פאַר פיר טויזנט יאָר, אַז משה האָט אַרויסגעפירט פון מצרים בלויז זעקס הונדערט ייִדן, געדענקט ער דאָך אַוודאי די היסטאָרישע לאַגע פון ארץ־ישראל אין 1941. דער אייגנטלעכער ציל פון דייטשלאַנד אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען דער מיטעלער מזרח, ווי דער טויער צו דער ירושה פון דעם אייראָפּעאישן אימפּעריאַליזם. אין די פרילינג־חדשים פון 1941 איז ראָמעל מיט זיינע געפּאַנצערטע האָרדעס געשטאַנען ביי אַל־אַלמיין, דאָס הייסט ביי די טויערן פון ארץ־ישראל. סיי די מצרים און סיי די אַראַבער אין ארץ־ישראל האָבן זיך שוין געגרייט מקבל־פּנים צו זיין די דייטשן, כדי זיי צו באַגלייטן „צו די ייִדן אין פּאַלעסטיין". איך געדענק די שטימונג אין יענע קריטישע טעג. די ענגלענדער האָבן אַפילו געהאַט צוגעזאָגט עוואַקואַציע־פּלאַנען פאַר די פירער פון ישוב אין פאַל זיי וועלן זיך וועלן עוואַקואירן. די פירער וואָלטן זיך אפשר נישט עוואַקואירט, ווען די קאַטאַסטראָפע זאָל חלילה האָבן געקומען. מיט די פאַר טויזנט ביקסן און ביי דער גוטער אָרגאַניזאַציע פון דער „הגנה" וואָלט דער ישוב זיכער און מיט העלדישקייט זיך קעגנגעשטעלט דער דייטשער מאָרד־מאַשין; דער ייִדישער אויפשטאַנד אין ארץ־ישראל וואָלט אַוודאי געווען טויזנט מאָל שטאַרקער ווי דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ; די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין ארץ־

ישראל וואָלטן זיכער געקעמפט בעסער און לענגער ווי די עלנטע יידישע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער פון פּוילן און ווייסרוסלאַנד. צי קען אָבער זיין וועלכע עס איז אילוזיע בנוגע דעם אויסגאַנג פון דעם העלדישן קאַמף? מסתמא וואָלט חלילה געקומען צו אַ נייער אויפלאַגע פון מסדה. ניין, טאָמער וואָלט ראָמעל מיט זיין אַרמיי צוזאַמען מיט די ס.ס.־אָפּטיילונגען פון מופטיס מענטשן אַריין קיין ארץ־ישראל, וואָלט דער סוף געווען דער זעלבער וואָס מיט די יידן אין פּוילן, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. צום גליק איז געשען אַ נס: די בריטישע אַרמיי האָט איינגעבראָכן די אָפענסיווע פון ראָמעלן און די צעהאַקטע דייטשע אַרמיי אין אַפריקע האָט שוין נישט געקענט רעסטאַורירט ווערן מיט נייע כוחות, ווייל דייטשלאַנד האָט זיך געגרייט איבערצופאַלן אויף רוסלאַנד. בלויז אַ דאַנק אָט דעם נס האָט דער ישוב אין ארץ־ישראל אויסגעמיטן פאַרניכטעט צו ווערן.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען עס זענען דערגאַנגען צו אונדז די איוב־בשורות, אַז די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט מיליאָנען יידן אין פּוילן, זאָלט איר אויף די גאַסן פון תל־אביב הערן אַזאַ מין רעאַקציע, ווי: „גוט אַזוי! זיי האָבן נישט געוואָלט קומען אַהער האָט מען זיי דאָרט אויסגעשאָכטן". מיט אַלע רמ"ח אברים האָבן מיר דעמאָלט געוואָלט גלויבן, אַז אָט די פּערפידע רעאַקציע קומט פון גרוביאַנען און פּראָפּאַנען, אָדער פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך צוליבן גרויסן אומגליק פאַרלוירן, און כדי זיך צו שיצן נישט אַראָפּצוגיין פון זינען, גרייפן זיי אָן נישט די מערדער, נאָר די קרבנות פון די דייטשן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מיר געהערט איבערחזרן דעם טראַפּאַרעט: „זיי האָבן זיך געלאָזט פירן צו דער שחיטה ווי שעפּסן". און ווידער האָבן מיר געוואָלט גלויבן, אַז דער טראַפּאַרעט איז צוגעטראַכט געוואָרן דורך בינונים מיט נאַציאָנאַלן זעלבסטהאַס, אָדער דורך אַזעלכע, וואָס ווילן זיך שיצן קעגן אַן עווענטועלער באַשולדיקונג, אַז זיי זענען געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט ווען די דייטשן האָבן געשאָכטן זייערע ברידער.

איז דעריבער מוראדיק פיינלעך צו הערן פונעם מויל פון דעם מנהיג בישראל אַזאַ שווערע און פאַלשע באַשולדיקונג ווי „זיי זענען פאַרניכטעט

געוואָרן דערפאַר, ווייל זיי האָבן זייער ציוניזם נישט איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך פון מעשים".

פּאַרוואָס זאָל דער פּרעמיער־מיניסטער פון מדינת ישראל שיטן זאַלץ אויף יידישע וווּנדן, ווען ער ווייסט, אַז אויך דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל וואָלט געטיילט דעם זעלבן גורל, ווען די דייטשע מערדער זאָלן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון ביי אַל־אַלמיין און אַריין קיין ארץ־ישראל? צי גלייבט דוד בן־גוריון, אַז ווען די בריטישע אַרמיי זאָל דורך די דייטשן האָבן צעהאַקט געוואָרן ביי אַל־אַלמיין, וואָלט די העלדישע יוגנט פון ישוב געקענט פאַרניכטן דעם פאַנצער־כּוח פון ראָמעלס אַרמיי און זי אָפּהאַלטן פון אָקופּירן דאָס לאַנד? צי האָבן אַזאַ זאַך געקענט אויפטון די פראַנצויזן, די האָלענדער, די בעלגיער — מדינות פון אַ סך מיליאָנען מענטשן מיט רעגולערע אַרמייען?

די „היסטאָריש־אָביעקטיווע" פעסטשטעלונגען פון דוד בן־גוריון זענען בלויז אַ טייל פון דעם ליכט (אָדער פינצטערניש) אין וועלכן ער זעט דאָס גלות־יידנטום. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז צוליב דעם, וואָס ער איז אַוועק פון פוילן אין עלטער פון צוואַנציק יאָר מיט אַ שטאַרקן האַס צום גלות, האָט ער בכלל נישט געקענט דאָס שעפערישע און גאונותדיקע מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום און דעריבער קען ער מאַכן די פעסטשטעלונג, אַז די מיליאָנען יידן האָבן גאָרנישט געטון און גאָרנישט געשאַפן. אָבער אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ פיזיש געזעץ, אַז פון גאָרנישט קען גאָרנישט אַנטשטיין, וועט זיין זיכער די פעסטשטעלונג, אַז ווען די מזרח־אייראָפּעאישע יידן וואָלטן בלויז געפּרעדט און נישט געטון, וואָלט קיין שיבת ציון איבערהויפּט נישט געווען; ווען נישט די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע וואָלט קיין סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל נישט געווען; ווען נישט די הירש לעקערטס, ווען נישט די יידישע זעלבשוץ, וואָלט קיין „הגנה" אין ארץ־ישראל נישט געווען. און אַן אַפילו דעם יידישן בלוט דאָרט, וואָלט מדינת ישראל נישט געווען דאָ.

דוד בן־גוריון גרייפט אָן אין דעם „דיאַלאָג" דעם שריפטשטעלער הלמאי ער פאַרהערלעכט דאָס שטעטל. זיכער קען מען דאָס שטעטל נישט רעסטאַווירן און עס וואָלט געווען לעכערלעך צו וועלן רעסטאַווירן דאָס

שטעטל אין מדינת ישראל. אָבער זאָגן, אַז דאָס שטעטל איז געווען גייסטיק אויסגעליידיקט, אָן אידעאַלן, אַ פּוסטקייט, מיט אַן אויסנאַם פון פלאָנסק און נאָך אַ פּאָר שטעטלעך, ווו מען האָט גערעדט עברית — דאָס קען מען זאָגן נאָר אַ סאַברע, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַבסאָלוטער אומ־וויסנהייט וועגן זיין שטאַם. עס וואָלט געווען לעכערלעך צו דערמאָנען בן־גוריונען, אַז פון אַזאַ פּוסטקייט, ווי דאָס שטעטעלע מאָטעלע, קומט אַרויס דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל און וואָס אויף זיין האַנט איז געגעבן געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע, חיים ווייצמאַן; פון דער גייסטי־קער ליידיקייט אין שטעטעלע סקווירע קומט אַרויס אחד־העם; בערל קאַצענעלסאָן איז אַ פּראָדוקט פון דער גייסטיקער אויסגעליידיקטקייט פון יידישן באָברויסק; נחום סאָקאָלאָוו קומט פון דער פּוסטקייט ווישאָגראָד; שלום־עליכם איז אַרויס פון דער פּוסטקייט פון שטעטל פּערעיאַסלאַוו! פון אַ נאָך גרעסערער פּוסטקייט, ווייל אַפילו נישט פון קיין שטעטל, נאָר פון אַ דאָרף — ראַדי — אין וואָלין, קומט אַרויס חיים נחמן ביאַליק; ש"י עגנון קומט פון דער פּוסטקייט בוטשאַטש, און אורי צבי גרינבערג קומט פון דער גייסטיקער פּוסטקייט ביאַלי קאַמיען, אַ שטעטעלע אין גאַליציע, וואָס איז געווען אַזוי פּוסט, אַז עס איז אַפילו אויף דער מאַפּע נישטאָ.

אַ גייסטיקע וויסטעניש, רחמנא לצלן. איך ווינטש מדינת ישראל, זי זאָל כאָטש אין פופציק יאָר אַרום זוכה זיין אַרויסצוגעבן וויזיאָנערן, דענ־קער, אידעאַליסטן, שריפטשטעלער און גייסטיקע אינטעליגענץ פון אַזאַ מדרגה און דערהייבונג ווי עס האָט אַרויסגעגעבן דאָס שטעטל.

אדרבא, פּרווּוט הייננט עלימינירן אָט די שטעטלשע גייסטיקע כוחות פון דעם איצטיקן לעבן אין מדינת ישראל און איר וועט זען, אַז מיר וועלן זיין אין אַ לעוואַנטינישן מדבר.

אויב דוד בן־גוריון זעט אַזוי שוואַרץ די יידן אין גלות, איז נאַטיר־לעך וואָס ער זעט אַזוי ווייניק פון דעם, וואָס יידן האָבן געשאַפן אין גלות. פון די אַקאַדעמיעס אין סורה און פומבדיתא, איבער דער שפּאַנישער תקופה, ביז די ישיבות פון סלאָבאָדקע און לובלין מיט דעם גאַנצן ים אוצרות, וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט און רעקאָשעטירט אין וועלטלעכ־קייט, זעט נישט אונדזער פּרעמיער־מיניסטער קיין גרויסע יצירה. און כדי

מיר זאָלן חלילה נישט אַריינפאַלן אין פאַרצוויפלונג. באַהאַנדלט ער די מסכתא אבות מיט רחמים. געניי ווי אונדזער פרעמיער־מיניסטער געפינט אַ זכות אין אַן אויסנאַם־שטעטל, פלאָנסק, וווּ מען האָט גערעדט עברית, אַזוי געפינט ער אויך אַ שטיקל זכות פאַר דער משנה און תלמוד, „פון וועלכע מען קאָן לערנען עברית און זיך דערוויסן וועגן לעבן פון די יידן אין די צייטן פון בית שני און שפּעטער". נישט מער, סעדזשערע האָט מער געשאַפן.

געלויבט השם יתברך דערפאַר!

נו, אַוודאי, דוד בן־גוריון קען נישט לייקענען, אַז די ביכער פון בערל קאַצענעלסאָן זענען ליטעראַטור, אַזוי אויך אחד־העם און אויך רנ"ק.

געלויבט השם יתברך דערפאַר!

אין קיילעכדיקן אַרום, מאַכט דוד בן־גוריון פון גלות־יידנטום וויסטע גייסטיקע אביונים אויף אַ שטח פון צוויי טויזנט יאָר. אַן אומשעפּעריש, גייסטיק־מינדערווערטיק פאָלק. ענלעכע ווערטער האָבן מיר שוין געהערט, אָבער דווקא נישט פון יידן, וואָס אַפילו ווען מיר האָבן געלעבט צווישן זיי און געשאַפן צווישן זיי האָבן זיי גאָרנישט געוווּסט וועגן אונדז.

אויב אונדזער פרעמיער־מיניסטער טראַכט באמת אַזוי, אַז זינט דעם תנ"ך האָט זיך פון יידישן פאָלק אָפּגעטון די שעפערישע שכינה און די שכינה האָט זיך ערשט ווידער באַוויזן צו אונדז אין יאָר 1948, ווערט אפשר קלאָר פאַרוואָס, ווען ער קומט קיין אויסלאַנד, גייט ער איבער די בוכהאַנד־לונגען און זוכט עפּעס וואָס פון דער אַלטער גריכישער ליטעראַטור, פון אַן אייסכילאָס, אַ גאָרגיאַס, אַ פּיטאַגאָראַס צי אַ דעמאָקריטוס. צי קען מען אָט די שרייבער און פילאָזאָפן פאַרגלייכן צו דעם, וואָס עס האָבן משטיינסגעזאָגט געשאַפן די גלות־יידן, ווי דער רמב"ם, יהודה הלוי, אבן גבירול, שפּינאָזאַ, אָדער די יידן פון די פּוסטע שטעטלעך — אַ נחמן קראָכמאַל, אָדער אַ הלל צייטלין, שוין אָפּגערעדט פון די שרייבער, וואָס האָבן געשריבן אין דעם לשון וואָס גרילצט אים אין די אויערן — ווי מענדעלע, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, שלום אַש, אָדער — ער זאָל זיין אָפּגע־שיידט פון זיי — איציק מאַנגער? און אויב די גאַנצע תלמודישע און רבני־שע ליטעראַטור איז קיין ליטעראַטור נישט, און איר גאַנצע גייסטיקע פילאָ־

זאָפּיע איז נישט קיין שעפערישע און במילא נישט קיין דערהייבנדיקע, בלייבט טאַקע נישט פאַר אַ ייד קיין אַנדער וועג ווי צו פאָרן אין אַ בודיס־טיש לאַנד זיך מתבודד צו זיין אין גייסט פון דעם נאַקעטן פופּיק פון בודאַ. צי האָט דען דער אַלטער קאַצקער געוווסט פון דעם טעם פון אַ גוט ביסל התבודדות? צי האָט דער בעש"ט געוווסט פון גייסטיקער דערהייבונג?

און כדי מיר זאָלן זיין מיט פעלקער גלייך, האָבן מיר אַ תנ"ך, מיט וועלכן מען קען איינאָרדענען פאַרמעסטונגען, ווי אַמאָל די ספּאָרט־פאַר־מעסטונגען אויף די ספּאַרטאַנישע גימנאַזיאָנען, אָדער ווי אויף דעם גימנאַ־זיאָן אין ירושלים, ווו צדוקישע זין — די אָבות פון די היינטיקע כנענים — האָבן זיך אונטערגעקלעפּט דעם צייכן פון ברית מיט אברהם אבינו, כדי מען זאָל נישט דערקענען, אַז זיי זענען יידן, נאָר זיי זאָלן זיין ככל הגוים.

נקרומאַ, דער פּרעמיער־מיניסטער פון גאַנאַ, לאָזט פאַבריצירן „באַ־וויזן", אַז זיין פאָלק האָט אַן אַלטע רומרייכע גייסטיקע קולטור.

כרושטשאָוו פאַראייגנט דעם רוסישן פאָלק קולטור־אויפטוען, וואָס געהערן צו אַנדערע פעלקער.

אַבדול נאַצער פאַרבינדט זיינע טראַכאָמע־פעלאַכן מיט דער אַלטער עגיפּטישער קולטור.

יעדער נאַציאָנאַלער מנהיג באַמיט זיך צו באַווייזן די גאונות פון זיין פאָלק, ווייל וואָס שעפערישער עס איז זיין פאָלק, אַלץ דערהויבענער ווערט דער מנהיג. עס איז אַוודאי מער כבוד צו זיין דער פירער פון אַן אַלט שעפעריש קולטור־פאָלק, איידער דער פירער פון אַן אומשעפערישן ערב־רב. פאַרוואָס זשע מאַכט אונדז דוד בן־גוריון פאַר אַזאַ שפלדיק פאָלק, וואָס האָט במשך פון צוויי טויזנט יאָר זיך אַרומגעפּלאָנטערט ווי ציגיינער צווישן פרעמדע פעלקער און כמעט גאָרנישט געשאַפן? צי כדי ישראל־סטודענטן זאָלן אין די אויסלאַנדס זיך קענען אָפּגרענעצן פון יידן און מאַניפעסטירן, אַז זיי זענען אַן אַנדער ראַסע, איז נייטיק זיי צו געבן אַזאַ שטאַף? צי האָט דען נישט די צווייטע עליה געננג באַוויזן פאַר היסטאָרישע אויפטוען, נאָר מען דאַרף זיי אַנטקעגנשטעלן צוויי טויזנט יאָר פּוסט לעבן אין גלות?...

נישט אַנדערש ווי נאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט זעלבסטפאַרליי־

קענונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ טיפּ יידן, וואָס לעכצן צו זיין ככל הגוים, ווייל עס פעלט זיי דער טאַלאַנט צו זיין ככל היהודים...

דוד בן־גוריון געהערט צו דעם טיפּ יידן.

9.10.1962

דער מנהיג באַשטעלט געשיכטע

היינטיקע וואָך האָב איך זיך אַן איבעריק מאָל איבערצייגט, אַז דער וואָס גלייבט נישט ביי אונדז אין נסים איז נישט קיין רעאַליסט, נאָר אַן אומפאַרבעסערלעכער ראָמאַנטיקער, אַ בטלן שבבטלנים, אַ פליאַסקע דריגע און אַ שמעגעגע און מער גאָרנישט. און כדי איר זאָלט מיר נישט דאַרפן גלייבן אויפן וואָרט וועל איך אייך באַלד באַווייזן מיט פאַקטן, אַז נסים און רעאַליטעט זענען איינס און דאָס זעלבע.

מסתמא דערמאָנט איר זיך ד״ר ישראל בר, וואָס דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון האָט אים אָנפאַרטרויט צו שרייבן די געשיכטע פון דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה. און מסתמא דערמאָנט איר זיך אויך, אַז דער זעלבער ד״ר ישראל בר, וואָס איז געזעסן אין די מיליטערישע אַרכיוון אויף צו זוכן מאַטעריאַלן פאַר דער באַשטעלטער געשיכטע, איז דערווייל געווען אַ פרעמדער שפּיאָן און אָנשטאָט שרייבן די באַשטעלטע געשיכטע איז ער געגאַנגען זיצן.

און מסתמא דערמאָנט איר זיך אויך דעם אַזוי גערופענעם „קליינעם מאַן״, וואָס דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון האָט אים אַראָפּגעזעצט פון זיין אַמט דערפאַר, ווייל ער איז געווען צו טיכטיק ביים אויפדעקן די שיינע מעשים פון די דייטשע וויסנשאַפטלער אין מצרים.

אָט דער „קליינער מאַן״ האָט זיינער צייט אויסגעפונען, אַז ד״ר ישראל בר * איז אַ שפּיאָן. צוזאַמען מיט דער באַשטעלטער געשיכטע פירט ער אויס באַשטעלטע שפּיאָנאַזש־אַרבעט.

---

* ישראל בר איז געשטאָרבן אין תפיסה ביים אָפּקומען די שטראָף פאַר שפּיאָנאַזש לטובת אַ פרעמדער מאַכט.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן וואָס עס האָט געקענט פּאַסירן. עס האָט געקענט פּאַסירן, אַז דער „קליינער מאַן" זאָל אַראָפּגעזעצט ווערן איידער ער האָט באַוויזן אויפצודעקן, אַז ד"ר ישראל בר איז אַ שפּיאָן. אין אַזאַ פאַל וואָלט דער דאָקטאָר ווייטער געבליבן דער באַשטעלטער היסטאָריקער און ער וואָלט אָנגעהיסטאָריעוועט אַ היסטאָריע.

ווי אַזוי וואָלט אויסגעזען די געשיכטע, וואָס דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער האָט באַשטעלט ביים דאָקטאָר ?

ביז איצט האָבן מיר נישט געקענט וויסן ווי די דאָזיקע געשיכטע וואָלט אויסגעזען, אָבער דעם פאַרגאַנגענעם פרייטיק האָט דער „הבקר" אָפּגעדרוקט אַן אינטערוויו מיט דעם געוועזענעם פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון און אין אָט דעם אינטערוויו האָט דער חבר הכנסת דוד בן־גוריון געגעבן די „טעזן" פאַר דער געשיכטע פון דער אומאָפּהענגי־קייטס־מלחמה. און אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט געדאַרפט טאַנצן די גע־שיכטע לויט דער היסטאָריע־מוזיק פון דוד בן־גוריון, קען מען אויפן גרונט פון די אָפּגעדרוקטע „טעזן" „רעסטאַווריר‎ן" די געשיכטע ווי זי וואָלט „געפּיקסט" געוואָרן דורך דעם נאָבעלן דאָקטאָר.

וועל איך איצט פּרוּוון צוזאַמענשטעלן אַ קאַפּיטל פון אָט דער גע־שיכטע אויפן סמך פון די „טעזן". עס לייענט זיך אַזוי :

„נאָך דער שואה אין גלות, ווו איינער אַ נאַצי האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן, איז אויף דער וועלט געבליבן בלויז איין איינציקער מנהיג און דאָס איז דוד בן־גוריון. עפּעס איין יידיש מיידל, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער שואה איז געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט דערציילט וואָס דער איינער נאַצי האָט געמאַכט מיט די זעקס מיליאָן יידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פירן צו דער שחיטה ווי די שעפּסן. און הגם דאָס מיידל האָט וועגן דער שואה דערציילט אין אַ שפּראַך, וואָס האָט געגרילצט אין די אויערן פון דוד בן־גוריון, האָט דער איינציק פאַרבליבענער מנהיג באַשלאָסן צו שאַפן אַ יידישע מדינה.

דעם 29סטן נאָוועמבער 1947 האָט או"ם־שמום אָפּגעשטימט די צע־טיילונג פון ארץ־ישראל, אָבער דאָס אָפּשטימען פון די פריינט־שמיינט און דעם או"ם־שמום וואָלט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט ווען נישט

דער איינציקער מנהיג. ווארעם גלייך נאָך דעם ווי דעם 14טן מאַי 1948 איז פראָקלאַמירט געוואָרן מדינת ישראל, זענען זעקס אַראַבישע מדינות איבערפאַלן די יידישע מדינה. דוד בן־גוריון האָט איינער אַליין גלייך אויפגעשטעלט די ישראל־אַרמיי. זיין געניאַל אויג האָט אַפילו שוין געהאַט פון פריער געזען דעם בעסטן מיליטערמאַן, וואָס קען פירן אַ זיגרייכע מלחמה מיט אַ געחתמעטן נצחון אין דער קעשענע. זיין נאָמען איז געווען משה דיין. נאָר עמעצער אַ נישט פאַרגינער האָט סאַבאָטירט דעם מנהיג און אויסבאַהאַלטן משה דיין. מען האָט אים געבונדן און נישט צוגעלאָזט צו דוד בן־גוריון. בלית ברירה האָט דער מנהיג געמוזט נעמען וואָס עס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. אין לאַנד האָבן זיך אַרומגעוואַל־גערט שברי כלים פון די צייטן פון דער „הגנה" און „פלמ"ח", שלימזל־דיקע פאַרטיזאַנער. האָט דער מנהיג באַשלאָסן, אַז ווען די טייכן טריקענען אויס איז אַ געזאַלצענער הערינג אויך אַ פיש. אַזוי אַרום האָט ער גענומען עפעס איינעם אַ פאַרטיזאַנער מיטן נאָמען יעקב דורי און ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ שעף פון גענעראַל־שטאַב. אַ צווייטן בחורטשיק, אויך אַ פאַרטיזאַנער, נאָר פון אַ גוטער משפחה, מיטן נאָמען יגאל ידין, האָט ער געמאַכט פאַרן אָפעראַציע־שעף. אַ דריטן, אַ קיבוצניק, מיטן נאָמען יגאל אלון, וואָס האָט זיך אין פלמ"ח געשפּילט מיט ל"ג־בעומר־שווערדלעך, האָט ער אויך אַריינגענומען. אין דעם כל הנעורים האָט ער אויך אַריינ־גענומען עפעס איינעם מיטן נאָמען חיים לאַסקאָוו, וואָס שוין זיין גלות־דיקער נאָמען אַליין רופט אַרויס פאַרדאַכטן, אַז ער האָט אַ גלות־פסיכאָ־לאָגיע און איז דעריבער נישט קיין גרויסער קעמפער. און ער האָט גענו־מען נאָך אַ צווייטן — עפעס אַ מרדכי מקלף נישט געשטויגן נישט גע־פלויגן. דער מנהיג האָט די אַלע לייט אָנגעטאָן גענעראַלסקע שליפעס, זיי צעשטעלט אויפן שאַך־ברעטל פון דער מלחמה און זיי געזאָגט: „שלאָגט זיך!" האָבן זיי זיך געשלאָגן. און דער מנהיג, וואָס איז איינציק אין דעם דור, האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן איינעם נאָכן צווייטן. האָט ער באַפוילן און זיי האָבן זיך געשלאָגן. נאָר אַזוי ווי דער מנהיג האָט פון פאָראויס געוווסט, אַז ער האָט צו טון מיט לא יוצלחס, האָט ער זיי געפּרוווט פירן ביי די הענט, לערנען זיי ווי מען האַלט אַ ביקס און ווי מען שטעלט אַ פוס, אָבער

ווי נאָר ער האָט זיי געמאַכט פאַר גענעראַלן, אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן נישט הערן זיינע באַפעלן און זיי זענען פאַרקראָכן: איינער איז פאַרקראָכן קיין לבנון אַזש ביז צום טייך ליטאַני. און ווען דער מנהיג הדור זאָל נישט ענערגיש פאָדערן צוריקציען זיך פון ליטאַני, וואָלטן מיר פון דעם טייך ליטאַני פאַרפלייצט דעם נגב און עס וואָלט פאַרמיטן געוואָרן צו בויען דעם גיגאַנטישן מוביל המים פאַר 400 מיליאָן פונט. אַ צווייטער פון די יונגעלייט איז פאַרקראָכן אַזש ביז אַל־עריש אין דער מדבר סיני, דער טייוול ווייסט וואָס ער האָט דאָרט געזוכט. צי פעלט אונדז דען זאַמד אין נגב, וואָס ער איז געקראָכן אין דער מדבר סיני? האָט דער מנהיג אויך אין דעם פאַל אַרויסגעגעבן אַן ענערגישן באַפעל: „צוריקציען זיך!" אַ סברה, אַז דער קאָמאַנדיר־פאַרטיזאַנער וואָלט דעם באַפעל פון דעם מנהיג נישט געהערט, ווען עס זאָל נישט קומען צוהילף דער ערשטער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, דער ישראל־פריינט מעקדאָנאַלד, וואָס האָט אויך באַפוילן צוריקציען זיך פון אַל־עריש און פון עזה. האָט זיך דער קאָמאַנדיר דערשראָקן און בלית ברירה צוריקגעצויגן זיך. אַזוי אַרום איז אונדזער מנהיג געלונגען אָפּצוהאַלטן צוויי דעצידירנדיקע נצחונות, נישט געקוקט אויף די נישט דערפאַרענע קאָמאַנדירן: צוריקציען די ישראל־אַרמיי פון לבנון און פון אַל־עריש. ווען נישט דאָס, וואָלטן די פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן פאַרקראָכן איינער קיין ביירוט און דמשק און דער צווייטער קיין קאַיר, הגם ביידע קענען נישט קיין שייטל אַראַביש. אָט דער געניאַלער באַשלוס פון צוריקציען זיך האָט ערשט שפּעטער געצייטיקט די נצחונות־דיקע פרוכטן, וואָרעם ווען דער מנהיג זאָל דעמאָלט נישט געבן דעם באַפעל צוריקציען זיך פון דער מדבר סיני, וואָלטן מיר שפּעטער, אין יאָר 1956, נישט געהאַט וואָס צו פאַרנעמען, וואָרעם מען קען דאָך נישט נעמען וואָס מען האָט שוין... אָבער, אַז מען גיט אָוועק פריער, האָט מען וואָס צו נעמען שפּעטער. און דער מנהיג האָט אויך שפּעטער געגעבן, כדי נאָך שפּעטער אָפּצוהאַלטן ווייטערדיקע נצחונות.

צוליב דעם וואָס די שלאַכטן זענען אָנגעגאַנגען אויף צפון און דרום, האָט דער מנהיג הדור נישט געקענט זיין מיט איין מאָל אויף ביידע פראָנטן. אָבער אין צענטער איז ער יאָ געווען און ער האָט אויסגעאיבט

פערזענלעך זיין גאַנצע געניאַלע השפּעה. אַזוי אַרום האָט ער נישט אויפגעהערט צו שיקן באַפעלן און ליפערן אָפּטיילונגען אויפן פראָנט ביי לאַטרון. ער האָט נישט געהערט וואָס עס זאָגן די אומדערפאַרענע פאַרטיזאַנער און געהאַלטן אין איין שיקן. די קאָמאַנדירן האָבן געשריגן „ניין!" און דער מנהיג האָט געשריגן „יאָ!" און ער האָט אויסגעפירט. ביי לאַטרון האָט אונדזער יונגע אַרמיי געליטן שרעקלעכע פאַרלוסטן, אָבער דער מנהיג האָט זיינס אויסגעפירט. וואָרעם ווי דער הויפּט־קאָמאַנדיר און גע־ניאַלער פירער האָט ער געוווּסט בעסער פון אַלע. ער האָט זיך נישט געהאַט אויף וועמען צו פאַרלאָזן אויסער אויף זיך אַליין.

צוזאַמען מיט דעם אַלעמען האָט דער מנהיג נישט אויפגעהערט צו זוכן משה דיין. וואָרעם ער האָט געפילט, אַז אָן אים וועט עס נישט גיין. דערווייל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אָפּעראַציע־שעף יגאל ידין, אָדער אפשר גאָר דער שעף פון גענעראַל־שטאַב יעקב דורי, האָט געוווּסט, אַז דער מנהיג זוכט משה דיין. האָט ער גענומען משה דיין און אים פאַרשיקט ער זאָל איינעמען בית־לחם. אָבער אַזוי ווי משה דיין איז געגאַנגען אויף בית־לחם און זיך צוריקגעצויגן מיט פאַרלוסטן — דאַרף מען אין דעם זען אַ שטיקל אַרבעט פון די אומדערפאַרענע פאַרטיזאַנער וואָס האָבן משה דיין מסתמא געוואָלט מכשיל זיין.

די ווייטזעעוודיקייט פון דעם מנהיג וועלן קענען אָפּשאַצן ערשט די קומענדיקע דורות. איינער פון די קאָמאַנדירן־פאַרטיזאַנער, דער פלמ"חניק מיט די ל"ג־בעומר־שווערדלעך, יגאל אלון, זעט די שולד אין דער פּאָלי־טישער אָנפירונג, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער מנהיג, הלמאי די אַלטשטאָט פון ירושלים איז געבליבן אין די הענט פון דעם אַראַבישן לעגיאָן. דווקא אין דעם ליגט די געניאַליטעט און די ווייט־זעעוודיקייט פון דעם מנהיג. וואָרעם טאָמער וואָלט גאַנץ ירושלים געהערט צו ישראל, ווו וואָלטן מיר גענומען אַ מאַנדלבוים־טויער, דורך וועלכן דער פּויפּסט פּאַולוס דער 6טער זאָל אין 1964 קענען אַריבערגיין צו חוסיינס מלוכה, אויב עס וואָלט קיין חוסיין מסתמא נישט געבליבן? און וווהין וואָלט געפלויגן דער בעלגישער קעניג — צום נאַרדפּאָל וואָלט ער געפלויגן כדי אָנצוקומען קיין ירושלים?

נאָר די גאָניאַליטעט פון דעם אײנציקן מנהיג, וואָס איז דעם יידישן פאָלק איבערגעבליבן נאָך דער שואה, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען זיינע נצחונות, וואָרעם קיין מפּלות האָט ער קיין מאָל נישט געליטן. ער איז געגאַנגען פון איין נצחון צום צווייטן. מפּלות האָבן געליטן בלויז די פאַר־טיזאַנער פון „הגנה״ און „פלמ״ח״, וואָס אָנשטאָט אויסצוקעמפן די יידישע מדינה זענען זיי געקראָכן קיין לבנון און אין דער מדבר סיני, און ווען מען לאָזט זיי וואָלטן זיי פאַרנומען גאַנץ ארץ־ישראל. דאָס האָט אונדז נאָך געפעלט!

אין ליכט פון די דאָזיקע נצחונות פון דעם מנהיג ווערט קלאָר זיין לומדישע וויזיע, אַז משה רבינו האָט אַרויסגעפירט פון מצרים זעקס הונ־דערט יידישע סאָציאַלע פאַלן און אַרומגעבלאָנקעט מיט זיי אין דער מדבר גאַנצע פערציק יאָרן, בעת אונדזער מנהיג האָט געגעבן אַ געשריי בלויז איין וואָרט: רוך — גיי! און אַ האַלבער מיליאָן אַראַבער בראש מיט קאַוגדזשין זענען זיך צעלאָפן ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. דעריבער איז היסטאָריש באַרעכטיקט ווען דער מנהיג לאַכט זיך אויס פון או״ם־שמום מיט זיינע אָפּשטימונגען דעם 29סטן נאָוועמבער. נישטאָ קיין נאָ־וועמבער! עס איז נאָר דאָ איין גאָט און איין מנהיג, דוד בן־גוריון, וואָס איז זיך קיינמאָל נישט טועה און ער איז שטענדיק גערעכט״.

אַזוי וואָלט מסתמא געשריבן די געשיכטע פון דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה דער באַשטעלטער און פאַרשטעלטער ד״ר ישראל בר. האָבן מיר אַ שר האומה, וואָס האָט צוגעשיקט די רפואה פאַר דער מכה: דער „קליי־נער מאַן״ האָט אין דער ריכטיקער צייט אויסגעפונען, אַז דער באַשטעלטער היסטאָריקער איז אַ פאַרשטעלטער שפּיאָן און אַזוי אַרום איז געשען דער נס, וואָס ערשט שפּעטער האָט דוד בן־גוריון אַראָפּגעזעצט דעם „קליינעם מאַן״ און דעריבער איז די באַשטעלטע געשיכטע איצט געבליבן בלויז אין די „טעזן״, וואָס זענען געווען אָפּגעדרוקט אין אַ צייטונג. און עס האָבן זיך אָפּגערופן די העלדישע קאָמאַנדירן פון דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה, וואָס האָבן מיט זייער פלייס און מיט דעם בלוט פון קינדער פון ישראל און פון געקומענע פון די לאַגערן אויסגעקעמפט פאַר די יידן אַ מדינה, וואָס

איז דער נכס פון דעם גאַנצן פאָלק און נישט פון איין מנהיג, וואָס גייט פון פרשה צו פרשה און מאַכט אונדז אַלע און אויך זיך גופא צו חוכא וטלולא.

נו, צי זענען נישט ביי אונדז נסים גאָלע רעאַליטעט?

13.3.1964

ישראלס „קראַטקי קורס" אין אַן ענגלישער אויסגאַבע

(די געשיכטע פון ישראל ווי אַ ביאָגראַפיע פון איין מענטש)

אין יאָר 1940 האָב איך אין אַ צוג צווישן ווילנע און קאָונע באַגעגנט נח פרילוצקי. כדי די צייט פון דער רייזע זאָל אים נישט לאַנגווײַלן האָט ער געלייענט אַ בוך. באַמערקנדיק, אַז איך זע ער לייענט דעם „קראַטקי קורס" (די געקירצטע געשיכטע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי) האָט ער אויף מיין פאַרוואונדערונג דיסקרעט געזאָגט: „דאָס איז דאָס שונדיס־טישסטע בוך, וואָס איך האָב ווען עס איז געלייענט אין מיין לעבן און די פעלשונגען און האַלבע אמתן אין דעם בוך זענען אַזוי אינטערעסאַנט אָנ־געשריבן, אַז איך לייען דעם ,קורס' ווי אַ קרימינאַל־ראָמאַן".

ס'איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ לוקסוסאַרטיק אַלבום־בוך אין דער ענגלישער שפּראַך „דהי דזשוס אין זייער לענד" (די ייִדן אין זייער לאַנד), צונויפגעזאַמלט און רעדאַגירט פון דוד בן־גוריון, אַרויסגעגעבן פון „אַלדאַקס בוקס" אין לאָנדאָן, 1966. פון די 392 זייטן טעקסט און בילדער פאַרנעמען 270 זייטן פיר ערנסטע אַרבעטן פון פראָפ. יוחנן אהרוני, ד"ר אליהו אויערבאַך, פראָפ. יהושע גוטמאַן, ד"ר מנחם שטערן, פראָפ. בן־ציון די־נור און ד"ר יצחק בן־צבי, וואָס אַלע נעמען זיי אַרום די געשיכטע פון ייִדן אין ארץ־ישראל פון זייער אָנקומען אַהער (1200 פאַר דער נייער צייט־רעכענונג) ביז צום סוף פון דער אָטאָמאַנישער הערשאַפט (1917). די אַר־בעטן זענען געשריבן קאָנדענסירט און געטריי, אויף וויפל עס איז מעגלעך צו געבן פינף ריזיקע היסטאָרישע פעריאָדן אין אַזאַ לאַקאָנישקייט. די הקדמה האָט אָנגעשריבן ד"ר זלמן שזר, דער פרעזידענט פון ישראל.

דער זעקסטער טייל פון דעם אַלבום־בוך, פון דער גרינדונג פון פּתח־תּקווה ביז דער איצטיקער צייט, איז געשריבן דורך דעם רעדאַקטאָר גופא, דוד בן־גוריון.

אַט די 122 זייטן לייענען זיך ווי אַ שפּאַנענדיקער ראָמאַן און מען קען וועגן דעם טייל פּאַראַפראַזירן די אויבנציטירטע אָפּשאַצונג פון נח פּרילוצקי וועגן דעם „קראַטקי קורס" — ער איז אַזוי שונדיש, אַז ער לייענט זיך מיט אינטערעס ווי אַ קרימינאַל־ראָמאַן (נאָר פאַר די, וואָס קענען די היסטאָרישע פאַקטן ווי זיי זענען געווען אין דער ווירקלעכקייט). דער אונטערשייד צווישן דער טעכניק פון דעם „קראַטקי קורס" און דער „געשיכטע" ווי עס שרייבט זי דוד בן־גוריון, באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס דעם „קראַטקי קורס" האָט פאַר סטאַלינען געשריבן אַן אומבאַקאַנטער שונד־שרייבער, צוגעשניטן פאַר דער גלאָריפיקאַציע פון סטאַלינען און דער פּאַרטיי־ליניע אין דער געגעבענער צייט, בעת אין דעם פאַל האָט די נייע „געשיכטע" פון יידן אין ארץ־ישראל אָנגעשריבן דוד בן־גוריון גופא און... ס'איז אַרויסגעקומען אַ נאַרציזישע אויטאָביאָגראַפיע, אין וועלכער דער מחבר דערשיינט צווישן דעם ציוניסטישן אַוואַנגאַרד פון טעאָדאָר הערצלען ביז חיים ווייצמאַן און ביז דעם יאָר 1966 בכלל, ווי אַ זשיראַפע צווישן מילבן; ער באַגראָבט וועמען ער האַלט פאַר נייטיק צו באַגראָבן, רעכנט זיך אָפּ מיט וועמען ער האָט חשבונות און קען זיך נישט באַהערשן נישט צו וואַשן די שמוציקע וועש. ער איז דער איינציקער, וואָס שפּילט אויף דער פיאַנע פון ציוניזם און מדינה, ווי אַ וואַסער, אַן טעותדיק, נביאיש, אומפעלערהאַפט, בעת אַלע אַנדערע אין דער דאָזיקער וועלט פּלאָנטערן זיך סתם צווישן די פיס און האָבן עפּעס אַמאָל אונטערגעהאָלפן אַ שטופּ טון אין דער ריכטונג פון דער יידישער מדינה. טעאָדאָר הערצל האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן דערמיט, וואָס ער איז געשטאָרבן אין 1904, בעת בן־גוריון איז נאָך געווען אין פּלאָנסק. טאָמער וואָלט ער געלעבט נאָך דעם ווי בן־גוריון איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל, וואָלט אויך הערצל וואַרשיינלעך ביי אים געהאַט אַזאַ פּנים ווי עס האָט ביי אים אין זיין „געשיכטע" חיים ווייצמאַן.

ווער איז חיים ווייצמאַן, וועדליק דער „געשיכטע" פון דוד בן־גוריון?

פאַר זיך אַליין איז ער גאָרנישט (בלויז דוד בן־גוריון איז פאַר זיך

אַליין אַלץ), די באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכער ער ווידמעט אין אַלבום עלף שורות, איז דערהאַלטן געוואָרן הויפּטזעכלעך (אָבער נישט אויס־שליסלעך) דורך דריי פּראָמינענטע יידן: הערבערט סעמיועל, נחום סאָקאָ־לאָוו און ד״ר חיים ווייצמאַן. מער גאָרנישט. געגוי אַזוי פאַרגינט ער נישט זשאַבאָטינסקין צו זיין דער שעפער פון דעם יידישן לעגיאָן און ער שרייבט אים צו „מיט דער הילף פון ד״ר חיים ווייצמאַנען״ — ס׳זאָל אים נישט גיין צו גוט, דעם זשאַבאָטינסקין.

וועגן דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, דער אינטעלעקטועלער און וויסנשאַפטלעכער באַזע פון דעם נייעם ארץ־ישראל, האָט דוד בן־גוריון צו דערציילן בלויז אין צוויי אַלבום־שורות: „אין מערץ 1925 איז געלייגט גע־וואָרן דער ווינקלשטיין פון דעם העברעאישן אוניווערסיטעט, אויפן הר הצופים, אין דער אָנוועזנהייט פון לאָרד באַלפור און ד״ר חיים ווייצמאַן״. וואָס פאַר אַ שייכות האָט חיים ווייצמאַן צום אוניווערסיטעט לויט דער אמתער געשיכטע און נישט ווי בן־גוריון פּרעפּאַרירט זי? לויט דער אמתער געשיכטע האָט חיים ווייצמאַן פּראָפּאַגירט דעם געדאַנק פאַר דעם העברעאישן אוניווערסיטעט נאָך אין יאָר 1902, און אין יאָר 1913 האָט ער וועגן דעם קאָנקרעטן פּלאַן פאַרן אוניווערסיטעט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויפן 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס. אין די אַלע יאָרן האָט חיים ווייצמאַן נישט גערוט און ביי יעדער געלעגנהייט, סיי אויף קאָנגרעסן און סיי צווישן די קאָנגרעסן, נישט אויפגעהערט צו „פּייניקן״ די ציוניסטישע מנהיגים מיט זיין „אידייע פיקס״ — אויפצושטעלן אויפן הר הצופים דעם ערשטן העברעאישן אוני־ווערסיטעט אין דעם באַנייטן ארץ־ישראל. דעם ווינקלשטיין פאַרן אוניווער־סיטעט האָט געלייגט טאַקע דער זעלבער „אָנוועזנדיקער״ חיים ווייצמאַן, אָבער נישט אין מערץ 1925, ווי עס וויל בן־גוריון, נאָר אין יולי 1918.

מען דאַרף נישט האָבן קיין צו גרויסע פאַנטאַזיע, כדי זיך פאָרצו־שטעלן, אַז דער ווינקלשטיין האָט זיך אַליין נישט געלייגט. אין יענע יאָרן, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און די רעוואָלוציעס נאָך איר, איז דאָס דערגרייכן צו אַ ווינקלשטיין פון דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים געווען די גרעסטע היסטאָרישע דערגרייכונג אין ארץ־ישראל גופא!

אָבער פאַר דוד בן־גוריון און זיינע שׂנאהס עקזיסטירט נאָר דאָס און ס׳איז וויכטיק נאָר דאָס, מיט וואָס ער קען פאַרבינדן זיין נאָמען.

אַזוי גייט אָוועק זיין גאַנצע „געשיכטע" אין דעם זעלבן זשאַנער: פאַר־בלייבן אַלע און אַלץ און אויפהייבן איין איינציקן מענטש — דעם מחבר פון דער „געשיכטע". וועגן זיך אַליין האָט דוד בן־גוריון אַריינגעשטעלט אין זיין „געשיכטע" זיינע אייגענע „פיקטשערס" און „היסטאָרישע" פאָזעס, מיט וועלכע ער האָט אַזוי גערן צו פאָזירן, אָבער פון חיים וויצמאַן, דעם ערשטן נשיא זינט יהודה הנשיא, האָט ער געגעבן צוויי כל־הנעורים־בילדער, וואָס אין איינעם פון זיי איז אויך ער, דוד בן־גוריון, אין סאַמע צענטער...

יוסף שפּרינצאַק, דער ערשטער פאַרזיצער פון דעם ערשטן יידישן פּאַרלאַמענט אין דער געשיכטע, עקזיסטירט בכלל נישט, פּונקט ווי ישראל האָט נישט געהאַט קיין ערשטן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, נאָר דווקא אַ צווייטן, וועלכן ער רופט אָןביים נאָמען, דעם ערשטן אַמבאַסאַדאָר דער־מאָנט ער נישט, ווייל, ערשטנס, וואָלט ער געדאַרפט אָנגעבן דעם נאָמען, און דאָס איז גאָלדע מאיר, וואָס ער קען איר נישט מוחל זיין הלמאי זי איז געבוירן געוואָרן, און צווייטנס, ווייל איר אָנקומען און איר זיין אין מאָסקווע איז געווען פון די העכסטע פּאַטעטיש־היסטאָרישע דערלעבענישן פאַרן רוסישן יידנטום.

פיר היסטאָרישע דאַטעס הייבן זיך אויף איבער אַלע זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע: די באַלפור־דעקלאַראַציע גופא, אין 1917, די אָפּשטימונג אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער דעם 29סטן נאָוועמבער 1947, די פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה דעם 14טן מאַי 1948 און גאָלדע מאירס בשורה פאַרן רוסישן יידנטום וועגן דער אויפריכטונג פון דער יידי־שער מדינה — אַ בשורה, וואָס האָט דעם רוסישן יידנטום געגעבן כוח צו בלייבן יידן.

די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַ רעזולטאַט פון די באַמיאונגען פון חיים וויצמאַן און נחום סאָקאָלאָוו; די אָפּשטימונג אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער איז אַ גראַנדיעזער קאָלעקטיווער אָנשטרענג פון די יידישע מנהיגים אין די פאַראייניקטע שטאַטן און בראש פון זיי איז בולט די פּערזענלעכקייט פון חיים וויצמאַן. און ווייל אין דער ערשטער היסטאָרישער

געשעעניש עקזיסטירט נישט בכלל בן־גוריונס נאָמען און אין דער צוויטער איז זיין ראָל אַן אומבאַדייטנדיקע — פאַרדינט נישט ביי אים די באַלפור־דעקלאַראַציע אויף מער ווי 11 אַלבום־שורות און דער 29סטער נאָוועמבער — אַן וועלכן די מדינה וואָלט נישט אַנטשטאַנען — איז ביי אים או״ם־שמום. גאָלדע מאירס דערשיינען אין דער מאָסקווער שול, ווי דער ערשטער אַמ־באַסאַדאָר פון דער ווידער־אויפגעשטאַנענער יידישער מדינה איז אַ דראַמע פון אַזאַ פּאַטאָס, אַז מען קען זי פאַרגלייכן צו דער דראַמע פון דערקלערן די מדינה — ווען מען נעמט און באַטראַכט דעם מצב פון יענע יידן נאָך דעם חורבן און אין דעם סטאַלינישן טעראָר. די דאָזיקע דראַמע האָט דוד בן־גוריון אין גאַנצן אַרויסגענומען פון זיין „קראַטקי קורס״־געשיכטע צוזאַ־מען מיט דעם נאָמען — גאָלדע מאיר. צי דערמאָנט נישט אָט דער וואַנדאַ־לישער אַקט אַן ענלעכן אַקט אין רוסלאַנד אין די צוואַנציקער יאָרן ווען טראָצקיס נאָמען איז אויסגעשטראָכן געוואָרן פון דער געשיכטע פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע?

סעדזשערע איז אַוודאי געווען אַ וויכטיקער עטאַפּ, קודם כל פאַר בן־גוריונען גופא. אָבער די באַדייטונג פון סעדזשערע איז אַ פראַגמענטאַלע אין דער גאַנצער קייט פון אַנטוויקלונגען אינעם ישוב. דאָך אין זיין „געש־יכטע״ רעדט בן־גוריון וועגן סעדזשערע אויף פיר פּלעצער; דער וויצמאַן־אינסטיטוט, דער שטאָלץ פון מדינת ישראל אין גאָר דער וועלט, די העכסטע ביז איצט מאַניפעסטאַציע פון יידישן זשעני — עקזיסטירט איבערהויפּט נישט אין בן־גוריונס „קראַטקי קורס״. פאַרוואָס? ווייל סעדזשערע איז פאַרבונדן מיט דעם „ערדאַרבעטער״ דוד בן־גוריון, דאַקעגן איז דער וויצמאַן־אינסטיטוט פאַרבינדן מיט דעם גייסטיקן אַריסטאָקראַט חיים וויצמאַן. אגב, רעדנדיק וועגן דער צערעמאָניע פון דערקלערן די מדינה, פאַרגעסט נישט דוד בן־גוריון צוצוגעבן, אַז דעמאָלט איז חיים וויצמאַן געווען אין אַמעריקע. ער באַמערקט אַפילו נישט, אַז דאָס דעמאָלטיקע זיצן פון וויצמאַנען אין ניו־יאָרק איז געווען לעבנסוויכטיק פאַר דעם ישוב, באַקומט זיך אַ „דרך אגבדיקייט״, ווי וויצמאַן וואָלט דעזערטירט צו זיין אין דעם טאָג אין ישראל.

נאָך דעם ווי בן־גוריון האָט שוין גוט אָנגעשילדערט די „אָנוועזנדיקייט״

פון ווייצמאַנען, וואַרפט ער אַריין אַ שבחימדיקן זאַץ פאַר אַן אַליבי און — שויך. געננוי לויט דער סכעמע פון „קראַטקי קורס״.

אין 1945 איז דוד בן־גוריון געווען אין אַמעריקע און ער האָט געדאַרפט געלט פאַר די צוועקן פון דער „הגנה״. הענרי מאָנטאָר און מאיר ווייסגאַל האָבן די מיליאָנען געשאַפן.

דאָ איז דער פּלאַץ צו באַמערקן, אַז מאיר ווייסגאַל, ווי דער פּאַרטרוי־אונגסמאַן פון חיים ווייצמאַן, האָט געהאַט נישט ווייניק צוזאַמענשטויסן מיט דוד בן־גוריון, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט צו ליקווי־דירן ווייצמאַנען. ווייסגאַל האָט דאָס אַלץ געזען פון דער נאָענט. דאָך, ווען בן־גוריון איז געקומען אין 1945 און געפאָדערט געלט אויף איינצוקויפן געווער — האָט מאיר ווייסגאַל אַוועקגעלייגט אין אַ זייט אַלע פאַרביטערונגען און זיך אַריינגעוואָרפן אין די געלט־זאַמלונגען מיט זיין גאַנצן ווולקאַנישן טעמפּעראַמענט און טאַלאַנט, און צוזאַמען מיט הענרי מאָנטאָר די נייטיקע סומעס געשאַפן. ווי זיין רבי ר׳ חיים, אַזוי האָט אויך דער חסיד ר׳ מאיר געשטעלט העכער די אינטערעסן פון ארץ־ישראל, ווי זייער אייגענעם כבוד. דוד בן־גוריון האָט זיך צו אַזאַ מדרגה קיין מאָל נישט דערהויבן. אין זיין „קראַטקי קורס״־געשיכטע זעט עס אויס, ווי מאיר ווייסגאַל און הענרי מאָנטאָר וואָלטן בלויז געווען עפּעס עדות פון דעם ווי אַזוי דוד בן־גוריון רופט צונויף העגדום־פּענדום אַ גרופּע מיליאָנערן, ער גיט זיי אַ באַפעל זיי זאָלן אויסשרייבן טשעקן, די מיליאָנערן ווערן פאַרכישופט און טוען וואָס בן־גוריון באַפעלט זיי. אַזוי זעט אויס, אַז אַלץ האָט געמאַכט ער אַליין, דוד בן־גוריון, נאָר ער טוט אַ טובה און דערמאָנט, אַז ביים רעדן מיט יידי־שע מיליאָנערן זענען אַנוועזנד געווען הענרי מאָנטאָר און מאיר ווייסגאַל.

ביי דוד בן־גוריון זענען אַלע בלויז „אַנוועזנד״: ווייצמאַן איז געווען אַנוועזנד ביים לייגן דעם ווינקלשטיין פון ירושלימער אוניווערסיטעט, מאיר ווייסגאַל איז געווען אַנוועזנד ביים זאַמלען געלט אויף איינקויפן געווער — אַנוועזנד און נישט מער.

איין זאַך דאַרף מען אָבער אונטערשטרייכן, און דאָס איז: אין זיינע ליקווידאַציעס איז בן־גוריון „אָביעקטיוו״. אַזוי ווי ער באַגראָבט, פאַרבלייכט, מאַכט צונישט פרעמדע, אַזוי טוט ער דאָס זעלבע מיט זיינע אייגענע, פון

זיין אייגענעם לאַגער. פון אַלע דאַרף בלייבן אין דער אייביקייט נאָר איינער: ער אַליין. ער איז סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע פון דער מדינה. די איבע־ריקע האָבן אָדער עפּעס אונטערגעשטופּט דעם שווערן וואָגן, אָדער זיי האָבן געשטערט, אָדער זיי האָבן סתם געפּלאָנטערט זיך צווישן די פיס. אַפילו ווען ער שרייבט וועגן משה שרת פון דער צייט ווען דער פאַרשטאָרבענער איז געווען פּרעמיער־מיניסטער אויפן פּלאַץ פון דוד בן־גוריון, וואָס איז „אַוועק אַרבעטן אין דרומדיקן נגב", און אַפילו ווען ער שרייבט, אַז פּנחס לבון איז דעמאָלט געווען אויף „זיין (בן־גוריונס) פּלאַץ" זיכערהייטס־מיניסטער, וואָלט בעסער געווען ווען ער דערמאָנט זיי ביידע נישט, ווייל זיי קומען אַרויס אין אַזאַ קאַריקאַטור, אין אַזאַ לעכערלעכקייט און יינגלערישקייט, פון וועלכע עס קערט די גאַל.

און וואָס שייך היסטאָרישע פאַקטן — די שווידערלעכע דראַמען אין ירושלים, די שרעקלעכע טראַגעדיע ביי לאַטרון, די טויטלעכע וווּנד מיט „אַלטאַלענאַ" און ענלעכע — אויב מען וועט וועגן זיי וועלן וויסן דעם אמת, וועט מען מוזן אָנקומען צו אַן אמתן היסטאָריקער, צו אַזעלכן, וואָס האָט אַ מער פאַרלעסלעכן „זכרון" ווי עס האָט דוד בן־גוריון אין אַזעלכע פאַלן.

וואָלט אונדז נישט געאַרט, וואָס צווישן די צענדליקער טויזנטער שונד־ביכער אין דער וועלט, איז דערשינען נאָך אַ שונד־שאַפונג, אַ ישראלישער פּריוואַטער „קראַטקי קורס". ערגער איז, וואָס דאָס דאָזיקע בוך אויף ענגליש וועלן לייענען נאַיווע לייענער, וואָס וועלן דעם „קראַטקי קורס"־שונד אָננעמען ווי פולע היסטאָרישע אמתן און אויף דעם סמך זיך מאַכן אַ בילד פון דער נייער געשיכטע פון יידן אין ישראל אין דער באַהאַנדלטער תקופה.

28.10.1966

אויף סובטעלע טעמעס

דער נס פון דעם צעבליטן דאָרן

אויף דער שוועל פון דעם 11טן יאָרטאָג זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, בעת צום גרויסן נס איז יעדער איינציקער ייד אַ גלייכער שותף, האָט זיך ביי אונדז אין לאַנד אַנטוויקלט אַ וויכוח: ווער האָט געשאַפן די מדינה און ווער האָט געבויט די מדינה?

דעם וויכוח האָט אָנגעהויבן אונדזער פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון, וואָס ביי זיינע היסטאָרישע פאַרדינסטן נעמט ער צו פיל אויף זיין אייגענעם קרעדיט. אָבער פּונקט ווי ער מאַכט אַ וועזנטלעכן טעות, אַזוי מאַכן אויך אַ וועזנטלעכן טעות די, וועלכע האָבן דעם וויכוח אויפגעכאַפּט און זענען אים ממשיך, ווייל אויך די בעלי־וויכוח זענען אַזוי איינזייטיק, ווי עס איז איינזייטיק דוד בן־גוריון.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען אַ מאַסע מענטשן זענען איינגעשפּאַנט אין יאָך פון עבודת פּרך, ווען זיי הייבן אויף בערג און פאַרשיטן טאָלן, און בלוט־אַנגסטן טרעטן אַרויס אויף זייער לייב — איז יעדער איינער איבער־צייגט, אַז אים איז צום שווערסטן, אַז זיין מי איז די גרעסטע און זיין אָנשטרענג איז די העכסטע, אַז ער איז דער, וואָס הייבט אויף בערג און גלייכט אויס טאָלן.

אפשר דערפאַר זעט בן־גוריון נאָר זיך אַליין ביים פּראָצעס פון פאַר־וואַנדלען וויזיע איןווירקלעכקייט, פּונקט ווי אַנדערע זעען אין זייער אָנטייל די גרעסטע וויכטיקייט.

אָבער דער גאַנצער וויכוח איז אַ נאַיִווער און קינדערשער. אַפילו דער ערשטער פידל אין אַ סימפאָנישן אָרקעסטער איז נישט מער ווי אַ פּרט,

אַ טײַלכל, און ער קען זיך נישט רימען, אַז ער שפּילט די גאַנצע סימפאָניע, בעת די ראָל פון די טאַצן און דעם קלאַקסאָן זענען נישט וויכטיק.

אין אַ סימפאָנישן אָרקעסטער זענען אַלע טײלן גלײַך וויכטיק און גלײַך חשוב און אַפילו דער דיריגענט גופא איז בלויז אַ טײל פון דעם אָרקעסטער.

נאָך מער מיט דער סימפאָניע, וואָס הייסט מדינת ישראל. נאָך מער מיט דעם אָרקעסטער, וואָס האָט די סימפאָניע אויסגעפירט און זי ווערט ווייטער געשפּילט מיט אַ פאַרנעם, וואָס באַגייסטערט די שפּילער גופא.

ערב אונדזער נאַציאָנאַלן יום־טוב דאַרף עס געזאָגט ווערן אַזוי הויך ווי מעגלעך, אַז הימל און ערד זאָלן עס הערן און דער ווידערקול זאָל דער־גרייכן די קומענדיקע דורות, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין איין לעבעדיקער מענטש, נישט דוד בן־גוריון און נישט עמעצער אַנדערש, און נישט איין פאָלקס־גרופּע, וואָס זאָל קענען זאָגן, אַז ער אַליין אָדער זי אַליין — האָט געשאַפן די סימפאָניע, וואָס הייסט מדינת ישראל, אַז נאָר אים, אָדער איר, איז געגעבן געוואָרן דער כוח פון יצירה, די באַגייסטערונג פאַרן באַשאַף.

און ווי באַלאַדיש עס זאָל נישט קלינגען, אָבער דער הייליקסטער אמת איז עס, אַז אין אָט דער וווּנדערלעכער יצירה האָבן אָנטײלגענומען מיליאָנען יידישע מתים, קדושים, וואָס זייערע הענט זענען געווען לײדיק פון כלי־זיין, מיט זייער עצם פּיין אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן זיי געטראָגן ציגל צום יסוד פון אונדזער פרייהייט; מיט זייער עצם טויט האָבן זיי געשאַפן לעבן. ווען אונדזערע שוועסטער און טעכטער זענען געשענדעט געוואָרן דורך די דייטשע טמאים און זייערע באַהעלפער — האָט זיך זייער וויי און געשריי פאַרוואַנדלט אין דעם שטיין און לײם פאַר אונדזער פרייהייט. די טרערן פון יידישע מאַמעס איבער דעם טויט פון זייערע קינדער זענען פאַרשטיינערט געוואָרן און געוואָרן די פונ־דאַמענטן פאַר דעם לעבן פון אונדזער מדינה. יעדער שאָס פון אַ יידישן פאַרטיזאַן און יעדע קללה דעם שונא אין די וועלדער און וויסטעס פון שונאס הערשאַפט — איז געווען אַ שאָס און קללה אין קאַמף פאַר אונדזער פרייהייט.

נישט זייער קאַמף האָבן געקעמפט די יידן אין געטאָ ביאַליסטאָק, געטאָ

ווילנע, צי געטאָ וואַרשע. זייער קאַמף, פאַר דאָרט, איז געווען פאַרשפּילט, זייער קאַמף איז אָבער געווען פאַר אונדזער לעבן און פאַר אונדזער פרייהייט.

עס איז נישטאָ דער כּוח און דער טאַלאַנט, וואָס זאָל קענען באַשרייבן די גבורה און די מיסטעריע פון יעדן איינציקן ייד אין געטאָ, אין טויטן־לאַגער, אין די וועלדער — פאַר דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

אָן דעם אָנטייל פון די זעקס מיליאָן העלדן און קדושים וואָלט מדינת ישראל נישט אַנטשטאַנען. און אַפילו אָן דעם כּופר פאַר זייער לעבן וואָלט די מדינה נישט געקענט זיך שטאַרקן.

מיט דעם קאַמף פון די זעקס מיליאָנען מתים דאָרט, האָט זיך איינגעפלאָכטן דער קאַמף פון די לעבעדיקע דאָ, אויף די פעלדער פון ארץ־ישראל. דאָ, צווישן די בערג פון ירושלים און אויף די פליינען פונעם פלאַכלאַנד, האָבן זיך פאַראייניקט יידן פון ארץ־ישראל מיט יידן פון דער שארית הפליטה, וואָס זענען פון די לאַגערן געקומען גלייך צום קאַמף — און אָרעם צו אָרעם זענען זיי געגאַנגען אַנטקעגן שונא און טויט, פאַר אונדזער פרייהייט.

גלייכע אין קאַמף זענען אַלע. נישטאָ קיין קרעמערישע חשבונות און מכּולת־וואָג אויף צו מעסטן און וועגן ווער מער און ווער ווייניקער. אונדז אַלע דאָ, אין ארץ־ישראל, האָט געדראָעט דער זעלבער סוף, אויב חלילה דער שונא זאָל האָבן געזיגט. ער וואָלט אונדז אַלע אַריינגעטריבן אין ים און ער וואָלט זיך נישט גערעכנט, צי איינער איז געווען אויפן פראָנט, אָדער ער האָט געלערנט אַ בלאַט משניות, אָדער ער האָט געזאָרגט פאַר וואַסער, צי פאַר ברויט. און פּונקט ווי מיר וואָלטן אַלע געווען חרוב, אַזוי זענען מיר אין נצחון אַלע גלייך און אין שאַפן אַלע גלייך, צי איינער איז אַ מיניס־טער געוואָרן, אָדער אַ צווייטער שטייט ביים אַקער, צי אַ דריטער קנעט ציגל.

„הגנה״, צי אצ״ל, פלמ״ח, צי לח״י — שאַפן זיי אַלע איין קעמפערישן אָרעם, איין כּוח, וואָס האָט געשלאָגן דעם זעלבן שונא, יעדער אויף זיין פּאָזיציע און מיט זיין אמונה. נישטאָ קיין וואָג און מאָס צו מעסטן ווער ס׳איז גרעסער און ווער ס׳איז קלענער. און קיינעם קומט נישט קיין ספּע־

ציעלער לויבגעזאַנג, ווייל דעם שונאס קויל האָט נישט איבערגעקליבן און נישט געפרעגט קיין אַדרעס: פלמ״ח, צי אצ״ל?

און ווער ווייסט, צי די יידן אין די דייטשע די־פּי־לאַגערן, מיט זייערע מעכטיקע דעמאָנסטראַציעס און זייער גוואַלדאַוונעם רוף צו דער וועלט נאָך אַ היים, און זייער ענגשאַפט אויף די וואַגל־שיפן, האָבן נישט אויפגעטון אַזוי פיל וויפל די „הגנה" און אצ״ל און פלמ״ח און לח״י.

ס'איז געווען איין קאַמף אויף צענדליקער פראָנטן: אַ פראָנט אין ירושלים און אַ פראָנט ביי שרונה; אַ פראָנט אין די פליטים־לאַגערן אין ציפּערן און אַ פראָנט אין די די־פּי־לאַגערן אין דייטשלאַנד; אַ פראָנט אין ראַדעזיע־לאַגער און אַ פראָנט אויפן אָפענעם ים פון די „אומלעגאַלע" שיפן.

אָבער דערמיט שעפּט זיך נאָך נישט אויס דער געראַנגל און די מחנה. דער געראַנגל איז אַ סך מער און די מחנה איז אַ סך גרעסער. אונדזער פראָנט איז געווען די גאַנצע וועלט און אונדזער אַרמיי — דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און אומעטום ווו עס געפינען זיך יידן.

צי קען עמעצער אויסשליסן פון אָנטייל אין שאַפן און אין אויפבויען אונדזער מדינה — יענע אַנאָנימע יידישע פרוי פון די בראָנקס, צי פון שיקאַגאָ, אָדער פילאַדעלפיע, וואָס האָט מיט התלהבות אָנטקעגנגעטראָגן אירע פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר, אָן וועלכע מיר וואָלטן קיין ביקס און טאַנק נישט געקענט קויפן? צי געדענקט דען היינט עמעצער ווי שווער און ביטער עס האָבן יידן געאַרבעט אין די שוויץ־שעפּער אויף אָפּצושפּאָרן אַ פּאָר דאָלאַר, פון וועלכע אונדזער מדינה געניסט מיט אַזאַ ברייטער האַנט? צי וואָלטן מיר געווען פעיק אויפצוהאַלטן דעם אָנשלאַג און שפּעטער געבן אַ מפלה, זעקס אַראַבישע אַרמייען אָן דער הילף פון די יידן אין די אַמעריקעס, אין דרום־אַפריקע, אויסטראַליע און אומעטום ווו זיי געפינען זיך?

צי וואָלטן מיר אָן דער הילף פונעם וועלט־יידנטום בכלל געקענט אויפנעמען אַ מיליאָן פון אונדזערע ברידער און אויפבויען הונדערטער דערפער און פאַבריקן?

ניין, אַז זייער הילף וואָלטן מיר דאָס נישט געקענט און אָן זייער הילף וואָלטן מיר נישט געזיגט און נישט עקזיסטירט.

מדינת ישראל איז דעריבער די יצירה פונעם גאַנצן יידישן פאָלק און פון יעדן יידישן יחיד באַזונדער. מדינת ישראל איז די יצירה פון דעם יידישן זשעני, פון זיין וויזיע, פּיין און בלוט און טרערן און שקלאַפן־שוויס. אין דעם אויפבוי פון מדינת ישראל האָבן אַ חלק אַלע יידן וווּ נאָר זיי געפינען זיך און ווען אַפילו בלויז ווען אַ ייד טראַכט וועגן איר, צי אַ ייד איז בלויז מתפלל פאַר איר קיום, אָדער גייט נאָך דעם אַקער, אָדער האַלט די ביקס אויפן אַקסל.

מיר זענען נישט קיין פאָלק פון מיוחסים און פּריווילעגאַנטן, פון אָרדערן און בלעכלעך, ווי עס זענען זיך נוהג אַנדערע, וואָס מלחמה און טויט איז אַ ספּאָרט ביי זיי.

מיר זענען אַ פאָלק, וואָס נאָכן חורבן, וואָס דאָס גערמאַנענטום האָט געבראַכט אויף אונדז, זענען מיר געווען ווי אַ טרוקענער דאָרן אין דער מדבר. אָבער דאָס בלוט פון אונדזערע זעקס מיליאָן ברידער און שוועסטער האָט אויפגעקוואַלט ביי די וואָרצלען פון דעם דאָרן און עס איז געשען אַ נס: דער דאָרן האָט אויפגעבליט, ער האָט באַקומען זאַפטן אין זיינע געוועבן און ער האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך לעבן און מאַכטיקייט, וואָס האָט די וועלט געמאַכט שטוינען.

מיר זענען דאָס פאָלק פונעם צעבליטן דאָרן, וואָס אין זיינע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון אויסגעפּייניקטע און גאולה־לעכצנדיקע דורות; מיר זענען דאָס פאָלק, וואָס זיין כוח איז די מיסטעריע פון זיין און דער סוד פון עקשנות. מיר זענען צו גרויס, אַז יחידים אָדער גרופּן זאָלן אונדז דערנידעריקן מיט זייער איינגערעדטער גרויסקייט און זיך וועלן פאַראייגענען קאָלעקטיוון זשעני.

אַזוי אַמאָל און אַזוי היינט. דעריבער האָבן יידן תמיד באַקעמפט אָפּגעטער און געטשקעס אין אַלע פאָרמען און געשטאַלטן. און דעריבער יום־טובן יידן פאָלקס־יום־טובים און נישט קיין קולט־יום־טובים פאַר הערשער, אָדער משיחים.

גייען מיר אויך דאָס מאָל אַריין אין אונדזער נאַציאָנאַלן יום־טוב מיט

דער שמחה פון אַ מחנה, וואָס האַלט אין בויען זיין היכל און פּראַוועט דעם יום־טוב פון דערגרייכונג און וויטערדיקן אומרו פאַר יצירה.

14.5.1959

בן־גוריון טיילט גאָט־אַטעסטאַטן

די מעשה איז אַזאַ: ווען די וועלט האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און אָנגעהויבן פירן אַ קאָלעקטיוו לעבן, האָבן מענטשן אויפן שטייגער פון אַ יונג פּאַרפּאָלק אין אַ נייער דירה, זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן בנוגע דעם „מעבל״, וואָס זיי האָבן באַקומען אין דרשה־געשאַנק. האָבן זיי דערזען: בישקשה, זיי זענען אויסגעשטאַט מיט אַלעם גוטן, מיט ליבשאַפט און מיט שנאה, מיט גוטס און שלעכטס, מיט ברכות און קללות, מיט אמת און שקר, נאָר איין „מעבלשטיק״ איז נישטאָ — י ו ש ר.

האָבן זיך מענטשן אַרויסגעלאָזט זוכן דעם יושר און זיי זוכן אים ביזן היינטיקן טאָג, והילד איננו.

פילאָזאָפן און דיכטער און ריכטער זענען זינט יענע טעג געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע יושר־זוכער. פּאָליטיקער און מנהיגים קריכן ממש פון דער הויט פאַר יושר־וועגן. אין נאָמען פון יושר ווערן געפירט מלחמות. פאַר יושר איז איינער גרייט דעם צווייטן צו דערוואַרגן. אַפילו די אַטאָם־באָמבע — רעדט מען איך אין — איז בלויז פאַרן יושר. אַלע ווילדע אומיושרדיקייטן ווערן אָפּגעטון פאַר יושר־וועגן. אָבער ער אַליין, יושר, איז נישט בנמצא.

און ווי ס׳איז דער שטייגער מיט אַלע קאָנווענציאָנעלע שקרים, האָבן זיך מענטשן אויך אין דעם פאַל אָפּגערעדט, אַז איינער זאָל דעם צווייטן איינרעדן, אַז ס׳איז דאָ יושר.

איז דער אויסגעטראַכטער יושר געוואָרן אַ סחורה עובר לסוחר, ווי אַ מגרש אויפן הימל פאַר אַ תל־אביבער מגרשים־שפּעקולאַנט. מען האַנדלט מיט יושר אויף אַלע מערק: אין דער פּאָליטיק, אין פּאַרטיי־לעבן, אין דער ווירטשאַפט, צווישן פריינד, אָבער די וואָרע וועט נישט געליפערט.

ווי זאָגט אַ יידיש ווערטל? „אין אַ שעת־הכושר לייגט מען אַוועק אין אַ זייט דעם יושר".

פרעגט זיך יידישלעך: ווען איז נישט קיין שעת־הכושר, בפרט אַז ס'איז נישטאָ קיין יושר?...

אַפילו אין דער תורה, וואָס איז אַ ים פון יסודותדיקע באַגריפן, איז קיין איין מאָל נישט דערמאָנט דער באַגריף „יושר". וועגן יושר רעדט זיך ערשט אין איוב, ווען ער איז אויף גרויסע צרות, אָדער ביי דעם פּעסימיס־טישן קהלת, אָדער אין משלי, עס הייסט, אין די פילאָזאָפישע ספרים פון תנ"ך.

*

איך ווייס נישט ווי ווייט עס האַלט מיטן קענען אַלט־גריכיש, אָדער לאַטיין ביי אונדזערע מנהיגים. אָבער תנ"ך האָבן זיי געלערנט און זיי ווייסן, אַז אין דער תורה איז דער באַגריף „יושר" נישטאָ. פאַרוואָס זשע איז ביי אונדזערע מנהיגים אַזאַ אינפלאַציע מיטן באַגריף פון יושר? וועלכע נאַיווע מענטשן ווילן זיי איינרעדן, אַז עס גייט זיי וועגן יושר, ווען עס גייט זיי אין גאַנץ פשוטע, ערדישע ענינים?

אַפילו ווען עס זאָל זיין יושר וואָלט געווען אַ יושר, זיי זאָלן דעם יושר צורו לאָזן. ווייל ביי אַזאַ מין יושר־עקספּלאָאַטאַציע קען מען זיי אַמאָל אויפהערן גלייבן אויך ווען עס האַנדלט זיך אין פשוטע זאַכן.

וואָרעם ווען עס קומט אַן אויטאָריטאַטיווער מנהיג ביי אונדז, דוד בן־גוריון, און רעדט אין איין אָטעם, אַז אין דער „פרשה" גייט אים בלויז וועגן יושר און באַלד זאָגט ער אויף אַ צווייטן פראָנט, אַז אַ ייד, וואָס לעבט אויסער די גרענעצן פון ישראל, האָט נישט קיין גאָט — זענען ביידע זאָ־געכצער ווערט איינער דעם צווייטן.

קודם כל האָט אַ ייד — גאָט אין האַרצן און נישט אין די פּיס. און מיר וואָלטן שיין אויסגעזען ווען בלויז די יידן, וואָס געפינען זיך אין ישראל, זאָל האָבן אַ גאָט. לויט דער דאָזיקער אויסטערלישער פאָרמולירונג פון דוד בן־גוריון, וואָלט עס געהייסן, אַז אויב צענדליקער טויזנטער יידן פאָרן אַרויס יעדעס יאָר פון ישראל אויף טוריסטישע רייזעס קיין אויסלאַנד — נעמט יעדער ייד אַ „היתר יציאה" און לאָזט איבער אין אינערן־מיניסטע־

ריום ווי אַ פּאַנט דעם רבונו־של־עולם. קיין אויסלאַנד קומען זיי, הייסט עס, גאָטלאָזע יידן. ביז איצט האָט נאָך דערוויי׳ל קיינער ביי די אומות העולם נישט צוגעטראַכט אַזאַ בלבול, אַז יידן אין דער וועלט האָבן נישט קיין גאָט. ביז איצט, ווייסן מיר, האָט מען אונדז אין אַלע תקופות געררודפט און געשאָכטן אין גלות טאַקע דערפאַר, ווייל מיר האָבן יאָ אַ גאָט — דעם גאָט פון עם ישראל, וואָס איז כידוע מיט „אַ פּאָר טעג״ עלטער פון מדינת ישראל. און ווען יידן אין דער וועלט זאָלן נישט האָבן קיין גאָט, וואָלט אוודאי מדינת ישראל נישט צוריק אויפגעלעבט געוואָרן.

איינע פון די גרעסטע און שענסטע מידות ביי יידן איז הכנסת אורחים. אַ גאַסט דאַרף מען דערפרייען, מאַכן אים אַנגענעם, דערהייבן אים גייסטיק. איז ווי קען מען איינלאַדן קיין ישראל אַ פּאָר הונדערט דעלעגאַטן אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים און זיי וואַרפן אין פּנים אַריין, אַז זיי זענען גאָטלאָז; זייערע ווייבער און קינדער זענען גאָטלאָז און אַז די אַלע יידן, וואָס האָבן זיי דעלעגירט, זענען גאָטלאָז. אַ גאַנץ יידיש פאָלק איז גאָטלאָז...

אָך און ווי וואָלט געוועזן צו אונדז ד אָ ווען די יידן זאָלן זיין גאָטלאָז — ד אָ ר ט.

האָבן גאָט אין האַרצן איז די הייליקסטע אינטימיטעט פון יעדן יחיד באַזונדער. אַ מלוכה־מאַן האָט רעכט צו קוואַליפיצירן דאָס מאַטעריעלע פאַרמעגן פון זיינע בירגער, כדי צו וויסן וויפל שטייערן צו נעמען; ער קען קוואַליפיצירן דעם צוזאַמענשטעל פון זיין רעגירונג; ער קען באַשטימען די גרענעצן פון פרייהייט פון זיינע בירגער. אָבער אַפילו דער גרעסטער און פאַרדינסטפולסטער מלוכה־מאַן האָט נישט קיין רעכט צו באַשטימען ווער עס האָט יאָ און ווער עס האָט נישט גאָט אין האַרצן, בפרט נאָך וועגן יידן, וואָס זענען נישט קיין ישראל־בירגער.

שטעלט אייך פאָר וואָס פאַר אַן אַבסורדאַלער יושר עס קומט אַרויס פון אַזאַ מין דעפיניציע:

דער רמב״ם, רבנו גרשום, רש״י, דער בעל שם טוב און אַלע דורות רביים און צדיקים און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, וואָס האָט צוויי טויזנט יאָר נישט געלעבט אין ארץ־ישראל און דאָס יידישע פאָלק, וואָס געפינט

זיך היינט אויסער מדינת ישראל — האָבן נישט געהאַט און האָבן נישט קיין גאָט, נאָר מיר אַליין (איינשליסלעך מיט דעם יושר פון דער „פּרשה״) האָבן דאָ מאָנאָפּאָליזירט דעם רבונו־של־עולם, און ווי נאָר ס׳קומט אַן עולה, באַקומט ער צוגלייך מיט דער „תעודת עולה״ אויך אַ חלק גאָט...

ווער ווייסט, צי צוליב דער דאָזיקער דעפיניציע וועט ביי אונדז נישט פאַרגרעסערט ווערן דער מיניסטאָרן־קאַבינעט מיט אַ נייעם מיניסטער — „שר להקצבת אלהים״, מיט אַ ספּעציעלן שטייער אויף צו באַזאָרגן עולים פון די מערב־לענדער מיט גאָט.

איך מיין, אַז אויב עס וואָלט יאָ געווען יושר אויף דער וועלט, וואָלט געווען אַ יושר נישט צו פאַרנעמען זיך מיט קוואַליפיצירן די פּראַגע פון יידן און גאָט. אָנשטאָט דעם וואָלט געווען אַ סך פּראָדוקטיווער אויסצונוצן די צייט פון ציוניסטישן קאָנגרעס און דערציילן די יידן, וואָס איז געטון געוואָרן אין דער מדינה, כדי יידן פון די מערב־לענדער זאָלן קענען קומען אַהער און זיך דאָ איינאָרדענען אין יעדן עלטער און מיט יעדן קאַפּיטאַל. זאָגן צו יידן, וואָס האָבן פּרנסה און געניסן דערוויל פון אַלע בירגערלעכע רעכט אויף די ערטער: קומט, יידן, קיין ישראל — דאָס איז ווייניק. די דאָזיקע יידן וועלן נישט גיין אין מעברות, זיי וועלן נישט וועלן ווערן דחק־אַרבעטער און וועלן נישט וועלן באַליידיקט ווערן דערמיט, אַז אין עלטער פון פופציק יאָר וועט מען זיי נישט אָננעמען אויף סטאַבילע אַרבעט. און די מערהייט יידן אין די מערב־לענדער זענען נישט קיין מיליאָנערן. זייערע קליינע קאַפּיטאַלן וועלן זיי אפשר סטייען אויף קויפן אַ גוטע דירה, אָבער פון וואָס וועלן זיי לעבן?

אָט אויף די גורלדיקע פראַגן האָט דוד בן־גוריון נישט געגעבן קיין ענטפער צו די דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס. און דאָס איז דאָך אייגנטלעך די עצם־פּראַגע סיי פון דער מדינה און סיי פון די יידן, וואָס מיר ווילן זיי זאָלן זיך באַזעצן אין ישראל.

ער האָט זיי אָבער יאָ געגעבן לאָקונגס־וואַסערלעך, וואָס זאָל זיי באַוועגן עולה צו זיין קיין ישראל: ער האָט צעפּלאַקערט די אומגליקלעכע „פּרשה״ דווקא אין דער צייט פון ציוניסטישן קאָנגרעס, אַרונטערגעריסן דעם פּרעסטיזש פון דער רעגירונג דורך אָפּשמייסן עפנטלעך די מיניס־

טאָרן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער „קאָמיסיע פון 7״, און דאָס וועלט־יידנטום דערקלערט פאַר גאָטלאָז.

אַט די געדיכט־פאַרקאָכטע קאַשע דאַרף עס באַוועגן גוט־איינגעאָר־דנטע יידן צו ליקווידירן זייערע היימען און עולה זיין קיין ישראל.

ערנסטע און איינפלוסרייכע דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס האָבן געפרעגט די פראַגע: צו וואָס אייגנטלעך האָט מען אונדז גערופן קיין ירושלים? פון דער וויטנס זעען מיר די מדינה ווי אַ לייכטנדיקע זון, מיר גלייבן נישט אין קיין שום שפרענקעלע אויף איר. האָט מען אונדז געבראַכט אַהער מיר זאָלן פון דער נאָענט זעען אַ בלאָטע־„פרשה״, וואָס דאַרף צעברעכן אַן אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז דער יסוד פון דער מדינה? און דאָס בלויז דערפאַר, וואָס אַ געוועזענער מיניסטער וויל זיך נישט לאָזן מאַכן פאַר קיין קרבן, נאָך דעם ווי זיבן מיניסטאָרן און די מערהייט פון דער רעגירונג האָבן אים ריינגעוואַשן פון אַ בלבול? צוליב דעם האָט מען אונדז געבראַכט אַהער?

און אויב מען האָט אונדז געוואָלט מודיע זיין, אַז מיר זענען גאָטלאָז — האָט מען צו דעם נישט געדאַרפט אויסגעבן מיליאָנען. מ׳האָט עס געקענט מאַכן אַ סך ביליקער — דורך אַ צייטונגס־קאָמוניקאַט...

אויב עס איז יאָ פאַראַן יושר אויף דער וועלט — אַפילו ווען אָפּגע־רעדטער יושר — וואָלט געוועזן אַ יושר מיר זאָלן זיך אַ ביסל איבערוועקן פון דעם שווערן טשאַד און זיך באַדענקען, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע סכנות עס ליגט אין אָט דעם דערשלאָגן אונדזער גלויבן. בן־גוריון, וואָס רעדט אַזוי פיל וועגן דער זיכערקייט פון דער מדינה, פאַרגעסט, אַז דאָס שטאַרק־סטע געווער פון אַ פאָלק זענען נישט טאַנקן און נישט דזשעט־באָמבער, נאָר דער גלויבן און די מאָראַל פון אַ פאָלק. טאָמער צעברעכט מען דאָס „גע־היימע געווער״ פונעם פאָלק — זיין גלויבן און מאָראַל — זענען די שיס־כלים גולמס. פאַרוואָס זשע זענען די גולמס אַזוי הייליק ביי אים און פאַרוואָס צעזעצט ער דעם גלויבן און די מאָראַל פונעם פאָלק?

מיר האָבן יאָ אַ גאָט אין האַרצן, פונקט ווי עס האָבן אַ גאָט אַלע יידן אין דער וועלט, און דעריבער גלייבן מיר נישט אין דעם, אַז אויב אַ גע־וועזענער מיניסטער, וואָס איז ריינגעוואַשן געוואָרן פון אַ בלבול דורך

דער מערהייט פון דער רעגירונג בראש מיטן מיניסטער פאַר צדק, וועט געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן צו מולך — וועט דאָס פאָלק געהאָלפן ווערן. פונקט פאַרקערט, אַזאַ אַקט וועט זיין געצנדינסט און דער חורבן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל.

איך גלייב דאָך אינעם קאָלעקטיוון כוח פון אָט דער באַוועגונג, וואָס האָט גענומען אויף זיך און מוטיק אויסגעטראָגן די גרעסטע שוועריקייטןביים לייגן דעם יסוד פון דער מדינה, אַז זי וועט אויך איצט האָבן דעם שעפערישן אימפּעט און דעם מוט צו צעטרייבן דאָס געצנדינסט, כדי אונדזער גלויבן זאָל ווידער זיין קלאָר און האַרט, ווי עס איז קלאָר אונדזער וויזיע און ווי ס'איז האַרט אונדזער ווירקלעכקייט.

6.1.1961

דער רעזשיסער פון „קלאָגן אויף דורות"

עס זענען פאַראַן פאַרשידענע אופנים פון מענטשנפרעסעריי. דער פּשוטסטער אופן איז דער אַפריקאַנער: געהרגעט, אָפּגעקאָכט, אויפגעגעסן, אָפּגעווישט די ליפּן און פאַרגעסן. אין דער קולטורעלער געזעלשאַפט איז דער אופן פון מענטשנפרעסעריי אַ ראַפינירטער: מען הייבט אָן פון אָפּעסן די גאַל, נאָך דעם עסט מען די לעבער, דערנאָך זעט מען דעם קרבן זאָל פּלאַצן דאָס האַרץ, און מען גייט אויף זיין לוויה, כדי צו זען, צי מען באַגראָבט אים טאַקע אויף אַן אמת...

מיר לעבן איצט איבער אַ ביטערע צייט אין אונדזער מדינה — אַ כפל שמונהדיקן קריזיס: אַ געזעלשאַפטלעכן, אַ מאָראַלישן, אַ פּאָליטישן און נאָך אַזעלכע קריזיסן, צו וועלכע מיר דאַרפן האָבן אַ רפואה שלימה. אין אָט דער צייט וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן אַ מאַן פון אַ גאָר הויכער מאָראַליש־עטישער מדרגה, וואָס זאָל האָבן דעם פּרעסטיזש משפּיע צו זיין אויף אַלע פּאַרטייען, גרופּן, קרייזן און ריכטונגען, זיי זאָלן זיך ערנסט פאַרטראַכטן וואָס זיי גייען צעשטערן און פאַרניכטן מיט קראַנקהאַפטער לייכטזיניקייט. מיר דאַרפן ווי דאָס לעבן באַרואיקונג און נישט רייצונג.

זענען מיר דאָך עדות וואָס פאַר אַ וויסטן חורבן עס האָט געבראַכט די טרויעריק־באַרימטע „פרשה", וואָס אָנשטאָט זי איינשטילן, האָט מען זי צערייצט, אויפגעבלאָזן, און אין איין פייער זענען פאַרברענט געוואָרן טייערע ווערטן, אַ נאַציאָנאַלע לעגענדע איז אַוועק מיט רויך! קיין שום אויסערלעכער שונא וואָלט נישט אימשטאַנד געווען אונדז גורם צו זיין אַזאַ שרעקלעכע מפלה, ווי עס האָט גורם געווען די צערייצונג און די פונאַנדערבלאָזונג פון דער „פרשה".

מאַטער איך זיך שוין וואָכן־לאַנג מיט אַ שאלה און איך קען נישט פאַרשטיין צוליב וועלכן נאַציאָנאַלן, דערציערישן, אָדער מלוכהשן צוועק האָט דוד בן־גוריון געמוזט אַרויסקומען מיט דער נייער פרשה „בכיה לדורות" און אַרויסרופן שנאת חינם כלפי לעבעדיקע און אַוועקגעגאַנגענע פירער, וואָס קענען נישט אויפשטיין פון קבר און ענטפערן. און דאָס דאָזיקע „געוויין אויף דורות" האָט בן־גוריון פון דער כנסת־טריבונע אַרויפגעוואָרפן סיי אויף מנהיגים פון אַנדערע פאַרטייען און סיי אויף מנהיגים פון זיין אייגענער פאַרטיי. און דווקא די, וועלכע זענען שוין אויפן עולם האמת און קענען נישט ענטפערן, זענען פון זיין פאַרטיי. רבונא דעלמא כולא, אפשר וואָלט אַמאָל דער מנהיג הדור אויפגעקלערט, צוליב וועלכע צוועקן צעבלאָזט ער פון צייט צו צייט אַזעלכע פייערן, ווי „מי הוא יהודי?" און „בכיה לדורות", פייערן וואָס פאַרצערן און פאַרברענען, אָבער שאַפן גאָרנישט?! בן־גוריון איז אַ מאַן פון גוואַלדיקן מוט, פאַר־וואָס זאָל ער נישט זאָגן צו וואָס ער צילט מיט די דאָזיקע פייערן אין אונדזער שווערער צייט?

קיין דאָקומענטן וועגן דעם זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אָבער יודעי־דבר גיבן איבער, אַז אין חודש סעפּטעמבער 1948, אויף אַ זיצונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג, האָט דוד בן־גוריון פאָרגעלייגט אַ פּלאַן פאַר אַ געוואַגטער מיליטערישער אָפּעראַציע, וואָס זאָל נישט נאָר באַפרייען די אַלטשטאָט פון ירושלים, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד זאָל אַריינ־פאַלן צו אונדז אין די הענט. אונדזערע כוחות האָבן זיך געדאַרפט, לויט דעם פּלאַן, אַראָפּלאָזן מיט די באַרג־שפּועים און אַרומנעמען די ליניע פון חברון אויף דרום, בית־לחם אין צענטער און שכם אין צפון, פאַר־

טרייבן די איראַקער צוזאַמען מיט אַראַבישן לעגיאָן. אַזוי אַרום וואָלטן דער דרייעק און שומרון געווען אונדזערע.

ווי די יודעי־דבר גיבן ווייטער איבער, האָט בן־גוריון דעמאָלט, אין 1948, נישט געבראַכט פאַר דער רעגירונג קיין שום אָפּעראַטיווע פּלענער, אויסגעאַרבעטע אין פּרטים, נאָר ער האָט פאָרגעשטעלט דעם פּלאַן אין אַלגעמיינע שטריכן. אונדזערע אָרעמע מיליטערישע כוחות מיט נאָך אָרעמערער באַוואָפענונג זענען געווען געבונדן. די מצרים זענען געשטאַנען הינטער גדרה; קאַוגדזשיס אַרמיי האָט געלאַגערט ביי נצרת; די איראַקער זענען געשטאַנען אַ פערציק קילאָמעטער פון תל־אביב; דער אַראַבישער לעגיאָן האָט זיך פאַרפעסטיקט ביי לאַטרון. כדי דורכצופירן בן־גוריונס פּלאַן וואָלט מען געדאַרפט אָפּציען די מערהייט כוחות פון אַלע איבעריקע פראָנטן און מיט דעם קאָנצענטרירטן כוח — אפשר מיט דעם גאַנצן אונדזער פאַרמעג אין יענער צייט — אַריינדרינגען אויף דער ירדן־זייט דורך די געפערלעכע בערג־שפּועים.

טעאָרעטיש איז מעגלעך, אַז דער פּלאַן פון בן־גוריון וואָלט געלונגען, אויב דער שפּיאָנאַזש פון קאַוגדזשי, פון די איראַקער און פון די מצרים וואָלט זיך נישט דערוווּסט, אַז די יידן האָבן אָפּגעצויגן זייערע הויפּט־כוחות און זיי האָבן אַ פרייען וועג קיין תל־אביב. וואָס וואָלט אָבער חלילה געשען ווען אונדזערע הויפּט־כוחות לאָזן זיך אַראָפּ מיט די בערג־שפּועים דורכצופירן די געוואָגטע אָפּעראַציע און זיי ווערן דאָרט געבונדן דורך דעם לעגיאָן, בעת די איבעריקע אַראַבישע אַרמייען מאַרשירן פריי אויף תל־אביב?

אַז מען האָט אַן אַרמיי פון מיליאָנען זעלנער מיט דער געהעריקער באַוואָפענונג — קאָן זיך אַ מיליטערישער פירער דערלויבן צו ריזיקירן דאָס לעבן פון אַ פאָר דיוויזיעס און שפּילן אויף אַ סטראַטעגישער רולעטקע. אָבער צי קען מען ריזיקירן אַ מיליטערישע קאַמפּאַניע, וואָס פון איר איז אָפּהענגיק דער קיום אָדער די פאַרניכטונג פון אַלץ?!

נישט יעדער מנהיג האָט דעם כוח צו שטעלן דאָס גאַנצע פאַרמעגן אויף „וואַ באַנק" ווען עס גייט אין לעבן פון אַ פאָלק.

פאַר בן־גוריונס פאָרשלאַג זענען דעמאָלט געווען: בן־גוריון, הרב

מימון, יצחק גרינבוים, מרדכי בנטוב, אהרון ציזלינג און בכור שיטרית; קעגן זענען געווען: פנחס רוזן, פּרץ בערנשטיין, משה שפּירא, הרב איטשע מאיר לעווין און די, וועלכע זענען נישט מער צווישן די לעבעדיקע: דוד רמז און אליעזר קאַפּלאַן. מיט איין שטים איז דער פאָרשלאַג דורכגעפאַלן. דער גורלדיקער „וואַ באַנק" איז נישט געשפּילט געוואָרן.

קיין שום סטראַטעג, אַפילו אַן אויסגעפּרוווטער מיט נסיונות אין די שווערסטע מלחמה־קאַמפּאַניעס, וואָלט נישט געקענט זאָגן מיט זיכערקייט, אַז אַ קאַמפּאַניע, וואָס איז נישט דורכגעפירט געוואָרן, וואָלט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, ווען זי זאָל יאָ האָבן אַדורכגעפירט געוואָרן. אויף היפּאָטעטישע נישט־אָפּגעהאַלטענע נצחונות טאָר מען נישט זאָגן נאָך 13 יאָר, אַז דורות וועלן וויינען צוליב דעם, ווייל ווען היפּאָטעזע ווערט אָנגענומען ווי אַ פאַקט, קען דער צד שכנגד אָננעמען ווי אַ פאַקט זיין היפּאָטעזע, אַז ווען די קאַמפּאַניע זאָל יאָ האָבן דורכגעפירט געוואָרן, וואָלטן נישט בלויז דורות, נאָר דאָס פאָלק וואָלט חלילה אייביק געוויינט אויף דער מפּלה.

אויב בן־גוריון איז געווען אַזוי זיכער, אַז זיין גראַנדיעזער אָפּעראַציע־פּלאַן וועט אַדורך מיט נצחון, בעת אונדזערע שוואַכע כוחות האָבן געדאַרפט קעמפן אויף ברייטע טאָפּאָגראַפיש־געפערלעכע שטחים באַוווינטע בלויז פון אַראַבער, פאַרוואָס איז אים נישט געלונגען אַ פּלאַן, וואָס איז טויזנט מאָל קלענער — אויסצוגלייכן דעם „צאַן" ביי לאַטרון כאַטשבי אויף אַ פּאָר צענדליק מעטער אין דער טיף, כדי דער וועג קיין ירושלים זאָל באַפרייט ווערן? און ווער נאָך ווי בן־גוריון ווייסט וויפל טייער בלוט מיר האָבן פאַרלוירן ביי דעם דאָזיקן קליינעם פּונקט, וואָס איז טאָפּאָגראַפיש אַ גאָרנישט אַנטקעגן די באַרג־שפּועים אין מדבר יהודה און אין די דורכגענג צו שכם.

אויב נאָך דרייצן יאָר ווערט אַוועקגעשטעלט אַ פראַגע אַזוי ווי דער פּרעמיער־מיניסטער האָט זי אַוועקגעשטעלט, קען מען היסטאָריש זיין נאָך מער גרויסצוגיק און פרעגן — מיט היפּאָטעטישער זיכערקייט אין דורכגעלאָזטן נצחון — פאַרוואָס זענען מיר נישט געגאַנגען ביזן סועץ־קאַנאַל אויף דרום און ביז דער פערסישער גרענעץ אויף צפון? צי איז דאָס נישט אַ „בכיה לדורות"?

און ווער נאָך ווי בן־גוריון ווייסט, אַז עס זענען געווען פאַלן ווען נאָך אָפּגעהאַלטענע נצחונות, וואָס האָבן געקאָסט הייליק בלוט, האָט מען אונדז פון אויסן אויפגעפאָדערט צוריקצוגיין, און ער אַליין האָט געגעבן די באַפעלן צוריקצוגיין?

צי נאָך דעם היסטאָרישן נצחון אין סיני אין 1956, ווען צה״ל איז שוין געווען די שטאַרקסטע אַרמיי אין מיטעלן מזרח, מיט אַן אויסגע־צייכנטער באַוואָפענונג — צי איז דער נצחון נישט צוריקגעגעבן געוואָרן צוזאַמען מיט די שטחים, וואָס זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן לאַנד און וואָס זענען אַ לעבעדיקער גליד פון אונדזער ערד? אין 1948 איז געווען אַ גראַנדיעזער פּלאַן מיט אַ היפּאָטעטישן נצחון — איז דאָס אַ „בכיה לדורות״. פאַרוואָס זשע האַלט נישט בן־גוריון, אַז ס׳איז אַ „בכיה לדורות״ ווען מען האָט אויסגעליפערט אייגענע ערד נאָך דעם העלדנ־האַפטסטן נצחון, וואָס צה״ל האָט ווען עס איז אָפּגעהאַלטן? ווער האָט געגעבן דעם באַפעל צוריקגיין פון סיני, אויב נישט בן־גוריון?

אויפהייבן די פראַגע פון יענעם גראַנדיעזען פּלאַן אין 1948, מיט 13 יאָר שפּעטער, נישט צו געבן דאָס גאַנצע בילד, נאָר בלויז צוליבן יצר פון אַריינזאָגן און רייצן, בעת צוויי פאַרדינסטפולע מנהיגים לעבן נישט מער און קענען נישט פאַרטיידיקן זייער שטאַנדפּונקט — ווּעמען איז דאָס נייטיק? וואָס גיט דאָס און וואָס לערנט דאָס דעם יונגן דור, אויסער וואָס עס אַנטוויקלט אין אים אַ ציניש באַציאונג צו מנהיגים איבערהויפּט? צי מעג מען דאָס זאָגן דעם יונגן דור און דעם גאַנצן יידישן פאָלק נאָך אַזוי פיל טרערן און בלוט, נאָך אַזוי פיל איבערמענטשלעכע ליידן, אַז צוליב איין שטים איז אונדזער פאָלק פאַראורטיילט געוואָרן צו וויינען במשך פון דורות?

ביי קולטור־פעלקער, ווען עס האַנדלט זיך אין אַזעלכע היסטאָריש־גורלדיקע פראַגן — איז אָדער מען לאָזט דאָס איבער פאַר קומענדיקע היסטאָריקער, אָדער מען פאַרעפנטלעכט אַלע דאָקומענטן און פּלענער, ביז צו דעם קלענסטן פּרט, כדי יעדער איינער זאָל קענען מאַכן זיין אייגענעם אויספיר און משפּטן. אָבער וואַרפן אויף אַ גרופּע מנהיגים, אַז זיי האָבן גורם געווען אַ געוויין אויף דורות — הייסט זייען פאַראַכטונג.

און די דאָזיקע „ווערטן" — רייצונג און פאַראַכטונג — האָבן מיר איבערגענוג. מיר וואָלטן געקענט מיט זיי פּאַרטיילן אַלע אונדזערע שונאים; וואָס אונדז פעלט איז אַ ביסעלע ליבשאַפט, אַ ביסל האַרץ, אַ ביסל יידישע ברידערלעכקייט און נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, וואָס זענען וויכטיקער פון קאַנאָנען און וואָס אָן זיי ווייִנט שוין דער איצטיקער דור.

אויפּפרעסן זיך און סמאָטשקען די ביינדלעך — דאָס איז נישט דער יידישער דרך.

דעם שטייגער פירט איין דוד בן־גוריון פאַר צוועקן, וועלכע זענען בלויז אים באַקאַנט.

30.3.1962

זיך איבערגעשפּילט

דאָס וואָס אונדזער פּרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון האָט היינטיקע וואָך גורם געווען אין דער כנסת, איז אָביעקטיוו געוואָרן אַ קלאַסישע טעמע פאַר אַ בורלעסק־טעאַטער. און ווען אָט דער בורלעסק־ספּעקטאַקל זאָל זיך האָבן אָפּגעשפּילט ביי איינעם פון אונדזערע פיינטלעכע שכנים, וואָלטן מיר זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס דער בורלעסק איז אויף אונדזער אייגן לייב־און־לעבן. און דאָס לאַכן איז אונדז פאַרגאַנגען, ווייִנען גלוסט זיך, שטאַרק ווייִנען, ווי אַזוי דער פּרעמיער־מיניסטער פון אונדזער מדינה, פון דער מדינה, וואָס איז אויסגעוויינט און אויסגעבלוטיקט און איז אונדזער לעצטע רעטונג, מאַכט פון אונדז אַלע חוכא ואיטלולא, ווי מיר אַלע וואָלטן געווען לצים אין אַ צירק, און ער טרייבט אונדז איבער דער אַרענע און מאַכט אונדז צו נאַר אין די אויגן פון דער וועלט.

ביים סוף פון אַ פּאָליטישער דעבאַטע אין אונדזער פּאַרלאַמענט, נאָך דעם ווי ער אַליין האָט אין זיין פריערדיקן עקספּאָזע אַלאַרמירט, אַז אונדזערע שכנים גרייטן זיך נאָך מער באַלאַגערן אונדז און פּאַרטיליקן — האָט בן־גוריון אויף אַ בורלעסקן אופן אויסגעדרייט די גאַנצע דעבאַטע

צו דעם, אַז אבא אחימאיר, וואָס איז שוין לאַנג אויפֿן עולם האמת, האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק געשריבן אַ שבח פֿאַר היטלערן. לויט די גזעצן פֿון בורלעסק האָט עס געהייסן: קינדערלעך, איך האָב אייך אָנגעצויגן מיט מצרישע ראַקעטן באַוואָפֿנט מיט קאָבאַלט־קעפּ, איך האָב אייך אָנגעשראָקן מיט אַ סכנה, אַז נאָצער גרייט זיך באַזעצן די ירדן־מלוכה, איך האָב אייך סתם צעטומלט די מוחות מיט סכנות מיט דייטשע וויסנ־שאַפֿטלער אין מצרים און מיט שווערע טעג פֿאַר ישראל. איך האָב אייך געבלאָפֿט! דער עיקר איז דאָס, וואָס לאַנדויס חבר פֿון די רעוויזיאָ־ניסטן האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק געלויבט היטלערן. לויט די זעלבע געזעצן פֿון בורלעסק האָט די גאַנצע כנסת ביי בן־גוריונס רעדוצירן זיין פּאָליטישן עקספּאָזע און רעזומע פֿון הרת־עולמדיקע סכנות פֿאַר דער מדינה צו „לאַנדויס חבר מיט דרייסיק יאָר צוריק", געדאַרפֿט אַרויסרופֿן אַ שטורמיש געלעכטער, אָבער די כנסת האָט נישט געלאַכט. אויב די „חרות"־פֿראַקציע האָט מיט רעכט אויפֿגעהויבן אַ שטורעם קעגן אַן אומ־דערהערטן וואַרפֿן די שולד אויף אַ גאַנצן יידישן מאַסן־קאָלעקטיוו צוליב ווערטער פֿון איין איינציקן מענטש פֿון מיט דריי צענדליק יאָר צוריק, איז ביי אַלע אַנדערע פֿראַקציעס אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. זיי זענען דערשיטערט געוואָרן, ווייל די כנסת־מיטגלידער וויסן דאָך אַ סך מער וועגן דער ערנסטקייט פֿון דער לאַגע פֿון אונדזער מדינה, ווי בן־גוריון האָט וועגן דעם איבערגעגעבן אין דער כנסת. נישט אַלץ קען מען דאָך זאָגן עפֿנטלעך פֿון דער כנסת־טריבונע. איז אויב בן־גוריון האָט זיין רע־זומע פֿון אַזאַ ערנסטער דעבאַטע רעדוצירט צו דעם, וואָס אבא אחימאיר האָט געזאָגט וועגן היטלערן מיט דרייסיק יאָר צוריק און דעם שמוץ גע־וואָרפֿן אויף אַ גאַנצן יידישן קאָלעקטיוו — איז אַך און וויי צו אונדז.

ביי די וואָס שטאַמען פֿון פּוילן, האָט אָט די האַנדלונג פֿון אונדזער פּרעמיער אין אַ גורלדיקער צייט פֿאַר דער מדינה אַרויסגערופֿן אַלאַרמירנ־דיקע אַסאָציאַציעס מיט אַ פּרעמיער אין פּוילן, — דער אַרכיטעקט פֿון דער פּוילישער מדינה, די לעבעדיקע לעגענדע פֿון פּוילן, דער איינציקער אין זיין דור, — וואָס האָט פֿון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע מיט וווּלגאַרע ווערטער באַליידיקט די דעפּוטאַטן און געחוזקט בכלל פֿון די געפֿילן פֿון

די בירגער, ווי די מדינה וואָלט אין גאַנצן געווען זײַנע און ווי קײנער אויסער אים וואָלט גאָרנישט דער מדינה געגעבן. אַזאַ פּײַנלעכע אַסאָ־ציאַציע!

גרויס זענען די פאַרדינסטן פון דוד בן־גוריון פאַר דער מדינה, אָבער מיט דעם גאַנצן כבוד פאַר זײַנע פאַרדינסטן, האָב איך דעם בירגערלעכן מוט צו זאָגן אונדזער פּרעמיער־מיניסטער אַזוי קלאָר ווי נאָר מעגלעך, אַז די מדינה איז נישט זײַן פּערזענלעכער פאָלוואַרק און די כנסת איז נישט זײַן קרעטשמע, אויף צו באַליידיקן יידן. זאָגן וועגן אַ יידישן מאַסן־קאָלעק־טיוו אין יאָר 1963, אַז „איך בין קײן מאָל נישט געווען קײן שותף צו דער אויפפאַסונג פון לאַנדוי און זײַנע חברים אין דער באַציאונג צו דײַטש־לאַנד, איך בין נישט געווען קײן שותף צו זיי ווען זיי האָבן גערימט און געלויבט און דערהויבן דעם נאָמען פון היטלערן און אים אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מוסטער", הייסט מאַכן אַ בלוט־בלבול אויף יידן, אַז זיי האָבן פאַר־הערלעכט דעם אידעאָלאָג צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק. ווען אַזעלכע ווערטער זאָלן קומען פון אַ נישט־ייד פון דער טריבונע פון וועלכן עס איז פאַרלאַמענט אין דער וועלט כלפּי אַ יידישן קאָלעקטיוו, וואָלט מען אים מיט רעכט געשטעמפּלט ווי אַ צורר היהודים, און בן־גוריון אַליין וואָלט קעגן אַזאַ עקלהאַפטער אַנטיסעמיטישער פּראָוואָקאַציע פּראָטעס־טירט פון דער זעלבער כנסת־טריבונע.

הלוואַי וואָלט איך געקאָנט זאָגן, אַז בן־גוריון האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען וואָס זײַן האַנט האָט אָנגעשריבן און וואָס זײַן מויל האָט אַרויסגערעדט. אָבער נײן, בן־גוריון האָט זיך צו דעם געגרייט. ער האָט די ווילדע מציאה שוין געהאַט צוגעגרייט צו וואַרפן זי פון דער כנסת־טריבונע אין דעם געדענק־טאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד. אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער די וואַזשנע מציאה צוריקגעצויגן, ווייל ער האָט געגלייבט, אַז אַן אַנדער פאַל, אַ דראַמאַטישער פאַל, וועט פאַרדעקן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרדעקן מיט דעם סקאַנדאַל, וואָס זײַן מציאה וועט אַרויסרופן. אָבער דער „פּאַטענט" האָט נישט געאַרבעט און נישט אײַנ־געשטילט די צעשטורעמטע פּרשה־געמיטער און בן־גוריון האָט מיט פּרעמידיטאַציע דעם סקאַנדאַל אַרויסגערופן איצט. און אַלס קרבן־מעדיום

האָט ער אויסגעוויילט דווקא אליעזר לאַנדוי, וואָס ער האָט אים אויף דעם צוזאַמענטרעף מיט די רעדאַקטאָרן געלויבט פאַר זיין פּאַטריאָטישן אַרויס־טריט אין דער כנסת בעת דער פּאָליטישער דעבאַטע.

מיט זיין פּראָפּאַגאַציע פון דער כנסת־טריבונע האָט בן־גוריון געוואָלט אַוועקהרגענען, אָדער ליקווידירן עמעצן אויף וועלכן ער האָט געוואָרפן אומחן. דאָס איז אים נישט געלונגען. ער האָט זיך דאָס מאָל איבערגעשפּילט און אָנשטאָט אַוועקצוהרגענען אַן אַנדערן, האָט ער אַוועקגעהרגעט זיין אייגענעם פּרעסטיזש און זיין אייגענעם כבוד און נאָך מער פאַרשטאַרקט די סימנים, אַז מיט דער דעמיסיע פון דעם „ממונה" איז פאַרבונדן אַ העס־לעכע מאַכט־קנוניה פון אַ גרופּע תקיפים, וואָס האָבן דעם אידעישן חלוציזם איינגעטוישט אויף חלוציזם פון פּרשהס, כדי אַריינצובאַקומען די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט.

כדי דאָס צו פאַרדעקן האָט בן־גוריון זיך נישט אָפּגעזאָגט אַפילו פון אַזאַ עקלהאַפט מיטל ווי וואַרפן די באַשולדיקונג, אַז אַ יידישער מאַסן־קאָלעקטיוו האָט פאַרהערלעכט דעם פלאַנירער צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק. דערמיט האָט ער איבערצייגט אַפילו די, וואָס האָבן ביז איצט פאַר־טיידיקט זיין „געניאַלע טאַקטיק", אַז אין שייכות צו דעם „ממונה" און אַז דאָס פאַרצאַפּן דאָס בלוט פון דער אידעלער פּרוי גאָלדע מאיר איז אָר־גאַניזירט געוואָרן אַ מאַקיאַוועלישע קנוניה צו דערגרייכן מאָנאָפּאָליסטישע מאַכט־צילן מיט אַלע מיטלען. קיין שום אַפּלייקענונגען וועלן דאָ נישט העלפן, וואָרעם די קנוניה־מאַכערס, וואָס האָבן דעם „ממונה" דערפירט ער זאָל זיך אָנגעבן אין דעמיסיע, באַגענוגענען זיך נישט מיט דעם אָפּגע־האַלטענעם נצחון, נאָר זיי ווילן אָט דעם מאַן — וואָס האָט בלב ובנפש און מיט זעלבסטאָפּפערונג אויסגעפירט יעדן פאַרלאַנג פון דוד בן־גוריון — צעברעכן מאָראַליש און אים אַזוי קאָמפּראָמיטירן, אַז ער זאָל אויף תמיד נייטראַליזירט ווערן פון דער מאַכט־ספערע. דעריבער האָבן זיי אָרגאַניזירט קעגן אים אַ קאַמפּאַניע, אַז כלומרשט פאַרט ער אַרום איבער קיבוצים און דערציילט וויכטיקע מלוכה־סודות. און דאָס ווערט לאַנסירט נישט בלויז אין דער פּרעסע, נאָר אויך אין קאַפעהייזער. און זיי לאַנסירן איצט אַ בלבול, אַז ער האָט געמיסברויכט מיט זיין אַמט. און איינער פון די אַרגו־

מענטשן איז, אַז זייענדיק אין אייראָפּע אין ענינים פון דער מדינה, האָט ער פּריוואַט באַזוכט זיין טאָכטער... און פּונקט ווי כלפּי דעם „ממונה", אַזוי לאַנסירן די קנוניה־מאַכערס רכילות און „ידיעות" קעגן גאָלדע מאיר. גלייך נאָך דעם ווי בן־גוריון האָט פאַר די רעדאַקטאָרן אָפּגעלייקנט, עס זאָל זיין וועלכע עס איז רייבונגען צווישן דעם זיכערהייט־מיניסטעריום און דעם אויסערן־מיניסטעריום, האָבן די קנוניה־מאַכער אָנגעהויבן אַ נייע קאָמפּאַניע קעגן גאָלדע מאיר — זי וועט זיך נישט אָנגעבן אין דעמיסיע, נאָר טאָמער יאָ, איז שוין אין די מפא"י־קרייזן אָנגערופן געוואָרן דער נאָמען פון אַ קאַנדידאַט אויפן אויסערן־מיניסטער... אָט מיט אַזעלכע שמוציקע מיטלען ווילן זיי דער פרוי גאָלדע מאיר נייטראַליזירן ווי זיי האָבן נייטראַליזירט דעם „ממונה, צעברעכן, ליקווידירן, באַהערשן.

און כדי צו דעקן אָט דעם קרבן האָט בן־גוריון געוואָלט הרגענען אין דער כנסת אַן אַנדערן. בן־גוריון האָט זיך דאָס מאָל איבערגאַלאָפּירט און איבערטאַקטיקירט, און דאָס שעפּל שמוץ, מיט וועלכן ער האָט געצילט אין אַנדערע, צו פאַרגיסן זיי די אויגן און אויערן, האָט ער איבערגעקערט אויף זיך אַליין. ער האָט די פרשה מיטן „ממונה" און מיט גאָלדע מאיר נישט פאַרטויבט, נאָר זי פּשוט אויפגעריסן אין דער עפנטלעכקייט און דערצו נאָך האָט ער געמוזט אויסהערן פון דער כנסת־טריבונע, אַז פּונקט ווי ער האַלט היינט, אַז דייטשלאַנד איז פאַר אונדז אַ מדינה ווי אַלע מדינות, אַזוי האָט ער אויך געהאַלטן וועגן היטלער־דייטשלאַנד, אַז זי איז פאַר אונדז אַ מדינה ווי אַלע מדינות און מען דאַרף מיט איר קאָאָפּערירן, קלאַפּן אַ טעלעגראַמע צו היטלערן און אַזוי ווייטער און ווייטער — אָך און ווי.

און ווייל בן־גוריון האָט פאַרענדיקט זיין רעזומע פון דער פּאָליטישער דעבאַטע אין דער כנסת אַזוי „דערפּאָלגרייך" ווי ער האָט זי פאַרענדיקט, איז אויפן פּלאַץ צו זאָגן דעם אמת ווו מיר האַלטן אין דער וועלט: אונדז דראָען גרויסע סכנות מצד אונדזערע אויסערלעכע פיינט, אָבער פאַר אָט די אויסערלעכע סכנות האָב איך ווייניקער מורא, ווי איך ציטער פאַר די אינערלעכע מאַכט־ און פרשה־קנוניהס, וואָס דראָען אויפצורייסן אונדז

פון אינעווייניק און אונדז מאָראַליש אַזוי צעברעכן, אַז פּאַר די אויסער־לעכע שונאים זאָל שוין נישט בלייבן קיין סך אַרבעט.

צילן דערצו די פרשה־מאַכערס ?! זיי וועלן עס דערגרייכן אויב זיי וועלן באַציינטס נישט געצוימט ווערן אין זייער מאַכט־וואַנזין.

17.5.1963

דעמאָקראַטיע

די תאווה פון נקמה

אין אונדזער פאָלקס־אוצר איז פאַראַן אַ מימרא, וואָס איז נישט אָפּצושאַצן איר חכמה. און די מימרא זאָגט אַזוי: „וואָס דער מענטש איז פעאיק זיך אַליין צו טון, וואָלטן קיין צען שונאים נישט געקענט אים אָפּטון". די חכמה פון אָט דער פאָלקס־דערפאַרונג לאָזט זיך צום בעסטן אילוסטרירן אויף באַרימטע פערזענלעכקייטן, וואָס אַלע זייערע מעשים זענען אויסגעשטעלט אין דער עפנטלעכקייט. די באַרימטע פערזענלעכקייטן וואָלט מען געקענט פאַרגלייכן צו שאַך־שפּילער, הינטער וועלכע עס שטייען קיביצער. די קיביצער באַוווּנדערן די אויסגעצייכנטע צוגן, נאָר עס טרעפט און איינער פון די אויסגעצייכנטע שפּילער הייבט אָן צופיל גלייבן אין זיין חכמה און... ער פאַרניכטעט זיינע אייגענע נצחונות. ביים ערשטן פושערישן צוג פילן־מיט די קיביצער און ווינטשן דעם שפּילער ער זאָל מצליח זיין, אָבער נאָכן דריטן און פערטן פאַלשן גאַנג, וועלן אַפילו די סאַמע הייסטע חסידים פון דעם שפּילער זיך נישט איינהאַלטן און אויס־שרייען: פושער, דו האָסט זיך אַליין געגעבן מאַט!

אונדזער דור האָט געהאַט אַ גאַנצע גאַלעריע ווונדערבאַרע פערזענ־לעכקייטן, גרויסע יידישע מענער, נאָר זיי האָבן נישט געהאַט אַזאַ ווונדער־באַר שאַך־ברעט, ווי עס איז אַ זעלבשטענדיקע מדינה, כדי זיך צו קענען פונאַנדערשפּילן. זיי זענען אָדער אַוועק פון דער וועלט איידער די מדינה איז אויפגעקומען, אָדער זיי זענען געווען צו אַלט ווען די שעה פון אומ־אָפּהענגיקייט האָט געשלאָגן און זיי זענען מער נישט געווען בכוח צו קעמפן פאַר זייער פּאָזיציע אין דער מדינה.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז דוד בן־גוריון זאָל ווערן די צענטראַלע פיגור פון דער מדינה, און במשך פון אַ פּאָר יאָר זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז ער געוואָרן די לעבעדיקע לעגענדע פון יידישן פאָלק. תמימותדיקע יידן האָבן אין אים געזען די פאַרקערפּערונג פון משיחן. אַלע נצחונות פון דער מדינה זענען אים צוגעשריבן געוואָרן. און אַפילו זיינע דורכפאַלן זענען אויסגעטייטשט געוואָרן ווי נצחונות. ווייל דאָס פאָלק האָט געלעכצט נאָך אַ מנהיג, וואָס מאַכט נישט קיין פעלערן, וואָס איז תמיד גערעכט און אַלץ וואָס ער טוט איז לויטער חכמה. און דוד בן־גוריון איז געוואָרן דער סימבאָל פון אַלדאָס פּאָזיטיווע, נצחונותדיקע, אומפעלער־האַפטע. ווען אָט דער מנהיג וואָלט ביים זעניט פון זיין אויפשטייגן, דעמאָלט ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַוועק קיין שדה בוקר, זיך האָבן צוריקגע־צויגן פון פּאָליטישער טעטיקייט — וואָלט ער געבליבן מיט זיין פולן גלאַנץ, מיטן זיין גאַנצן דעראָבערטן היסטאָרישן אוצר. פּונקט ווי מען זאָגט וועגן רמב״ם, אַז פון משה ביז משה איז אַזאַ משה נישט געווען, אַזוי וואָלט מען וועגן בן־גוריון געזאָגט, אַז פון דוד ביז דוד איז אַזאַ דוד נישט געווען.

אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דוד בן־גוריון איז נישט באַשאַנקען געוואָרן מיט די אייגנשאַפטן פון אַ טאָמאַס מאַסאַריק, ביי וועמען דער אינטעלעקט האָט פּערפעקט קאָנטראָלירט די מאַכט־יצרים, אַז אַפילו ווען אַנדערע האָבן געהערשט איבער דער יונגער טשעכישער מדינה, איז דאָס ליכט געפאַלן אויף אים, אויף מאַסאַריקן. ביי דוד בן־גוריון איז געשען פּונקט פאַרקערט: די מאַכט־יצרים קאָנטראָלירן זיין אינטעלעקט און ער איז גוואַלדיק אייפערזיכטיק אויף דער מאַכט. ער קען זיך גאָרנישט פאָר־שטעלן, אַז עמעצער זאָל אים קענען פאַרטרעטן און ער וועט קיינמאָל נישט מוחל זיין דעם, וואָס האָט געוואַגט זיך אַוועקצושטעלן אויף זיין מאַכט־פּאָזיציע.

אַ צוויי צענדליק יאָר האָט ער צוזאַמען געאַרבעט מיט משה שרת אין דער סוכנות, פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, און משה שרת איז דעמאָלט גוט געווען. משה שרת איז אויך גוט געווען, ווען ער איז געווען דוד בן־גוריונס אויסערן־מיניסטער, אָבער ווי נאָר משה שרת איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער, נאָך דעם ווי בן־גוריון איז אַוועק צום ערשטן מאָל

אין שדה בוקר — האָט ער אים דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען און ער האָט אים מער אין קיין שום רעגירונג נישט אַריינגעלאָזט. די פּרשה לבון וואָלט קיינמאָל נישט אָנגענומען אַזעלכע דערשיטערנדיקע פאַרמען, ווען פּנחס לבון וואָלט נישט געוואָרן זיכערהייטס־מיניסטער, נאָך דעם ווי דוד בן־גוריון איז אַוועק אין שדה בוקר. נאָר דאָס וואָס ער האָט געוואַגט זיך אַוועקצוזעצן אויפן רבינס שטול האָט אין דוד בן־גוריון אַרויסגערופן אַ צאָרן, וואָס קען זיך נישט שטילן ביזן היינטיקן טאָג. ווארום לאָמיר זיך נישט נאַרן: אַזאַ אָדער אַן ענלעכער פאַל, ווי דער וואָס האָט גורם געווען די לבון־פּרשה, קען געשען און געשעט אין יעדער נאָרמאַלער מדינה, ווייל אַ מדינה־אָרגאַניזאַציע איז נישט קיין חברת תהילים, נאָר זי מוז אָפט טון זאַכן וואָס גייען נישט אַריין אין די ראַמען פון די תרי״ג מצוות. נו, איז וואָס? אויב אַזעלכע אָדער ענלעכע דורכפאַלן זאָלן גורם זיין ווילדע פּרשהס ווי די לבון־פּרשה, וואָלט קיין שום מדינה נישט געקענט לאַנג עקזיסטירן, ווייל זי וואָלט צעזעצט געוואָרן פון פּרשהס. דער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף לבונען נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט ערנסט פאַרנומען אַ פּאָזיציע, וואָס בן־גוריון האָט זי פאַרלאָזט צוליב טאַקטישע טעמים.

נישט באַהערשטע מאַכט־אייפערזוכט איז די שטאַרקסטע און געפערלעכסטע תאווה, וואָס איז עלול צו צעשטערן אַלע הייליקייטן. פונקט ווי משה שרת וועט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אויסקויפן פון די „זינד״ הלמאי ער איז געווען פּרעמיער־מיניסטער, אַזוי מעג אויך לבון פאַרגעסן, אַז ער וועט זיך אויסקויפן פון דער „זינד״ פון האָבן געווען זיכערהייטס־מיניסטער.ביידע האָבן באַצאָלט רבי־געלט.

אויך לוי אשכול האָט זיך איינגעקויפט מפטיר. מיט אים איז נאָך ערנסטער. ער איז ביידע: סיי פּרעמיער־מיניסטער און סיי זיכערהייטס־מיניסטער! איך ווינטש לוי אשכול פונעם גאַנצן הארצן, ער זאָל ווייטער אָפּהאַלטן אַזעלכע נצחונות, ווי ער האָט ביז איצט אָפּגעהאַלטן אויף ביידע אַמטן. און הלוואי זאָל גאָט העלפן אונדז אַלעמען און לוי אשכול, ער זאָל אַ סך יאָרן גיין פון איין הצלחה צו דער צווייטער. אָבער מקנא בין איך אים נישט. איך באַוווּנדער אים.

וואָרום, ווו איז עס געהערט געוואָרן אין אַ קולטורעלער מדינה, אַז

ווען איר פּרעמיער־ און זיכערהייסט־מיניסטער געפינט זיך אויסער די גרענעצן פון דער מדינה אין אַזאַ וויכטיקער מיסיע, ווי די פון לוי אשכול ביים פּרעזידענט דזשאָנסאָן, זאָל דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער זיך אָוועקשטעלן און דעזאַוואוירן אים אין די אויגן פון דער עפנטלעכקייט, ווי דאָס האָט געטון דוד בן־גוריון פאַרגאַנגענעם שבת אין „בית בערל״? אַפילו דער פאַרביסנסטער אָפּאָזיציאָנער, אויב נאָר ער האָט אַ ביסל שטאַט־לעכע קולטור, וועט דאָס נישט טון.

לאָמיר אָננעמען, אַז די דערקלערונג פון לוי אשכול אין די פּאַראיי־ניקטע שטאַטן, אַז כרושטשאָווס וויזיט אין קאַיר האָט נישט געשעדיקט די זיכערקייט פון ישראל, איז אַ צו אָפּטימיסטישע. עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז אַזאַ דערקלערונג איז פון גאָר וויכטיקער פּאָליטישער באַדיי־טונג, ווייל אשכול גייט נישט אין בן־גוריונס דרכים פון אַטאַקירן דעם ראַטנפאַרבאַנד ביי יעדער נייטיקער און אומנייטיקער געלעגנהייט, נאָר ער זוכט אַ וועג פאַר אַן אויפטייאונג אין די ירושלים־מאָסקווער באַציאונגען. מען קען נאַטירלעך קריטיקירן דעם פּרעמיער־מיניסטער אין דער אָדער יענער ריכטונג, אָבער נאָר דאַן ווען ער איז אין לאַנד. און עס איז אַוודאי נישט דערלאָזבאַר ווען אַזאַ מאַן ווי דוד בן־גוריון, וואָס געהער צו דער זעלבער פּאַרטיי וואָס דער פּרעמיער־מיניסטער, זאָל אים דעזאַוואוירן בעת ער איז נישטאָ אין לאַנד.

אויך דאָס אויסדריקן זיך וועגן די באַמיאונגען פון אשכול צו דערפירן צו אַ פאַראייניקונג צווישן מפא״י און אחדות־העבודה, מיט „מערך־שמערך״, איז געווען נישט מער ווי נאָך איין מיטל אַרונטערצורייסן דעם פּרעסטיזש פון דעם פּרעמיער־מיניסטער. און דער ריינער אמת איז דאָך, אַז דעם „מערך־שמערך״ האָט אָנגעהויבן נישט אשכול, נאָר בן־גוריון, בעת ער איז נאָך געווען פּרעמיער־מיניסטער. דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש.

פאַר דעם אונ״אָ־באַשלוס דעם 29סטן נאָוועמבער 1947, ווען עס האָט זיך געוועיגן אונדזער גורל, זענען מיט קאָלאָסאַלע כוחות מאָביליזירט געוואָרן אַלע יידישע פאַרבינדונגען אין דער וועלט, כדי אויסצופּועלן ביי רעגירונגען זייערע פאָרשטייער אין אונ״אָ זאָלן שטימען פאַר דער רעזאָ־

לוציע וועגן דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל. אָן דער אָפּשטימונג אין אונ״אָ וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין מדינה. דוד בן־גוריון ווייסט דאָס צום בעסטן. איז ער געקומען שפּעטער און געזאָגט וועגן אונ״אָ — ״או״ם־שמום״, ווייל אונ״אָ איז אין דעם מאָמענט אים מער נישט נייטיק געווען. און אַז ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם ״מערך״ מיט אחדות העבודה, נאָר דערווייל האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט און ער פּערזענלעך דאַרף נישט מער דעם ״מערך״, איז ער — ״מערך־שמערך״. אַלץ נאָר פון פּערזענלעכן שטאַנד־פּונקט. און איצט, נאָך דערפאַר, ווייל אשכול האָט ווי דער פּרעמיער־מי־ניסטער מצליח געווען און ער איז דער ערשטער ישראל־פּרעמיער, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן אָפיציעל דורך דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט, דאַרף מען אים מכשיל זיין סיי אין זיין הצלחה אין דער וועלט און סיי אין זיינע באַמיאונגען צו פאַראייניקן די אַרבעטער־פּאַרטייען אין לאַנד.

במשך 16 יאָר האָט דוד בן־גוריון גערעדט וועגן דער פּלאָג פון צע־שפּליטערונג און וועגן דער ברכה פון פאַראייניקונג. נאָר ווען אשכול וויל אַדורכפירן אַ פאַראייניקונג — טויג עס נישט, איז בעסער צעשפּליטערונג. און אַז עס רעדט צאָרן און יצרים און נישט לאָגיק — קומען נאַטירלעך גרילצנדיקע סתירות אין די רייד.

אויף דעם זעלבן עפנטלעכן אַרויסטריט אין ״בית בערל״ האָט בן־גוריון שיעור נישט גערופן צו אַ רעוואָלוציע אויב מען וועט נישט אָננעמען זיין פאָרשלאַג וועגן קרייז־וואַלן. און פאַר דער לאָזונג פון קרייז־וואַלן איז ער גרייט מפא״י זאָל זיך פאַרבינדן מיט עלעמענטן פון אַנדערע פּאַרטייען, וואָס זענען פאַר קרייז־וואַלן, דאָס הייסט, מיט אַ טייל פּראָגרעסיווע און מיט אַ טייל פון ״חרות״. לויט אָט דער לאָגיק קומט אויס, אַז דער ״מערך״ פון צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען איז ״מערך־שמערך״, אָבער אַ סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי זאָל זיך פאַרבינדן מיט נישט אַרבעטער־עלעמענטן — דאָס איז אַ גליק פאַר דער מדינה און פאַר דער פּאַרטיי; דאָס איז דער ריכטי־קער מערך.

נאָר דאָ גייט נישט וועגן וועלכן עס איז ״מערך״. דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטן. דער מאָטאָר פון די אַלע קריטיקס און סתירות איז די מורא־דיקע אייפערזוכט אויף אשכולן, אויף זיין הצלחה, אויף זיין באַליבטקייט

סיי אין לאַנד און סיי אין דער וועלט. בן־גוריון האָט אויפגעהערט צו זיין דער „יחיד בדורו".

בעת בן־גוריון האָט מיט העכער אַ יאָר צוריק „געוואָרפן די פיר פאַר דער טיר" און אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר און אַוועק קיין שדה בוקר, איז ער געווען זיכער, אַז פּונקט ווי משה שרת, ווי פּרעמיער־מיניס־טער, און פּנחס לבון, ווי זיכערהייטס־מיניסטער, זענען ביים ערשטן מאָל שדה בוקר געווען עפּיזאָדן, וועט אויך די פּרעמיערשאַפט פון לוי אשכולן זיין אַן עפּיזאָד און ער וועט צוריקקומען און דאַן וועט ער מאַכן „אָרדענונג". אָבער ווי דער געוועזענער זיכערהייטס־מיניסטער, וואָס קען זיך אויס אין מיליטערישער טאַקטיק, האָט דוד בן־גוריון געדאַרפט וויסן, אַז צוויי מאָל טאָר מען נישט איבערחזרן דעם זעלבן „טריק" אויף דעם זעלבן פראָנט...

שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן אַ דראַמע, וואָס איז ווערט די פּעדער פון אַ שעקספּיר — מיט שאַרפע ליידנשאַפטן, מיט פלאַמיקן צאָרן, און מיט איבערמענטשלעכע ראַנגלענישן צו איבערווינדן זאַכן, וואָס לאָזן זיך מער נישט איבערווינדן. דאָס טראַגישע דערביי איז דאָס, וואָס מיט זיינע ראַנגלענישן און ליידנשאַפטן שאַפט בן־גוריון זיכער שווערקייטן פאַר די, מיט וועלכע ער שטייט אין ליידנשאַפטלעכן קאַמף, אָבער ער צאָלט דערפאַר אַ שרעקלעכן פּרייז: דער מאַן וואָס איז ביי מיליאָנען יידן געווען די פאַרקערפּערונג פון משיח — עקספּאָנירט זיך ווי אַ בשר־ודם מיט נישט־קאָנטראָלירטער מאַכט־תאווה; דער אומפעלערהאַפטער עקספּאָנירט זיך מיט קליינלעכע פעלערן, וואָס זענען נישט אין כבוד פון אַ פאָלקס־מנהיג; דער מאַן וואָס איז געווען די לעבעדיקע לעגענדע פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, עקספּאָנירט זיך ווי אַ בעל־נקמה, וואָס איז זיך נוקם ונוטר אין יעדן, אויף וועלכן ער וואַרפט אַן אומחן צוליב מאַכט־אַביציע. אַוודאי, יעדער יחיד האָט רעכט צו טון מיט זיך וואָס ער וויל, ער געהער בלויז צו זיך אַליין. אָבער דער וואָס שטעלט זיך בראש פון אַן אַרמיי, אָדער בראש פון אַ פאָלק, געהער נישט מער צו זיך אַליין און זיין פּאָזיציע איז אים מחייב. דאָס פאָלק האָט דערהויבן בן־גוריונען צו די העכסטע הויכקייטן און אין אים אינוועסטירט צופיל, ער זאָל איצט קומען און זיך אַליין צע־טרענצלען און דערמיט אַוועקשטעלן ווי אביונים די אַלע, וואָס האָבן אים

ממש פאַרגעטערט. אויך אַזאַ מין פאַראַביונען עמעצען איז אכזריות, אויסער דער זעלבסטאַכזריות, מיט וועלכער בן־גוריון פאַראַביונט זיך אַליין.

19.6.1964

וואָס איז אַזעלכס דעמאָקראַטיע?

די פון מיינע לייענער, וואָס האָבן אַמאָל געלערנט אין אַ חדר, דער־מאָנען זיך מסתמא, אַז איינע פון די נישט זעלטענע געלעגנהייטן אויף צו באַקומען פונעם מלמד אַ פייערדיקן פאַטש, אָדער אַ קניפּ אונטערן טיש, אַז מען זאָל דערזען האָצעפּלאָץ פאַר די אויגן, איז געווען די פּרשה בשלח. אייגנטלעך האָט די סכנה פון אַ פאַטש, אָדער אַ קניפּ געדראָט נישט פון דער גאַנצער פּרשה, נאָר פון איין פּסוק אין דער פּרשה. וואָס שייך מיר, האָט איינער פון מיינע מלמדים דווקא ליב געהאַט די פּרשה, ווייל אין איר רעדט זיך וועגן עסן. אַזוי ווי דער מלמד איז געווען אַ ייִד אַן אָרעמאַן, וואָס אַ גאַנצן וואָך פלעגט ער דריי מאָל אין טאָג עסן ראַזעווע ברויט מיט ציבעלעס, האָט ער זיך ביי פּרשה בשלח מחיה נפשות געווען. וואָרעם דאָרט שטייט געשריבן, אַז דער אין הימל האָט גערעדט צו משהן, ער זאָל זאָגן די בני ישראל (נישט די פון אינדיע, נאָר די, וואָס אין דער מדבר), אַז צו אָונט־צו וועלן זיי עסן פליישׁ און אין דער פרי וועלן זיי זיך אָנ־זעטיקן מיט ברויט, און אַז בכלל וועט יעדער איינער פילן אינעם מן וואָס פאַר אַ מאכל ער האָט ליב. און מיין רבי האָט געוווסט וואָס ער האָט ליב!

די צרה אָבער האָט זיך אָנגעהויבן ווען מען איז צוגעקומען צום פּסוק, אין וועלכן עס ווערט באַשריבן ווי אַזוי דער מן זעט אויס און וואָס פאַר אַ טעם ער האָט, „וטעמו כצפיחת בדבש”. מיין רבי, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ פּירעזשקע אין האָניק. איך האָב אָבער געדענקט דעם טייטש: כצפיחת בדבש — ווי אַ האָניק־טייגל. איז ווי נאָר איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט מיטן טייגל, איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן פון דעם פאַטש, וואָס איך האָב באַקומען פונעם רבין, און ער האָט זיך צעשריגן ווי צוליב מיר וואָלט, חלילה, חרוב געוואָרן דאָס בית

המקדש: „גויעץ, אַ מיליאָס מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז כצפיחת בדבש איז דער טייטש: ווי אַ פּירעזשקע אין האָניק!"

אינעם מאָדערנעם לשון איז פאַראַן אַן „ענלעך" וואָרט, וואָס יעדער טייטשט עס לויט זיין אייגענעם געשמאַק. דער מאָדערנער „כצפיחת בדבש" איז — ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע. און עס איז נישטאָ אַזאַ מלמד־מנהיג, וואָס זאָל נישט לויבן זיין טייטש פאַר דעמאָקראַטיע. האָט איר דעמאָקראַטיע לויט דעם סאָוויעטישן טייטש, לויט דעם כינעזישן טייטש, לויט דעם טייטש פון נאַצערן, לויט דעם טייטש פון די אַמעריקאַנער און פון די ענגלענדער און בתוכם אויך אונדזער אייגענעם, ישראלישן טייטש פון דע־מאָקראַטיע. און לאָמיר אין גאָלדענע רענדלעך פאַרמאָגן דעם אונטערשייד פון איין טייטש ביז צום צווייטן! ס'איז אַ גרעסערער אונטערשייד ווי מיליאָסן מאָל צווישן אַ פּירעזשקע אין האָניק און אַ האָניק־טייגל. און ביי אונדזער הייס־געליבטן חבר הכנסת דוד בן־גוריון איז דער טייטש פונעם מאָדערנעם „כצפיחת בדבש" אָפּהענגיק פון דעם, אין וועלכן מצב ער געפינט זיך: ווען ער איז געווען פּרעמיער־מיניסטער איז דעמאָקראַטיע געווען ביי אים דער טייטש: די מדינה זאָל טאַנצן ווי ער שפּילט, יעדן זיינעם קאַפּריז דאַרפן די בירגער פון ישראל און דאָס יידישן פאָלק אין דער וועלט אָננעמען ווי תורת משה. ער האָט אַפילו געפּרווט רעווידירן אויך תורת משה, נאָר טאָמער האָט עמעצער געוואַגט דערווידערן זיין תורה — איז הימל עפן זיך! איך דערמאָן זיך אַ פאַל ווי ביי איינעם אַ צוזאַמענ־טרעף מיט די צייטונגס־רעדאַקטאָרן, האָט איינער פון די רעדאַקטאָרן גע־מאַכט אַ באַמערקונג וועגן די רעכט פון די בירגער. איז בן־גוריון שטאַרק אין כעס געוואָרן און שטיל־געמאַכט דעם רעדאַקטאָר מיט אַן אויפגע־רעגטער און סאַרקאַסטישער באַמערקונג: בירגער־רעכט? בירגער האָבן נאָר די רעכט וואָס מען גיט זיי!

עס איז געווען די לעגיטימע רעכט פון דער דעמאָקראַטישער מדינה, אַז ווען בן־גוריון איז צום ערשטן מאָל אַוועק קיין שדה בוקר, זאָל בראש פון דער רעגירונג אַוועקגעשטעלט ווערן אַן אַנדער פּרעמיער־מיניסטער. און עס איז די לעגיטימע רעכט פון יעדן בירגער אָנצונעמען די קאַנדידאַ־טור פאַר פּרעמיערשאַפט, אויב דער פּרעזידענט באַשטימט אים און די

כנסת באַשטעטיקט זיין פּרעמיערשאַפט. אָבער אַז „עמעצער" האָט געוואָגט צו ווערן פּרעמיער־מיניסטער אויפן פּלאַץ פון דוד בן־גוריון, ווייסן מיר ווי טייער עס האָט באַצאָלט דער „עמעצער" נאָך דעם ווי דוד בן־גוריון האָט ווידער איבערגענומען די מאַכט. אַז בן־גוריון האָט דעמאָקראַטיש באַשלאָסן צו ליקווידירן פּנחס לבון אין דער טרויעריק־באַרימטער פּרשה, האָט ער זייער דעמאָקראַטיש אויפגעצווונגען די גאַנצע פּאַרטיי און די גאַנצע מדינה זיין פּערזענלעכן ווילן, וואָס איז געווען קעגן די הייליקסטע אינטערעסן פון דער מדינה, פון אירע בירגער און פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי. ווייל די מדינה האָט פאַר דעם דאָזיקן קאַפּריז פון אַ יחיד באַצאָלט אַזאַ פּרייז, אַז ביז היינט קען זי צו זיך נישט קומען. דאָס האָט דוד בן־גוריון דער יחיד — און אויך אַ פּרעמיער־מיניסטער איז נישט מער ווי אַ יחיד — אויפגעצווונגען דער מדינה נייע וואַלן צו דער כנסת. און אַז די „קאָמיסיע פון זיבן", בראש מיט דעם היינטיקן פּרעמיער־מיניסטער לוי אשכול און מיט דער באַטייליקונג פון אַנדערע מיניסטאָרן, האָבן געפּאַרשט די דאָקומענטן אין דער פּרשה און ריינגעוואַשן פּנחס לבון — איז דוד בן־גוריון אש להבה אויף דער קאָמיסיע, באשר איר באַשלוס איז נישט אויסגעפאַלן ווי ער וואָלט געוואָלט. און ער קען זיך נישט באַרואיקן און ער גרייט זיך מיט אַ קאַמפּאַניע קעגן דער קאָמיסיע, אַפילו ווען דערמיט רייסט ער אַרונטער דעם פּרעסטיזש פון די, וואָס זענען געווען מיניסטאָרן אין זיין קאַבינעט.

אַזוי פּאַרשטייט דוד בן־גוריון דעמאָקראַטיע ווען ער איז פּרעמיער־מיניסטער. גאָר אַנדערש זעט אויס ביי אים דעמאָקראַטיע, ווען ער איז נישט מער פּרעמיער־מיניסטער, און לוי אשכול האָט בראש פון דער רעגירונג מצליח געווען מיט אַ הצלחה, ווי קיין שום פּרעמיער־מיניסטער אין ישראל ביז אים! לוי אשכול האָט זיך אַנטקעגן זיין פּאַרגייער אויפגעהויבן הימל־הויך און מענעריש געוואָגט אַראָפּצורייסן דאָס פייגנבלעטל פון דעמאָקראַטיע אין דער פאָרמאַליסטיק און דיקטאַטור אין מעשים, און מיט יעדע פיס זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ געזונטער באַזע אָפּצובויען די דעמאָקראַטיע פון איר יסוד. אַדאַנק דעם האָט זיך לוי אשכול דערוואָרבן די סימפּאַטיע אַפילו ביי זיינע קעגנער. עס איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ

בראַד, אַז דוד בן־גוריון האָט נישט קיין נחת פון לוי אשכולס הצלחה און פון זיינע מעשים צו סאַנירן דאָס דעזאָרגאַניזירטע און פּאַטאַליסטישע גע־זעלשאַפטלעכע לעבן. ער איז מסתמא געווען ביי זיך זיכער, אַז לוי אשכול ווי פּרעמיער־מיניסטער וועט זיין אַן עפּיזאָד צום צווייטן מאָל פון זיין עולה־אויטאָ־זיין קיין שדה בוקר און נאָך דעם וועט קומען דער קרבן מנחה, ווי דער קרבן מנחה איז געקומען נאָכן ערשטן מאָל פון איבערבעטן זיך מיט ירושלים... אָבער לוי אשכול איז נישט קיין עפּיזאָד, נאָר ער האָט געעפנט אַ נייע תקופה און ער האָט אָפּגעשאַפט דעם סדר קרבנות. און אַנשטאָט בן־גוריונס צוואַנציק־יאָריקן ר ע ד ן וועגן אַרבעטער־אייניקייט, איז אשכול ערנסט איבערגעגאַנגען צו מעשים פון אייניקייט. האָט דוד בן־גוריון אָנגעהויבן פון בודק זיין די דעמאָקראַטישע ציצית פון לוי אשכול: עס איז נישט דעמאָקראַטיש פון אשכולס זייט נישט אָנצופרעגן ביי דעם פּאַרטיי־קאָנגרעס, צי ער זאָל יאָ אָדער נישט מוותר זיין אויף דער לאָזונג פון ראַיאָן־וואַלן, כדי צו דערגרייכן אַ פאַרבינדונג מיט אחדות העבודה. פון הונדערטער בן־גוריונס לאָזונגען אין דער צייט ווען ער איז געווען פּרעמיער, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם און קיינעם האָבן זיי בעצם נישט פאַרפּליכטעט, ווי עס האָט נישט פאַרפּליכטעט קיינעם זיין עקשנות, אַז משה רבינו האָט פון מצרים אַרויסגעפירט סך־הכל ווייניקער יידן ווי עס האָבן זיך געפונען יידן אין אַ מעברה אין די צייטן פון דוד רבינו. אָבער דווקא אין דעם „מערך", וואָס דוד בן־גוריון אַליין האָט אים אָנגעהויבן ווען ער איז געווען פּרעמיער־מיניסטער, שטייט בן־גוריון שטאָל און אייזן אויף דער לאָזונג פון ראַיאָן־וואַלן וואָס זאָל כלומרשט זיין אַ הלכה פון דער פּאַרטיי און נאָר מיט דער צושטימונג פון אַלע פּאַרטיי־דעלעגאַטן קאָן די הלכה אָפּגעשאַפט ווערן.

ווייל אַן אַנדער טייטש האָט דער דעמאָקראַטישער „כצפיחת בדבש" ווען בן־גוריון איז פּרעמיער, און גאָר אַן אַנדער טייטש האָט דער כצפיחת ווען ער איז חבר הכנסת, וואָס טרעט אַפילו נישט אַריבער די שוועל פון דער כנסת. און אַז אַלע באַרימטע טאַקטישע קונצן פון פאַכען מיט דעמאָ־קראַטיע האָבן נישט געהאָלפן און לוי אשכול האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט מענערישן כאַראַקטער — צו וואָס בן־גוריון איז נישט געוווינט —

איז דער חבר הכנסת אַרויס קעגן פּרעמיער־מיניסטער אשכול אין אַן אָפענער מלחמה, וואָס דערמאָנט מיט איר שאַרפקייט די מלחמה, וואָס בן־גוריון האָט זיינער צייט אָנגעהויבן קעגן פּנחס לבון. אין וואָס אַלץ דוד בן־גוריון באַשולדיקט אונדזער פּרעמיער־מיניסטער אין זיין מלחמה־אַרטיקל אין „דבר" פון פאַרגאַנגענעם דינסטיק: אין אָפּנאַרן די געזעל־שאַפט (אונאת הציבור), אין מיסברויך (גניבת דעת), אין מאַנגל אין ערלעכ־קייט (חוסר כנות), אין אונטערגראָבן די יסודות פון דער דעמאָקראַטיע, אין דורכגעטריבענער פאַלשקייט (ערמומיות). און דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל אשכול וויל נישט טאַנצן לויט דער מוזיק פון דוד בן־גוריון, נאָר ער האָט זיין אייגענעם, אויפריכטיקן צוגאַנג סיי צו די ענינים פון דער מדינה און סיי צו די ענינים פון דער פּאַרטיי, וואָס ווי די הערשנדיקע פּאַרטיי איז זי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מדינה. בן־גוריון האָט געשאַפן פּרשהס און זיי אונדז איבערגעלאָזט בירושה — אשכול וועט די ירושה ליקווידירן. אשכול טרייסלט נישט אויף די יידישע וועלט מיט אַ „מיהו יהודי?", נאָר ער האָט ליקווידירט די פּרשה פון די „בני ישראל". בן־גוריון האָט צע־טרייסלט די מדינה מיט דער לבון־פּרשה — אשכול וועט זי לסוף ליקווי־דירן. בעת בן־גוריונס מנהיגאָסטווע איז די אַרבעטערשאַפט געשפּאָלטן געוואָרן — אשכול וועט זי פאַראייניקן. בן־גוריון וואַרפט־פאָר אשכולן, אַז אין דעם „מערך" מיט „אחדות העבודה" דיקטירט אַ מינדערהייט די מערהייט — אַז די קליינע פּאַרטיי אחדות העבודה שטעלט באַדינגונגען דער מאַסן־פּאַרטיי מפא"י. לויט בן־גוריונס פּירוש אויף דעמאָקראַטיע דאַרף מסתמא אַ מינדערהייט אַפילו נישט עפענען דאָס מויל. אָבער אַפילו ווען „אחדות העבודה" זאָל שטעלן באַדינגונגען, נישט פּראָפּאָרציאָנעלע צו איר גרויס, איז פאַראַן אַ לאָגישע מיינונג, אַז דער טייערסטער שלום איז ביליקער פון דער ביליקסטער מלחמה אָדער אַפילו פון ביליקסטן וואָפנ־שטילשטאַנד. אויב עס זאָל געלינגען בן־גוריונען צו טאָרפּעדירן די פאַר־שטענדיקונג צווישן מפא"י און „אחדות העבודה", קענען מיר אין רעזול־טאַט פון די קומענדיקע וואַלן צו דער כנסת און צו דער הסתדרות איבער־לעבן אַזעלכע אויפטרייסלונגען אין דער מדינה, וואָס איז זיך אַפילו שווער פאָרצושטעלן. ביי אַזעלכע אויפטרייסלונגען, וואָס זייערע זוימען

זענען פֿאַרזעצט געוואָרן אין דער תּקופֿה פֿון בן־גוריונס הערשאַפֿט און וואָס אשכּול וויל זיי באַצייטנס נייטראַליזירן, וואָלט עס געהייסן, אַז לוי אשכּולס פּאָליטיק האָט באַנקראָטירט און דוד בן־גוריון וועט קומען ראַ־טעווען...

אָט דאָס איז דער גאַנצער זין פֿון דעם טייטש פֿון „כּצפּיחת בדבש“ לויט דעם מאכל וואָס דער רבי האָט ליב סכּנות נפֿשות. מעגזשע אפֿילו דער רבי פֿאַטשן בפּרהסיה און קנייפּן אונטערן טיש, וועט גאָרנישט העלפֿן — „כּצפּיחת בדש“ וועט נישט זיין אַ פּירעזשקע אין האָניק...

4.9.1964

אויף דער מעלאָדיע פֿון אַן אויסגעריבענער פּלאַטע

אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון מדינות איז נאָך נישט געשען אַ פֿאַל, אַז הערשער ביי דער מאַכט זאָלן וועלן פֿון אייגענער איניציאַטיוו לייכטער מאַכן און אויסבעסערן אַ רעזשים לטובֿת דעם פֿאָלק. הערשער וואָלטן, פֿאַרקערט, וועלן וואָס מער צענטראַליזירן די מאַכט און וואָס מער באַגרע־נעצן די רעכט פֿון די בירגער, ווייל וואָס מער די מאַכט איז צענטראַליזירט און וואָס מער די דעה פֿון פֿאָלק ווערט באַגרענעצט, אַלץ לייכטער איז צו הערשן. רעזשימען צום בעסערן ווערן געענדערט אָדער דורך רעוואָלו־ציעס, אָדער דורך אַן אויסערלעכן צוואַנג פֿון אַ גרעסערער מדינה איבער אַ קליינער מדינה. ווען איך הער, אַז אַ הערשער גייט ענדערן אין זיין לאַנד די קאָנסטיטוציע לטובֿת דעם פֿאָלק, אָדער ווען איך הער, אַז אַ הערשער זשאָנגלירט צופֿיל מיט די „אינטערעסן פֿון פֿאָלק“, אָדער „דאָס פֿאָלק זאָל באַשטימען“ — ווייס איך, אַז אין דעם לאַנד גייט דאָס פֿאָלק פֿאַרלירן זיין פֿרייהייט; אַז דאָרט גרייט זיך אַ דיקטאַטור.

צי דאַרף מען דערמאָנען, אַז וואָס מער סטאַלין האָט גערעדט וועגן דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט — אַלץ מער פּראָלעטאַריער זענען פֿאַרשיקט געוואָרן אין די לאַגערן, אָדער צעשאָסן געוואָרן. וואָס מער סטאַלין האָט

גערעדט וועגן די גוואַלדיקע פּרייהייטן פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטו־ציע — אַלץ מער איז רוסלאַנד געוואָרן אַ לאַנד פון קאַטאָרגע.

אין אונדזער מדינה איז דער רעזשים נישט איינגעשטעלט געוואָרן ווי אַ רעזולטאַט פון רעוואָלוציע, אָדער פון סאָציאַלע ראַנגלענישן במשך פון דורות, אָדער אין רעזולטאַט פון אַ קאָנסטיטוציע, וואָס די ערשטע כנסת האָט געדאַרפט אָננעמען און נישט אָנגענומען, נאָר עס איז געבליבן דער רעזשים פון די מוסדות פון פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. דאָס איז אַ רעזשים באַזירט אויף פּאַרטייען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין גלות ביי גאָר אַנדערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַדינגונגען און וואָס האָבן זיך דאָ אין לאַנד פאַרוואַנדלט אין אַפּאַראַטן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אין לאַנד פאַרגרעסערט אויף פיר מאָל אַזוי פיל — זענען די אַפּאַראַטן געבליבן די זעלבע. זיי האָבן פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה געהערשט אין דער סוכנות און אין ועד לאומי, אָדער געווען אין אָפּאָזיציע, און זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה — הערשן זיי אין דער מדינה, אָדער זיי זענען אין דער אָפּאָזיציע. אַפילו דאָס איבעררוקן זיך פון שיכטן אין אַט די פּאַרטיי־אַפּאַראַטן וואָלט געווען אוממעגלעך ווען נישט דאָס ביאָלאָגישע געזעץ, אַז מענטשן זענען שטערבלעך. אָפּט דערמאָנען אייך די אינטריגעס אין דער מדינה, די אינ־טריגעס אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, אָדער אין די קאַבינעטן פון דער סוכנות. נישט מער — אין מדינה־באַדינגונגען זענען אויסגעוואַקסן די השגות ווי עס זענען אויסגעוואַקסן די פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן. ס'איז מדינה!

אויך אין די באַדינגונגען פון די מוסדות פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָבן געהערשט דיקטאַטאָרישע טענדענצן, וואָס זענען אין יענער צייט באַגרינדעט געוואָרן מיטן קאַמף קעגן דער בריטישער מאַנ־דאַט־מאַכט. ווער ס'איז נישט מסכים געווען מיטן „באָס", איז פאַראורטיילט געווען ווי אַ „פּורש" און ווער עס איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט די „פּור־שים" — איז זיין גרויזלשאַפטלעכער גורל געווען אַ געחתמעטער. די זעלבע טענדענצן זענען איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער מדינה. די „פּורשים" זענען געבליבן „פּורשים", די וואָסאַלן זענען געבליבן וואָסאַלן. וויפל מאָל

האָבן מיר פונעם מויל פון דוד בן־גוריון, ווען ער איז געווען פּרעמיער־מיניסטער, געהערט אַפילו פון דער כנסת־טריבונע אַז מיט „הרות" וועט ער ביי איין טיש נישט זיצן? ווער געדענקט נישט זיין עקשנות און זיין דיקטאַט די מדינה זאָל נישט ברענגען דאָס געביין פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי? דוד בן־גוריון האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ דיקטאַטאָר נישט בלויז קעגן די „פורשים", נאָר אַפילו קעגן זיינע אייגענע חברים. וויפל צרות האָט ער גורם געווען דעם טייערן ייד יוסף שפּרינצאַק ז"ל? ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין אינטעליגענץ, פאַר זיין הומאָר און אַפילו פאַר זיין צעירי־ציוניסטישער פאַרגאַנגענהייט... בן־גוריון האָט אין זיין אייגענער פּאַרטיי איינגעפירט זיין דיקטאַטור און זיינע אייגענע חברים זאָגן איצט עדות, אַז די פּאַרטיי האָט „דעמאָקראַטיש באַשטעטיקט" אַלע זיינע דיקטאַטאָרישע איינפאַלן. און איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די רוגזה מיט וועלכער בן־גוריון האָט רעאַגירט, ווען איינער פון די צייטונגס־רעדאַקטאָרן האָט תמימותדיק באַמערקט, אַז די בירגער האָבן זייערע רעכט. מיט אַ גוואַלדיקן כעס האָט בן־גוריון דעמאָלט אויסגערופן: „בירגער האָבן רעכט? זיי האָבן וואָס מען גיט זיי!"

ביי אָט דעם אַלעמען איז קלאָר, אַז ווען דוד בן־גוריון האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן ענדערן דעם וואַל־סיסטעם אין דער מדינה, פון לאַנד־וואַלן אויף קרייז־וואַלן, האָט ער נישט געמיינט דערמיט אויסצובורייטערן די דעמאָקראַטיע און די רעכט פון די בירגער. ווען ער וואָלט עס געוואָלט, וואָלט ער דעם אָנטייל פונעם פאָלק אין די באַשטימונגען פון דער מדינה געקענט דערגרייכן דורך אַ קאָנסטיטוציאָנעל געזעץ, פאַר וועלכן ער האָט פופצן יאָר געהאַט אַ מערהייט אין דער כנסת. און פאַר אַזאַ קאָנסטיטוציאָנעל געזעץ — אויף צו דעמאָקראַטיזירן דעם רעזשים — וואָלט ער אַפילו געהאַט די שטימען פון דער אָפּאָזיציע. אָבער נישט דעמאָקראַטיזאַציע פונעם רעזשים און מער רעכט פאַרן פאָלק האָט דוד בן־גוריון געמיינט מיט זיין מאַנקאָליע צו ענדערן דעם וואַל־סיסטעם. זיין ציל איז געווען צו באַזייטיקן פון אָנטייל אין דער מאַכט אַפילו די וואַסאַלן.

ווער עס האָט ביז איצט געצווייפלט אין די דיקטאַטאָרישע לעכצונגען פון דוד בן־גוריון, וואָס ער האָט פאַרבונדן מיט ענדערן דעם וואַל־סיסטעם

— האָט אין די לעצטע צוויי חדשים זיך איבערצייגט צו וואָס אָט דער מאַן האָט ווירקלעך געצילט. הייגט רעדט ער אָפן, אַז אַ מערהייט קען נישט באַשטימען, אַז אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון אַ פּאַרטיי איז נישט באַרופן צו נאָמינירן אַ קאַנדידאַט אויף אַ פּרעמיער־מיניסטער און אַפילו אַז ער אָנער־קענט נישט דעם פּרעמיער־מיניסטער, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי האָט נאָמינירט און וואָס דער מדינה־פּרעזידענט האָט אים געגעבן דעם מאַנדאַט און די סוווערענע כנסת האָט אים אויס־געוויילט מיט אַ מערהייט שטימען.

אויב עס זענען געבליבן אַ ביסל חסידים שוטים, וואָס צוליב מאָטיוון פון סענטימענט האָבן זיי נאָך געהאַט וועלכע ס'איז ספקות בנוגע דער דיקטאַ־טאָרישקייט פון דוד בן־גוריון — האָט ער אַליין היינטיקע וואָך ביי זיי די ספקות צוגענומען. נאָך דעם ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט פון מפא"י האָט מיט אַ מערהייט שטימען און ביי געהיימע וואַלן אָנגענומען דעם באַשלוס לוי אשכול זאָל אויך צו די קומענדיקע וואַלן זיין דער קאַנדידאַט פאַר פּרעמיער־מיניסטער, איז דוד בן־גוריון אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אַן אומגעצוימטער אַטאַקע, אַז ער אָנערקענט נישט דעם באַשלוס און אַז אין די 5 חדשים ביז צו די וואַלן וועט ער פירן אַן אַקציע צו איבער־צייגן „דאָס פאָלק", פאַרוואָס לוי אשכול קען נישט זיין פּרעמיער־מיניס־טער. אַזאַ פּרעצעדענס איז נאָך נישט געווען אין קיין שום געאָרדנטער דעמאָקראַטישער מדינה, סיידן אין מדינות ווו אויסער דער הערשנדיקער רעגירונג עקזיסטירן יונטעס און קליקעס, וואָס ווילן קאָנטראָלירן די רעגירונג.

צו די שלעכטע סימנים געהערט די דערשיינונג וואָס אין דער צייט ווען דוד בן־גוריון האָט אָפּגעגעבן זיין רוגזהדיקע דעקלאַראַציע „צו רעדן צום פאָלק", כדי צו דיסקרעדיטירן און דיסקוואַליפיצירן דעם פּרעמיער־מיניסטער — האָט בן־גוריונס גרופּע באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ געזעלשאַפט־לעכע אַקציע צו ענדערן דעם וואַל־סיסטעם לויט דעם פּלאַן פון דוד בן־גוריון. פאַר דעם צוועק זענען די חסידים פון דוד בן־גוריון גרייט צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט „חרות", וואָס בן־גוריון האָט פופצן יאָר געהאַלטן געשלאָסן די טויערן פון דער מדינה אַפילו פאַר די ביינער

פון איר געשטאָרבענעם מנהיג. דוד בן־גוריון וועט פאַר זיינע צילן פאַר־געסן די „פּורשים", ער וועט פאַרגעסן אין „אַלטאַלענאַ", ער וועט פאַר־געסן אין דעם „הייליקן האַרמאַט" (התותח הקדוש) — דער ציל וועט הייליקן די מיטלען. נאַטירלעך קען מען אין דעם פאַל נישט רעדן וועגן קיין שום אידעאָלאָגיע, נאָר וועגן ריין פּערזענלעכע מאַכט־אַמביציעס — צו דערגרייכן די מאַכט און איינשטעלן אַזאַ רעזשים, אויף וועלכן קיין שום צענטראַל־קאָמיטעט, אָדער כנסת, אָדער פאָלק זאָל נישט האָבן וועלכן עס איז איינפלוס.

ביי דעם ביז איצטיקן רעזשים, באַזירט אויף די טראַדיציעס פון די מוסדות פון פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה — קענען בן־גוריון און זיין גרופּע נישט דערגרייכן זייער „אידעאַל". זיי קענען עס יאָ דער־גרייכן דורך — קרייז־וואַלן, וואָס מיט זייער הילף קען מען ליקווידירן די וואַסאַל־גרופּן, מיט וועמענס הילף בן־גוריון האָט געהערשט פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה און פופצן יאָר אין דער מדינה. זיכער איז דער סיסטעם פון די מוסדות־טראַדיציעס און די קאָאַליציע־קנוניות, אַ קאָסטבאַרער אַנאַכראָניזם, וואָס דאַרף אָפּגעביטן ווערן. אָבער דער אָפּבייט דאַרף זיין, אַז נישט אויף זיין פּלאַץ זאָל קומען אַ דיקטאַטור, נאָר אים זאָל פאַרטרעטן אַן אויסגעשפּראָכן דעמאָקראַטישער סיסטעם. אויב אָבער דער סיסטעם פון קרייז־וואַלן דאַרף דינען פאַר אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים — איז מיר שוין ליבער דער קאָסטבאַרער אַנאַכראָניזם, ביי וועלכן מיר האָבן האָפענונג אויף אַ געזונטערן סיסטעם.

יעדער וואַל־סיסטעם האָט זיינע נעגאַטיווע זייטן. אין דער הינזיכט איז אוממעגלעך צו דערגרייכן אַן אידעאַל. דער פאַרשטאָרבענער פּרעזי־דענט קענעדי איז אויסגעוויילט געוואָרן מיט אַ גאָר קליינער מערהייט, די לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד הערשט איצט מיט אַ גאָר קליינער מערהייט. אָבער אין געאָרדנטע דעמאָקראַטיעס וועט קיינער נישט וואַגן צו באַשרייטן אַפילו אַ קליינע מערהייט. ביי אונדז אָבער חוזקט דוד בן־גוריון און זיין גרופּע פון אַ מערהייט. בן־גוריון גופא האַלט, אַז ער אַליין איז מער ווי די מערהייט, מער ווי אַ צענטראַל־קאָמיטעט און מער ווי די כנסת. זיינע אַנהענגער ווילן זיך נישט אונטערוואַרפן די באַשלוסן פון דער מערהייט

אַפילו פון זייער אייגענער פּאַרטיי. אויב זיי אָנערקענען נישט די מערהייט אין זייער אייגענער פּאַרטיי איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז זיי וועלן אַוודאי נישט אָנערקענען די מערהייט פון פאָלק, וואָס געהערט נישט צו דער הערשנדיקער פּאַרטיי. זייער האָפענונג איז צו דערגרייכן די מאַכט דורך ענדערן דעם וואַל־סיסטעם, אַפילו ווען זיי זענען אין לאַנד־פאַרנעם אַ פאַרשווינדנדיקע מינדערהייט.

ביי אונדזערע דעמאָגראַפישע און סאָציאַלע באַדינגונגען קענען קרייז־וואַלן איבער נאַכט פאַרוואַנדלען אונדזער לאַנד אין אַ דיקטאַטור פון ערגסטן סאָרט. אַנשטאָט זאַטע פּאַרטיי־וואַסאַלן, וואָס ווילן אָפּהיטן דאָס דעראָבערטע, קענען מיר איבערנאַכט באַקומען מאַכט־ און כוח־אויסגע־הונגערטע, וואָס וועלן — לויט די באַקאַנטע מוסטערן — נאָכגיין יעדעס היסטערישע געשריי „פאַרן פאָלק", „פאַרן כבוד פון פאָלק", „פאַר דער גרויסקייט פון פאָלק" מיט די אַלע זיבן זאַכן, מיט וועלכע נישט ווייניק לענדער זענען אין אונדזער יאָרהונדערט געפּרוווט געוואָרן צו זייער אומגליק. קרייז־וואַלן זענען זיכער בעסער ווי וואַלן אין לאַנד־מאַסשטאַב, אָבער נאָר אין לענדער מיט אַ האָמאָגענער געזעלשאַפט, מיט קולטור־טראַדיציעס, מיט שטאַט־באַוווסטזיין און אַן איינגעפונדעוועטן געזעלשאַפט־לעכן שטייגער און אויך ווו פּאַרטייען זענען פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פאַרבאַנדן און נישט קיין אַפּאַראַטן פון עקאָנאָמישע אינטערעסן. אונדזערע פּאַרטייען זענען אָפּגעריסן סיי פון אידעאָלאָגיעס און סיי פונעם פאָלק, בעת פּאַקטיש זענען מיר נאָך נישט קיין פאָלק, ביי די ערשטע שריט צו ווערן אַ פאָלק. דערווייל זענען מיר אַ צונויפזאַמלונג פון עדהס וואָס ס'איז שוין געווען עמעצער וואָס זאָל אין זיי סיסטעמאַטיש פאַרפלאַנצן קאָמפּלעקסן און שנאה כלפּי איינאַנדער. ביי אַט דעם מצב קענען קרייז־וואַלן אַריינ־שפּילן אין די הענט נאָר פון די, וואָס צילן איינצופירן אין לאַנד אַ דיק־טאַטור. און מיר וויסן זייער גוט אויף וועלכע כוחות דיקטאַטורן הייבן זיך אויף און האַלטן זיך. די טענער וואָס מיר הערן איצט: „רעדן צום פאָלק און אים אויפקלערן פאַרוואָס דער הערשנדיקער פּרעמיער־מיניסטער קען נישט זיין קיין פּרעמיער־מיניסטער", „עפּעס אַ צענטראַל־קאָמיטעט", „עפּעס אַ מערהייט" — דאָס זענען טרויעריק־באַרימטע טענער וואָס האָבן

זיך שטענדיק אַנטוויקלט צו דיקטאַטאָרישע אַוואַנטורעס, פאַר וועלכע פעלקער האָבן טייער באַצאָלט. מיר, וואָס האָבן פון אַ סך אַזעלכע אַוואַנ־טורעס געליטן — וועלן זיך נישט לאָזן מיטשלעפּן אין אונדזער אייגענער מדינה, וואָס איז אונדזער לעצטער מקלט זיך אויסצוהיילן פון די ווונדן, וואָס בלוטיקן נאָך.

11.6.1965

דער מלך איז נאַקעט

איר געדענקט דאָך אַוודאי ווי מען פלעגט אַמאָל דערציילן וועגן דעם שטייגער פון מלכים, ווי אַזוי זיי טרינקען טיי אין אַ לעכל פון אַ קאָפּ צוקער און ווי אַזוי, אַז זיי גייען שלאָפן, שטייט אַ ראָטע זעלנער און כדי עס זאָל זיין שטיל שרייען די זעלנער: שאַ! שאַ! שאַ! אָבער די מעשה צו זען דעם מלך נאַקעט איז געווען אַ סך שווערער. מלכים זענען געווען פאַרקנעפּלט און פאַרשנאַלעוועט אויף טויזנט קנעפּ און טויזנט שנאַלן און אַז איר האָט אָנגעהויבן פון אַזאַ איינעם אַראָפּציען די קליידער ביז ער זאָל בלייבן נאַקעט, איז ער ענלעך געווען צו אַ ציבעלע: וואָס מער איר האָט פון אים אַראָפּגעצויגן אַלץ מער ביטער איז געוואָרן און אַלץ מער טרערן האָבן זיך געגאָסן...

אַזוי איז געווען אַמאָל.

ביי דער מאָדערנער טעכניק גייט עס אַ סך שנעלער. עס איז די תקופה פון פליען צו דער לבנה און פון קליידער מיט רייס־פאַרשלוסן. היינט, אַז איר ווילט זען דעם מלך נאַקעט, דאַרפט איר נאָר אַ צי טאָן דעם ריטש־ראַטש און איר דערזעט אים ווי די מאַמע האָט אים באַשאַפן, מיט אַלע חן־גריבעלעך און קנייטשעלעך. און וואָס שייך אונדזער אייגענעם „מלך", האָט ער איבערגעשטיגן יעדע פאַנטאַזיע פון אויסטאָן זיך נאַקעט. איר האָט גאָרנישט געדאַרפט אַ צי טאָן דאָס שנעלעכל פונעם ריטש־ראַטש. ער האָט עס אַליין געטון מיט אַזאַ פלינקייט, אַז איידער איר האָט זיך אַרומגעקוקט — איז ער שוין געווען מער ווי נאַקעט.

וואָס שייך מיר, האָב איך זיך קיין מאָל נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס בנוגע אונדזער מלכס בגדים און וואָס איז אונטער די בגדים. איך האָב געוווסט, אַז אונטער דעם פּורפּור פון דעם „איינציקן אין דור" באַהאַלט זיך אַ קליינשטעטלדיקער תקיף, וואָס דער גורל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל ווערן דער ראש המדברים פון דער מדינה זינט איר אַנט־שטייאונג. אַזעלכע תקיפים ווי דוד בן־גוריון האָבן מיר אין די יידישע שטעטלעך אין פּוילן מיט אַ הונדערט יאָר צוריק געהאַט אין די צענדלי־קער. נאָר יענע קליינשטעטלדיקע תקיפים זענען געווען תקיפים בלויז אין זייערע שטעטלעך, בעת דוד בן־גוריון האָט עס אָפּגעגליקט צו ווערן דער תקיף ביים גאַנצן יידישן פאָלק. און דעריבער האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, ער איז געוואָרן מאַכט־קראַנק.

היינט זאָגן אָפּילו זיינע געוועזענע חסידים: וואָס אַזעלכעס איז געשען מיט אונדז אין די אַלע יאָרן, אַז מיר זענען געווען אַזוי פאַרבלענדט? ווי אַזוי האָבן קלוגע און דערוואַקסענע מענטשן געקענט מיטמאַכן און נישט זען, אַז אויסער תקיפות איז בן־גוריון באַגאַבט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט צו שפּאַלטן, בעת מיר דאַרפן אין אונדזער צייט פּונקט דאָס פאַרקערטע — אחדות? ווי אַזוי האָבן מיר געקענט נישט זען, אַז זיין שפּאַלטערישע פּאָליטיק האָט ער געפירט נאָך אַ סך יאָרן איידער די מדינה איז אַנטשטאַנען און אַז אַן דער פּאָליטיק פון שפּאַלטן וואָלט ער קיין מאָל נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון דעם „איינציקן אין דור", „משיח", „אומפאַרטרעטבאַרער" און ענלעכע איינרעדענישן? זיין אָפּט איבערחזרן די ווערטער „יושר", „אמת", „צדק", „דעמאָקראַטיע" און ענלעכע שיינע ווערטער האָבן דאָך געדאַרפט אַלאַרמירן, אַז ער חזרט דאָס איבער נאָר כדי צו פאַרשטעלן, אַז ער מיינט פּונקט דאָס פאַרקערטע.

עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז ווען אַ מאַן האַלט אין איין פאַרזיכערן זיין ווייב, אַז ער האָט זי ליב, אַז ער קען אַן איר נישט לעבן, אַז זי איז ביי אים די איינציקע — אַזאַ מאַן פאַראַט זיין ווייב. דאַקעגן אַ מאַן, וואָס פאַראַט נישט זיין ווייב, אַפּישירט ער זיך נישט כלפּי איר מיט ליבע־דעקלאַמאַציעס.

דערמאָנט זיך, ווי אָפט דוד בן־גוריון האָט איבערגעחזרט, אַז דאָס

ענדערן די וואַלן צו דער כנסת, פון לאַנד־וואַלן אויף ראַיאָן־וואַלן, וועט שטאַרקן די דעמאָקראַטיע אין דער מדינה. אָבער אַפילו די מיניסטאָרן פון זיינע רעגירונגען האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז נישט מער ווי דעמאַגאָגיע און אַז בן־גוריון מיינט דערמיט פונקט דאָס פאַרקערטע — נישט דעמאָקראַטיע, נאָר אַ מעגלעכקייט צו פאַרפעסטיקן זיין דיקטאַטור דורך אַ געהאָרכזאַמען פאַרלאַמענט. וואָרעם דעמאָקראַטיע איז ווי מענטשלעכקייט: מען דאַרף זי אָנהייבן פון זיך און נישט פון יענעם. ווער עס פאָדערט פון אַנדערע מענטשלעכקייט און וויל פאַר זיך אַ קאָנצעסיע צו זיין אוממענטשלעך — איז אַן אַכזר. ווער עס פירט זיך אויף ווי אַ דיקטאַטאָר און פאָדערט פון אַנדערע דעמאָקראַטיע — איז נאָך אַ גרעסערער אַכזר.

ווען אונדזערע מיניסטאָרן פון אַלע קאָאַליציע־רעגירונגען במשך די פופצן יאָר ווי בן־גוריון איז געווען פרעמיער־מיניסטער, זאָלן אָנהייבן דערציילן ווי אַזוי ער, דוד בן־גוריון, האָט זיך אויפגעפירט כלפּי זיי די אַלע יאָרן — וואָלט איר זיך איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אַפילו נישט געהאַט דאָס מינדסטע געפיל פאַר דעמאָקראַטיע, און ווי אַזוי ער האָט גערודפט עד חרמה יעדן מיניסטער, וואָס האָט געוואַגט צו האָבן זיין אייגענע מיינונג. אָבער די מיניסטאָרן פון די אַלע רעגירונגען וועלן עס נישט דערציילן, ווייל מיט רעכט וואָלט מען זיי געקענט פרעגן: ווי אַזוי האָט איר אַזאַ מצב טאָלערירט? ווי אַזוי האָט איר געקענט דולדן, אַז די יסודות פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג זאָלן געטרעטן ווערן מיט די פיס פון אַ קליינשטעטלדיקן תקיף?

נישט אומזיסט האָט דוד בן־גוריון געהאַט באַשטעלט אייגענע מענטשן זיי זאָלן באַצייטנס שרייבן די געשיכטע פון דער מדינה זינט איר פּראָקלאַמירונג. ער האָט געוואָלט אַז די געשיכטע זאָל געשריבן ווערן אונטער זיין אויפזיכט — אַ מין „קראַטקי קורס", אין וועלכן בלויז איינער איז אומפעלערהאַפט, וויזיאָנעריש און זיגעריש — דוד בן־גוריון — און אַלע אַנדערע זענען געווען נישט מער ווי בעלפערס... אַלע זענען געווען טויגענישטן, נאָר ער אַליין איז געווען דער קליגסטער, דער וויסנדיקסטער, דער געבילדעטסטער.

דאָס איז צום גליק דוד בן־גוריונען נישט געלונגען. איינער פון זיינע

באַליבטסטע און פּאַרטרוילעכסטע היסטאָריקער איז אַוועק אין תפיסה אונטער דער באַשולדיקונג פון שפּיאָנאַזש און דער צווייטער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצומאַכן די פאַבריקאַציע פון אַ „קראַטקי קורס״. אַזוי אַרום וועט נאָך אַמאָל געשריבן ווערן די אָביעקטיווע געשיכטע פון דער מדינה אין דער תקופה פון בן־גוריונס הערשאַפט. און דאַן וועלן מיר זיך איבערצייגן וואָס פאַר אַן אומגליקן די תקיפות פון דוד בן־גוריון האָט געמאַכט פון דעם אָנהייב, נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, ביים אַרויסגעבן דעם באַפעל צוריקצוציען זיך פון אל עריש, זיין תקיפות לגבי דעם פּראָנט ביי לאַטרון, זיין פּאָליטיק לגבי די קאַמפּן אין דער ירושלימער אַלטשטאָט, שפּעטער זיין פּאָליטישער אינפאַנטיליזם לגבי דער סיני־אַקציע און די מאַסע אומזיסטע קרבנות פון אָט די אַלע תקיפותדיקע שטיקלעך, וואָס ער האָט געמאַכט אויף זיין אייגענער אחריות, אָן צו הערן די מיינונג פון אַנדערע מיניסטאָרן, ביי וועלכע ער האָט צומאָל קיין מיינונג נישט געפרעגט. און אויב אַן אַנדערער מיניסטער האָט נישט גע־הערט זיין דיקטאַט — האָט ער זיך מיט אים אָפּגערעכנט ווי אַן אכזר.

ביי דוד בן־גוריון איז אַלע יאָרן דעמאָקראַטיש געווען נאָר די אַלגע־מיינע צושטימונג צו זיינע פּערזענלעכע תקיפותדיקע קאַפּריזן און שגעונות. דעמאָקראַטיש איז געווען, ווען אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. אַנטי־דעמאָקראַטיש איז געווען די מיינונג פון אַן אַנדערן, וואָס ער האָט נישט געדולדעט.

דוד בן־גוריון האָט אַלע מיניסטאָרן אין זיינע רעגירונגען באַטראַכט ווי פּרעמדע און איבעריקע — אַפילו די פון זיין אייגענער פּאַרטיי. פאַר־קערט, מיניסטאָרן פון אַנדערע קאָאַליציע־פּאַרטייען האָט ער געמוזט דולדן, וואָרעם אָן די אַנדערע פּאַרטייען האָט ער דאָך נישט געקענט זיין קיין מושל בכיפה און ער האָט געמוזט זיצן מיט די מיניסטאָרן, וואָס די פּאַרטייען האָבן געשיקט. אָבער מיניסטאָרן פון זיין אייגענער פּאַרטיי האָט ער גערודפט. זיי האָבן זיכער נישט געטאָרט האָבן זייער אייגענע מיינונג. עס איז נאָך נישט דערציילט געוואָרן וויפל פּיין ער האָט פאַרשאַפט דעם ערשטן פינאַנס־מיניסטער אליעזר קאַפּלאַן ז״ל, עס איז נאָך כמעט נישט דערציילט געוואָרן ווי אַכזריותדיק ער איז געווען

לגבי משה שרת ז״ל. עס איז נאָך גאָרנישט דערציילט געוואָרן ווי ער האָט גערודפט דעם אײדעלן מאַן יוסף שפּרינצאַק ז״ל. עס איז בלויז באַקאַנט זיין עד־חרמה־מלחמה קעגן פּנחס לבון, וואָס לגבי אים איז ער נאָך פול מיט נקמה־דורשטן.

אָבער אין די אַלע דערמאָנטע פאַלן איז בן־גוריון נאָך געווען דער תקיפותדיקער זעלבסטהערשער, דער דיקטאַטאָר אין דער מדינה און אין דער פּאַרטיי, און ביידע האָבן פאַר זייער לעבנס־אינטערעס אויסבאַ־האַלטן דעם אמת. צי האָט מען געקענט זיך מודה זיין, אַז בראש פון דער מדינה, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך אַ צוויי טויזנט יאָריקן גלות, שטייט אַן אכזר, אַ קליינשטעטלדיקער תקיף, וואָס פירט זיך אויף ווי די מדינה וואָלט געווען זיין פּריוואַט־אייגנטום? נישט די מדינה און נישט די פּאַרטיי האָבן דאָס געקענט טאָן. דאָך האָט געמוזט קומען די צייט אַ סוף צו מאַכן צו דעם ווילקיר. די צייט איז געקומען דאַן, ווען דוד בן־גוריון האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז זיין „אמת" און זיין „צדק" איז ביי אים טייערער פון דער מדינה! די אַל איז ענדלעך אַרויס פון דעם זאַק. און דאַן האָבן אַלע דערזען דאָס, וואָס בלויז יחידים אין דער מדינה האָבן עס געוווּסט די אַלע יאָרן: אַז דוד בן־גוריון איז אַן אכזר, וואָס פאַר זיינע תקיפותדיקע מאַכט־תאוות איז ער גרייט צו צעשטערן סיי די מדינה און סיי די פּאַרטיי.

30.7.1965

ווען מען דאַרף דעם גנב...

דאָס סקריטשעווער רבל׳ ר׳ יוקעלע פלעגט זיך נוהג זיין יעדן דאָנער־שטיק באַגינען, איידער ס׳האָט זיך געשטעלט דער מאַרק, גיין אין דער מקווה, צוריקוועגס פון דער מקווה האָט ער ביי אַ פויער געקויפט אַ הינדל אויף שבת, און אַהיימגיין זיך זעצן פּסקענען שאלות. וואָרום דאָנערשטיק איז געווען אַ טאָג פון שאלות. יידן האָבן געשאָכטן עופות אויף שבת און מיט עופות איז אַזוי: האָט איינע אַ נאָדל אין פּופּיק איז זי טריף; האָט זי נישט קיין נאָדל אין פּופּיק איז זי כשר. איז אַ פּיסל צעבראָכן און

פאַרוואָקסן איז דאָס הינדל טירף; זענען די פיסלעך מיט אַלעמען איז עס כשר. האָט אַ הון מערידן איז זי טריף; האָט זי נישט קיין מערידן איז זי כשר.

מאַכט זיך איין מאָל אַ מעשה, ר׳ יוקעלע זיצט און פּסקנט, איין יידע־נע גייט און די צווייטע קומט, אַזוי ווי אַלע הינער וואָלטן זיך אין דעם דאָנערשטיק ערב שבת אָפּגעשמועסט צו זיין סאָלידאַר און האָבן נאָדלען אין די פּופּקעס — טריף, טריף, טריף!

איז דאָס האַרץ פונעם שמש פאַרקלעמט געוואָרן; דער רב מאַכט טריף אַלע עופות, אַז די סקריטשעווער יידן וועלן חלילה נישט האָבן פון וואָס אויף שבת צו מאַכן אַ יאַיכל. האָט דער שמש געמאַכט צום רב:

„רב־לעבן, היתבן, קהל וועט בלייבן אָן אַ שטיקל פליש אויף שבת״.

האָט ר׳ יוקעלע געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין טיש און אויס־געשריגן:

„פושע עוכר ישראל, צוליב אַ הינערישן פּופּיק ווילסטו איך זאָל מכשיל זיין אַ גאַנצע שטאָט מיט טריפות?!״

איז געשען, אַז מיט אַ שעה שפּעטער פאַלט אַריין אין חדר דעם רבס וויב מיט אַ דרויב אין די הענט און מיט אַ גרויס געשריי:

„ווינד און וויי איז מיר, דאָס הינדל וואָס דו האָסט מיר געבראַכט פון מאַרק, האָט לא עלינו אַ נאָדל אין פּופּיק!״

האָט ר׳ יוקעלע גענומען דעם פּופּיק אין די הענט אַריין, געדרייט אים אַהער און אַהין, אַריינגעקוקט אין אַ ספר און אַ מאַך געטאָן מיט די פינגער: „הע, אויך מיר אַ פּופּיק, אויך מיר אַ נאָדל. מאַך עס כשר און לאָמיר האָבן אַן עונג שבת״.

האָט דער שמש זיך איינגעבויגן הכנעהדיק און געפרעגט:

„רב־לעבן, צי איז נישט אַ פּופּיק — אַ פּופּיק און אַ נאָדל — אַ נאָדל? איר האָט דאָך פאַר דעם געזאָגט, אַז ס׳איז טריף בתכלית חזיר״.

האָט ר׳ יוקעלע געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין טיש און אויס־געשריגן: „חצוף, דרך־ארץ פאַרן רבס פּופּיק!״

ווער עס האָט אַ גוטן זכרון דער געדענקט ווי אַזוי דער גדול הדור האָט מיט אַ הייליקער צערייצטקייט גערודפט רעוויזיאָניסטן, אצ״ל וכדומה

אַזעלכע „פּורשים", „פּאַשיסטן" און „באַנדיטן", ווי ער האָט זיי באַצייכנט. זיין שנאה צו אָט די לייט האָט זיך געגרענעצט מיט היפּערטראָפּירטער סעקסועלער תאווה, אַזעלכע פאַלן ווי דער אַזוי גערופענער „סעזאָן" און דאָס צעשיסן די געווער־שיף „אַלטאַלענאַ" איז געווען דער אָרגאַזם פון דער שנאה.

יהודה ארזי, למשל, אַ מאַן מיט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן אין אייג־שאַפן געווער פאַר דער „הגנה", איז נישט צוגעלאָזט געוואָרן דורך דעם גדול הדור צו קיין שום פּאָזיציע אין מדינה־אַפּאַראַט נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט נישט פאַרטיידיקט דוד בן־גוריונס שטעלונג וועגן דעם מאָרד איבער חיים אַרלאָזאָראָוו. דערקעגן צוויי לייט, וואָס האָבן פאַר־טיידיקט בן־גוריונס שטעלונג ביז צום סוף, זענען געווען מיניסטאָרן אַזוי לאַנג ווי דער גדול הדור איז געווען פּרעמיער־מיניסטער און דער כל־ולך אין דער מדינה. בן־גוריון האָט באַשטראָפט דעם וואָס האָט נישט מיטגעהאַסט די רעוויזיאָניסטן, „פּאַשיסטן", „פּורשים" און „באַנדיטן" און באַלוינט די מיטהאַסער. זיין שנאה צו אָט די אויסגערעכנטע איז געווען אַזאַ ליידנשאַפטלעכע, אַז אַפילו דעמאָלט ווען ראָמעל מיט זיין פּאַנצער־קאָרפּוס זענען געשטאַנען פאַר די טויערן פון ארץ־ישראל, האָט דוד בן־גוריון אין ניו־יאָרק צעבראָכן דעם קאָמיטעט פאַר אַ יידישער אַרמיי צו פאַרטיידיקן ארץ־ישראל נאָך דערפאַר, ווייל די שעפער פון דעם קאָמיטעט זענען געווען רעוויזיאָניסטן. די שנאה צו די רעוויזיאָניסטן און אַפילו צו געוועזענע רעוויזיאָניסטן האָט ביי אים איבערגעוווּיגן דעם ציטער פון סכנה פאַרן ישוב דעמאָלט אין ארץ־ישראל.

און ערשט זיין מלחמת חרמה קעגן דעם טויטן וולאַדימיר זשאַבאָ־טינסקי! אויף דעם דאַרף מען שוין נישט האָבן קיין צו גוטן זכרון, וואָ־רעם די דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט נישט לאַנגע יאָרן צוריק. דוד בן־גוריון האָט זיך מיט זיין גאַנצן משיחישן פּרעסטיזש געוואָרפן אויפן טויטן זשאַבאָטינסקין און נישט דערלויבט ברענגען זיין געביין קיין ישראל אויף אַ שטאַטלעכן אופן. אומצאָליקע מאָל האָט דער גדול הדור דערקלערט, אַפילו פון דער כנסת־טריבונע, אַז ער וועט נישט זיצן אין אַ קאָאַליציע מיט מנחם בעגין, דעם תלמיד פון זשאַבאָטינסקין.

הכלל, יעדער וואָס האָט אָנגעהערט, אָדער געהאַט ווען עס איז אַ שייכות צו די רעוויזיאָניסטן, צו די „פּורשים", „פּאַשיסטן" און „באַנדיטן" האָט נישט געטאָרט שטיין אין די ד' אמות פון דעם גדול הדור, וואָרעם די שנאה האָט געהאַקט, ווי דער סמבטיון. אַלץ איז געווען טריף, טריף, טריף.

אין די אַלע יאָרן פון דעם זאָאָלאָגישן האַס, האָט דוד־בן־גוריון נישט אויפגעהערט צו דראָען מיט דעם... פאָלק. ער דאַרף זיך נאָר ווענדן צום פאָלק און דאָס פאָלק וועט זיך אָפּווענדן פון אַלע, אַלע און זיך ווענדן בלויז צו אים אַליין — דעם גואל, דעם משיח. און ווי נאָר דאָס פאָלק וועט אים געבן די גאַנצע מאַכט, וועלן שוין די געוועזענע „פּורשים", „פּאַשיסטן" און „באַנדיטן" נישט אויפהייבן זייערע קעפּ און זיין אין דער מדינה ווי אין אַ חרם.

האָט דער גורל אויסרעזשיסירט אַ וויץ: ביי די לעצטע כנסת־וואַלן האָט דער בייזער גדול הדור זיך געשטעלט פאַרן פאָלק און... דאָס פאָלק האָט אים געלאָזט שטיין... די לעגענדע האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז; דאָס פאָלק איז מיד פון זיינע מלחמות, פון זיינע שנאהס, פון זיין משי־חישער צעיאַכמערטקייט און ליקווידאַציעס.

אָבער ער גופא האָט די מלחמות נישט אויפגעגעבן. אויב דאָס פאָלק האָט אים געלאָזט שטיין ביי דעם איצטיקן וואַל־סיסטעם, נעמט ער עס נישט אָן ווי אַ פּסק־דין, נאָר מיט זיין עקשנות פאַרשטייט ער עס, אַז דאָס פאָלק וויל אים האָבן דורך קרייז־וואַלן. זאָלן נאָר זיין קרייז־וואַלן און דאָס פאָלק וועט אים אַרויפזעצן אויפן טראָן, און דעמאָלט... דעמאָלט וועט ער מאַכן דעם ריכטיקן חשבון; ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט די אַלע, וואָס האָבן געוואַגט נעמען די מדינה־מאַכט אין זייערע הענט אָן אים, אָן זיין צעזעצערישקייט. קרייז־וואַלן ביי אונדז האָבן אָבער אַ צרה, וואָס מען דאַרף האָבן גאַנצע הונדערט צוואַנציק אייזערנע קאַנדידאַטן. דאַרף מען שאַפן אַן אייזערנע פּאַרטיי, וואָרעם די פּאַרטיי, וואָס ער האָט געשאַפן, די פּאַרטיי פון „יונגע", די פּאַרטיי פון „מלוכהשקייט", די פּאַ־ טיי פון „ענדערונג" — האָט גאָרנישט געענדערט און דער אייזל אַנט־לויפט פון אונטער משיחס געזעס. אויסער דעם איז אַ פּאַרטיי ביי אונדז

נישט קיין נאָווינע, מיר האָבן זיי אַ שפּאָר ביסל צו פּיל. אַ דריטל וואָלט אויך געווען צו פּיל.

איז דער גדול הדור געקומען מיט אַ שפּאָגל נייער אידיי: שאַפן אַ פּאַרטיי איבער אַלע פּאַרטייען, די אמתע מלוכהשע פּאַרטיי, וואָס טאָמער וועט זי זיך אַרויסלאָזן צו וואַלן, זאָל זי צוריקקומען ווי אין אַלע לענדער מיט איין מלוכהשער פּאַרטיי — מיט 99.9 פּראָצענט שטימען פּאַר.

און דאָ קומען מיר צו צום אויסלאָז פון דעם וויץ, וואָס דער גורל האָט אַזוי קונציק אויסרעזשיסירט: אַזוי ווי אין דער פּאַרטיי פון די געוועזענע „פּורשים", „פּאַשיסטן" „באַנדיטן" וכדומה קומט פּאַר אַ קריזיס — אַ קריזיס צוליבן איבזיקן זיין אין אַן איינמאַריניירטער אָפּאָזיציע — און אַ טייל פון דעם עולם איז אויסגעבענקט נאָך מאַכט, כאָטש צו פּאַרזוכן דעם טעם פון אַ שטיקל מיניסטער, איז דוד בן־גוריון אַרויפגעשפּרונגען אויף דער מציאה צו כאַפּן שטיקלעך פון די, וואָס ער האָט געהאַסט שנאת מות און מיט זיי, מיט דעם איבערבלייב פון די קרבנות פונעם „סעזאָן", מיט דעם איבערבלייב פון די קרבנות פון זיין הייליקן קאַנאָן, מיט וועלכן ער האָט געשאָסן צו „אַלטאַלענאַ", מיט דער הילף פון די, וועלכע ער האָט באַשולדיקט, אַז זיי האָבן אַ האַנט אין דעם מאָרד איבער חיים אַרלאָזאָראָוו — מיט זיי וויל ער אויפשטעלן אַ פּאַרטיי איבער אַלע פּאַרטייען; מיט ערי זשאַבאָטינסקי, דעם זון פון דעם דיקטער־וויזיאָנער, וואָס ער האָט זיין געביין נישט געוואָלט לאָזן איבער דער שוועל פון דער מדינה, מיט הלל קוק, וואָס ער האָט אים געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך און זייערס גלייכן, וויל דוד בן־גוריון שאַפן די איבער־איבער־פּאַרטיי, די „מלוכהשע פּאַרטיי", וואָס איר ציל דאַרף זיין צו קעמפן קעגן... לוי אשכול און גאָלדע מאיר.

ווי אַזוי — וועט איר פרעגן — איז מעגלעך אַזאַ ווענדונג? ווי אַזוי קען בן־גוריון זיך זעצן צום טיש מיט אַזעלכע, וואָס ער האָט געהאַסט שנאת מות און געזען אין זיי די גרעסטע געפאַר פאַר דעם „עם סגולה"? איז דער ענטפער: דוד בן־גוריון האָט אַ נייע שנאה, וואָס ער האָפט זי צו באַפרידיקן מיט דער אַלטער שנאה. איבעריקנס, זינט דוד בן־גוריון האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ משיח, איז ער דער איינציקער פּוסק אין באַ־

שטימען ווערטן: אמת איז נאָר דער, וואָס איז זיין פערזענלעכער אמת; אַ פּאַטריאָט איז נאָר דער, וועמען ער גיט סמיכה אויף פּאַטריאָטיזם, אַ פּרעמיער איז פעיק צו זיין נאָר דער, וואָס ער גיט אים זיין אָ׳קעי; אַ וואַל־סיסטעם פאַר דער מדינה איז גוט נאָר דער, וואָס ער וויל אים האָבן; אַפילו אַ רעוואַנזש־אַקט אויף דער גרענעץ איז נישט ווערט קיין צעבראָכענעם דרייער, אויב ער האָט אים נישט געכשרט; און אַ שונא פון דער מדינה איז דער, וואָס לאָזט זיך פון אים נישט ליקווידירן; און די מדינה איז מדינה, אויב זי איז זיינע, און אויב „חלילה" זי איז אשכולס מדינה — איז די מדינה נישט זיינע...

די מעשה מיטן סקריטשעווער רבל ר׳ יוקעלע איז אַ מעשה פון אַ גלותדיק שטעטל, וואָס דוד בן־גוריון האַסט מיט זעלבן האַס, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט און וויל אומברענגען די אַלע, וואָס עס דאַכט זיך אים, אַז זיי שטייען אים אין וועג. דאָס רבל מיט זיין פּופּיק ווערט אים ליב, ווי עס ווערט אים ליב, בן־גוריונען, אַ געוועזענער „פאַשיסט" און „באַנדיט" ווען ער דאַרף זיי האָבן צו מאַכן אַ שבת...

3.2.1967

פרשה־עטיודן...

דאָס בן־יחידל

אין אונדזער טייער יידיש לשון איז וועגן עקשנות פאַראַן אַ פאַרמעגן מיט ווערטלעך, פאַרגלייכונגען און שפּריכווערטער. איר האָט אַוודאי געהערט ווי יידן־עקשנים זאָגן: „ער וועט זיך ביי מיר שטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף״; „ער זאָל זיך אַפילו לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט״; „אַפילו ווען דער נשיא פון בבל זאָל קומען״; „ער זאָל מיר אַפילו אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט גאָלד״; „ווען איך זאָל אַפילו זען ווי עס וואַרפט אים דאָס זיבעטע קדחת״. דעריבער זאָגן יידן וועגן עקשנים, אַז: „אַן עקשן איז די ערגסטע קרענק״; „פאַר אַן עקשן איז קיין רפואה נישטאָ״; „פון עקשנות־וועגן גייט מען אַמאָל פון גן־עדן אין גיהנום אַריין״; „אַז אַן עקשן זאָגט נאַכט איז שוין קיין ויהי אור נישט געוועזן״; „אַן עקשן איז אַ בלינדער, וואָס לאָזט זיך אַפילו נישט פירן״ און נאָך און נאָך ענלעכע ווערטלעך, וואָס ווייזן ווי דאָס פאָלק פאַראורטיילט עקשנות, ווי אַן אומהיילבאַרע אייגנשאַפט.

האָט אונדז גאָט „געהאָלפן״, אַז מיר, יידן חכמים ונבונים, אויסגעברענטע אין אַלע פייערן פון נסיונות, זאָלן במשך פון יאָרן זיך לאָזן פירן אין באָד אַריין פון עקשנות און טאָפּטשען (און זינקען) אין אַ בלאָטע, וואָס עקשנות האָט פאַרקאָכט.

עס ווערט דערציילט אַ מעשה וועגן אַ בן־יחידל, וואָס פאַר לאָזן זיך איינגעבן אַ רפואה, האָט ער געשטעלט דער מאַמען אַ באַדינג, זי זאָל אים געבן אָדער חלה מיט שמאַלץ אָדער אַ ברודערל. מילא, האָט די מאַמע

געהאַט אַ ברירה. וואָס אָבער וואָלט זי געטון, ווען דאָס בן־יחידל זאָל נישט איבערלאָזן קיין ברירה, נאָך זיך איינעקשנען, אַז ער וויל דווקא אַ ברודערל?

האָט ביי אונדז געטראָפן אַזאַ מעשה מיט אַ בן־יחידל: דוד בן־גוריון האָט געוואָלט דאָס פעלעכל פון פנחס לבון! עס מעג ברענען און בראָטן און זיין פעלעכל מוז איך האָבן! איי, פאַר דעם דאָזיקן פעלעכל קען געניזוקט ווערן אַ גאַנצע באַוועגונג און די מדינה קען, חלילה, גיין כאַדאָראָם? גייט עס מיך אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

אין יענעם „שוואַרצן שבת", ווען פנחס לבון איז אָפּגעשונדן געוואָרן און דעם בן־יחידל, דעם עקשן, איז צוגעוואָרפן געוואָרן זיין פעלעכל, האָט דער היינטיקער פרעמיער־מיניסטער ה' לוי אשכול געזאָגט צו איינעם פון פנחס לבונס הייסע חסידים: „דו שוויג, דו האָסט שוין גענוג אָפּגעקאָסט דער מדינה". היינט, יאָרן נאָכן אַראָפּזעצן לבונען, קען מען פאַראַפראַזירן אָט די ווענדונג: „לאָמיר שרייען, וואָרעם עס זענען גאָרנישט פאַראַן אַזעלכע אוצרות וואָס וועט נאָך דער מדינה קאָסטן די עקשנות פון דעם בן־יחידל אין דער נישט־פאַרענדיקטער „סימפאָניע" פנחס לבון!

הגם דער געוועזענער פרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון האָט פאַרגעוואָרפן דעם היינטיקן פרעמיער־מיניסטער לוי אשכול, אַז דעם בריוו צו דער לבון־גרופּע אויף איר קאָנפערענץ אין חולדה האָט ער נישט געהאַט קיין רעכט צו שיקן ווי אַ יחיד, ווייל פנחס לבון איז פאַרטריבן געוואָרן דורך אַ פאַרטיי־קערפּערשאַפט, ווייסן מיר דאָך אַלע ווי אַזוי די זאַך איז געמאַכט געוואָרן. דאָס איז דאָך געווען אַ פאַרמזרייבונג צוליב דעם דיקטאַט פון אַ יחיד, פון בן־גוריונען: „אָדער איך, אָדער פנחס לבון". און לייטן האָבן געמיינט, אַז די וועלט גייט אונטער! אַז אָן דער פרעמיערשאַפט פון דוד בן־גוריון קען גאָר די מדינה נישט עקזיסטירן, איז דער ריינער אמת, אַז לבון איז געבראַכט געוואָרן אויף דער עקדה אַלס קרבן פאַר דער אומפאַרבייטלעכקייט פון דוד בן־גוריון. היינט געהער די דאָזיקע לעגענדע צו דער פאַרגאַנגענהייט. הלוואי וואָלט אַזאַ מאַן ווי לוי אשכול זיך געשטעלט בראש פון דער מדינה מיט צען יאָר צוריק, וואָלטן מיר קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו דעם אומגליקלעכן מצב, אין וועלכן מיר געפינען זיך היינט

סיי געזעלשאַפטלעך און סיי פּאָליטיש און אויך די „לעגענדע בן־גוריון" וואָלט געבליבן גאַנץ און נישט געליטן אַזעלכע צעשטערונגען.

אויב מיר געפינען זיך אין סאַמע געווירבל פון ווילדע און צעשטערע־רישע שטרייקן, וואָס קיינער געפינט פאַר זיי קיין אויסוועג, האָבן מיר עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די געזעלשאַפטלעכע קאָמפּליקאַציעס נאָכן אכזריותדיקן און עפנטלעכן אָפּשינדן פנחס לבון. ווארעם אַ מאַסע האָט אַ גוואַלדיקן און שרעקלעכן אינסטינקט. און די מאַסע האָט דערפילט, אַז צוליבן קאַפּריזאַרטיקן אָפּשינדן דאָס פעלעכל פון פנחס לבון, איז, אמת, געשטילט געוואָרן דער צאָרן פון אַ יחיד, אָבער די רעגירנדיקע פּאַרטיי איז פון דער מעשה צעטרייסלט געוואָרן און זי איז געבליבן דערשיטערט ביזן היינטיקן טאָג. דעריבער קען מען אַזאַ צעטרייסלטע רעגירנדיקע פּאַרטיי צושטופּן צו דער וואַנט און איר שטעלן די ווילדסטע באַדינגונגען, וואָרום מאָרגן וועט זי דאַרפן גיין צו די וואַלן צו דער הסתדרות און בלויז צוליבן פאַרלירן אַ פּאָר פּראָצענט קען זי פאַרלירן איר מאַכט אין דער הסתדרות און אויך אין דער רעגירונג. דעריבער: גיב! צאָל! 30 פּראָצענט העכערע שכירות, 40 פּראָצענט, און פאַראַן אפילו אַזעלכע, וואָס פאָדערן אַ העכערונג פון 50 און 60 פּראָצענט! און נישט די פירער פון דער הסתד־רות און נישט די רעגירונג קענען זיך אַן עצה געבן, ווייל איבער זיי הענגט די דאַמאָקלעס־שווערד פון וואַלן. קיינער פון די, וואָס פאָדערן איבערטריבענע העכערונגען טראַכטן אַפילו נישט, צי אונדזער קינסטלעך־אויפגעשרויפטע ווירטשאַפט קען זיך דערלויבן אויף אַזעלכע העכערונ־גען, ווייל אינעם כאַאָס קען קיינער נישט טראַכטן לאָגיש און קיינער וויל נישט טראַכטן לאָגיש, ווייל די רעגירנדיקע פּאַרטיי — דורך איר אָנפּי־רערשאַפט אין דער הסתדרות און אין דער רעגירונג — זענען נישט אימ־שטאַנד אָנצונעמען די מיטלען, וואָס זי וואָלט געקענט אָננעמען, ווען נישט איר דערשיטערונג און ווען נישט דער אומגליקלעכער געשאַפענער מצב.

לוי אשכול האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען און קיינער ווייסט נישט אַזוי גוט, ווי ער, דעם נעשה ונשמע־דיקטאַט פון „איך אָדער פנחס לבון", וואָס האָט דערפירט צו דעם אומגליק. און דעריבער האָט ער איצט געהאַט דעם מענערישן מוט צו מאַכן דעם ערשטן שריט צוריקצוצעמענטירן די גאַנצ־

קייט פון דער רעגירנדיקער פּאַרטיי. און גערעכט איז ער געווען מיט זיין אַרגומענט אינעם בריוו, אַז די צייט פון אַקטועלקייט פון פּאַרשטויסן פּנחס לבון איז אַריבער. הגם דוד בן־גוריון איז נישט געווען פּרעמיער־מיניסטער אין 1954, ווען פּנחס לבון איז געווען זיכערהייטס־מיניסטער און דעמאָלט איז געשען דער אומגליקלעכער „עסק ביש", האָט ער פּערזענלעך און מיט זיין גאַנצן ריזיקן פּרעסטיזש אַנגאַזשירט זיך אין דער „פּרשה" ביזן שטעלן אולטימאַטומס, און ער האָט אַפילו נישט אָנערקענט די באַשלוסן פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פון זיבן און געגאַנגען קעגן זיין אייגענער רעגירונג, ווייל די אויספירן זענען נישט געווען אַזעלכע, ווי ער האָט זיך געוווּנטשן. אָבער איצט איז בן־גוריון אין דער זעלבער בחינה ווי ער איז געווען אין 1954: פּרעמיער־מיניסטער איז איצט לוי אשכול און לויט די טראַדיציעס פון דעמאָקראַטיע איז ער אויך דער מנהיג פון דער רעגירנדיקער פּאַרטיי — האָט ער געהאַנדלט ווי אַ שטאַטמאַן דאַרף האַנדלען. אָבער דוד בן־גוריון, וואָס איז נישט געווען פּרעמיער אין דער צייט פון דעם „עסק ביש" און ער איז מער נישט פּרעמיער היינט, האָט זיך ווידער געוואָרפן אין קאַמף, פּונקט ווי די מדינה וואָלט נישט געהאַט קיין אַנדערע זאָרגן ווי נאָר צו פאַרנעמען זיך מיט אַלטע פּרשהס, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדן טעם און יעדן זין.

דאָס אַרויסטראָגן אין דער עפנטלעכקייט די פּערזענלעכע בריוו פון דוד בן־גוריון צום פּרעמיער־מיניסטער לוי אשכול און פאַרקערט, מאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק פון בכיוונדיקן ווערלן אַרונטערייסן דעם פּרעסטיזש פון אשכולן, אין אַ צייט, ווען אים שטייט פאָר אַ גורלדיקע שליחות אין ווייסן הויז אין וואַשינגטאָן און דאָס לאַנד געפינט זיך אין כאַאָס פון קאַטאַסטראָפאַלע שטרייקן. ווידער שטעלט זיך דער יחיד העכער פון די אינטערעסן פון דער מדינה און איר כלל בירגער; ווידער דער קאַפּריז פון „איך בין דער איינציקער גערעכטער אין דער מדינה".

צום אומגליק זענען פאַראַן ביי אונדז גרופּן וואָס האַלטן, אַז וואָס ערגער פאַר דער מדינה, וואָס ערגער פאַרן כלל, אַלץ אַ בעסערע קאָנ־יונקטור איז פאַר זיי פּערזענלעך, פאַר זייערע קאַריערעס, וואָס קענען באַדראָט ווערן, אויב דער פּרעמיער־מיניסטער לוי אשכול זאָל זיך איינ־

געבן איינצושטעלן אָרדענונג און דערפירן צו אַן איינהייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד. אַט די גרופּן אינטערעסאַנטן טראָגן די אחריות פאַר די העצערייען, פאַר דעם וואָשן שמוציקע וועש אין דער עפנטלעכקייט, כדי צוריקדרייען, אַז אַלץ זאָל בלייבן ביים אַלטן. פאַר די דאָזיקע צילן זייערע אַרט זיי נישט אויב עס ליידט די מדינה, אויב די מדינה איז אין געווירבל פון שטרייקן־אַנאַרכיע, אויב די הסתדרות פאַרלירט מיט יעדן טאָג מער איר פּרעסטיזש, אויב די רעגירנדיקע פּאַרטיי איז דערשיטערט. אין דעם כאַאָס זעען זיי די איינציקע מעגלעכקייט צו פאַרפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס, בעת אין אַ רואיקער און סטאַבילער צייט איז פאַר זיי מער נישטאָ קיין פּלאַץ.

22.5.1964

די פּסיכיאַטרישע פראַגע

מיר האָבן געקענט אונדזער פאָלק ווי אַ פאָלק מיט וויץ און הומאָר. מיט הלצהלעך און שאַרפזיניקייט, און עס וואָלט אונדז קיין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מיר זענען גאָר פּעאיק צו זיין אַזעלכע נודניקעס, ווי מיר זענען עס געוואָרן אין דער פּרשה. נודניקעס, זאָגט איר? פון נודניקעס קען מען כאָטש אַנטלויפן, נודניקעס קען מען אויסמיידן, אָבער פון דער פּרשה־מאַנקאָליע איז גאָר נישטאָ קיין אַנטרינונג. זי קריכט אַריין דורך טיר און פענצטער, זי פאַרפאָלגט אייך דורך די צייטונגען, דורך פּאַרטיי־קאָנפערענצן, דורך דער כנסת, דורכן ראַדיאָ, אין שמועסן, ביים מאַכן אַ קערטל — איר לייגט זיך מיט דער פּרשה און איר הייבט זיך אויף מיט דער פּרשה. און אַז איר ווילט זיך אָפּשליסן פון דעם משוגעת, נישט הערן דעם ראַדיאָ, נישט לייענען קיין צייטונגען, נישט הערן וואָס עס זאָגט דב יוסף און וואָס מען רעדט וועגן דעם אין דער כנסת, אָדער ביים מאַכן אַ קערטל — ברענגט אייך דער פּאָסטטרעגער אַהיים אַ בריוו פון אייערע פריינט אין אויסלאַנד. און זיי, דאָרט, זענען שוין דווקא יאָ ביי די קלאָרע געדאַנקען און זיי פרעגן אייך אָן, צי עס וואָלט נישט געלוינט צו מאַכן

פאַר אונדז אַ ספּעציעלן מגבית אויף בראָם. וואָרעם ווערליק די באַריכטן, וואָס קומען אָן פון אונדז צו זיי, זענען זיי, אַז מיר זענען, לא עלינו ולא עליכם, גאַנץ נישקשהדיק „געכאַפּט אויפן קאָסטן" און מיר דאַרפן האָבן אַ רפואה שלימה.

פון קדמונים אָן זענען מיר געווינט געווען, אַז יעדע ייִדישע שטאָט זאָל האָבן אַ משוגענעם, אַ שטאָט־משוגענעם, אָבער אַז אַ גאַנצע ייִדישע מדינה זאָל אַראָפּ פון זינען — דאָס זעען מיר צום ערשטן מאָל.

און איך זאָג אייך: די פּרשה־מאַנקאַליע דאַרף נישט האָבן קיין יורי־דישע קאָמיסיעס, קיין אָפּשטימונגען אין דער כנסת, קיין פּאַרטיי־קאָנ־פערענצן און קיין חוות דעת פון דב יוספן. נאָר זי דאַרף האָבן דעם ריכ־טיקן שטאָב פּסיכיאַטערס, וואָס זאָלן קודם כל אויספאָרשן ווי אַזוי איז עס געשען, אַז ייִדן חכמים ונבונים זאָלן זיך לאָזן פירן אין באַד אַריין דורך איין מענטשן און אַריינפאַלן אין אַ מאַסן־פּסיכאָזע.

די פּרשה איז איצט נישט מער קיין פּאָליטישע פראַגע און אַוודאי נישט קיין יורידישע פראַגע, נאָר זי איז אַ ריין פּסיכיאַטרישע פראַגע פון מאַסן־כאַראַקטער. אַזוי ווי עס איז מעגלעך אַ מאַסן־פאַרכאַפּעניש מיט אַ פאַלשן משיח, מיט פאַרסמטע ברונעמער, מיט פליענדיקע טעלער, אַזוי זענען מיר נעבעך פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ פּרשה און עס איז גאָטס רחמנות אויף אונדז. מיר האָבן די מדינה פאַרוואַנדלט אין אַ דולהויז און מיר זענען די פּאַציענטן, נאָר קיין רופא זעט מען נישט פאַר די אויגן.

איך וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז וואָס שייך מיר, האָב איך דעם גאַנצן ענין ביז מיט צוויי חדשים צוריק נישט גענומען ערנסט. אַלץ איז פאַר מיר געווען קלאָר: אויב נאָך צוויי קאָמיסיעס מיט ריכטער, האָט די פּרשה געפאָרשט אַ מיניסטאָרן־קאָמיסיע און די כנסת האָט אָפּגעשטימט, געהערט די מעשה פון דער געשיכטע צו דער היסטאָריע. אלא עס געפינט זיך עמעצער, וואָס גייט אַרום און שרייט, אַז ער איז דער משיח פון אמת און צדק, וואָס שטייען ביי אים העכער פון דער עקזיסטענץ פון דער מדינה — זאָל ער.

אונדזער פּרשה־מאַנקאַליע וואָלט ענדלעך זיך אויסגעלאָזט, ווען זי זאָל נישט האָבן אָנגענומען קיין פּסיכאָטישן כאַראַקטער. גלייך ווי די

„ווייסע", אָדער „געלע", צי „גרינע" ביכער זענען איבערגעגעבן געוואָרן אונדזער הייסגעליבטן יוסטיץ־מיניסטער, האָט געדאַרפט קומען אַ קאַטע־גאָרישער ענטפער, ווי עס איז לויטן געזעץ, אַז אַ באַשלוס פון אַ מיניס־טאָרן־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן פון דער כנסת, איז אומאָפּ־פרעגבאַר אַפילו דורכן העכסטן געריכט און נאָר די סוווערענע כנסת קען ענדערן אירע באַשלוסן. און אַזוי ווי דער מחבר פון די חיבורים איז נישט געווען מיניסטער אין 1954, ווען דער „עסק ביש" איז אָפּגעטון געוואָרן, און ער איז אויך נישט מיניסטער אין 1964, האָט ער זיך נישט וואָס צו מישן. און אויב עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען פאַרמישט געווען און זיי פילן זיך צוליב עפּעס געטראָפן, האָבן זיי אַ ברירה זיך אַליין צו ווענדן צום געהעריקן געריכט אין דער מדינה און דאָרט זוכן צדק און אמת. און דער „ייד פון די ביכער" וואָלט ענדלעך אָפּגעלאָזט די קאָזע.

אַזוי איז צום אומגליק נישט געשען, ווייל דער ענין האָט אָנגענומען אַ מאַסן־פסיכאָזע. האָט דער יוסטיץ־מיניסטער אויסגעדרייט מיטן גראָבן פינגער, אַז עס איז יאָ דאָ אַ חשש, אַ יורידיש דריידל, באשר גרויסע אַדוואָ־קאַטן האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג. קען מען דאָך סתם נישט נעמען און מבטל מאַכן אַ מיינונג פון גרויסע אַדוואָקאַטן, אַז חנוכה קען נישט אויס־פאַלן אין תמוז וכדומה. ווען ריכטער זאָלן זיך פאַרלאָזן בלויז אויף דער מיינונג פון גרויסע אַדוואָקאַטןביים פאַרטיידיקן זייערע קליענטן, וואָלט די גערעכטיקייט געהאַט אַ פּנים פון חוזק. און אויב עס האָט נאָך געפעלט אַן עלעמענט פאַר דער מאַסן־פסיכאָזע, מיר זאָלן אויסזען אין די אויגן פון דער וועלט ווי די לעצטע משוגעים, איז דער עלעמענט צוגעגעבן גע־וואָרן און דער „ייד פון די ביכער" זעט זיך ווי אַן עמיל זאָלאַ, וואָס קעמפט פאַר אַ דרייפוס, וואָס איז גאָרנישט בנמצא. און מיר אַלע... אוי, ווען מיר זאָלן אויף איין מינוט קענען אַריינקוקן אין שפּיגל און זען ווי מיר האָבן זיך אויסגעשמירט די פּנימער, וואָלטן מיר זיך פאַרשעמט פאַרן שפּיגל.

נאָר עס שיינט מיר, אַז מיר ווילן שוין גאָרנישט אַריינקוקן אין שפּיגל. מיר זענען געפערלעך מיד פון דעם אַלעמען, מיר זענען צעבראָכן, און דאָס אַלץ קריכט שוין פון האַלדז, ווי אַ געקעכץ, וואָס מען שטאָפּט אין זיך צוויי, דריי מאָל אין טאָג, טאָג נאָך טאָג. מיר זענען מיד און פאַרשעמט, צו

וואָס פאַר אַ שפּלער מדרגה אַזאַ קלוג און דערפאַרן פאָלק, ווי אונדזערס, איז אַראָפּגעשטויסן געוואָרן.

איין רופא קען איצט די מדינה באַפרייען פון דעם קאָשמאַר און פון דעם משוגעת. דאָס איז לוי אשכול. ער האָט זיך דערוואָרבן ליבשאַפט ביים פאָלק און סימפּאַטיעס ביי די יידן אין דער גאַנצער וועלט. ווי דער פּרעמיער־ און זיכערהייטס־מיניסטער פון מדינת ישראל און ווי דער מנהיג פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי קען ער באַווייזן מיט איין ראַדיאָ־רעדע צום פאָלק: דערקלערן, אַז די פּרשה־מאַנקאָליע, ווי אַ בייזער חלום, איז מער נישטאָ און זי וועט מער נישט באַהאַנדלט ווערן אין קיין שום אינסטאַנץ — נישט אין דער רעגירונג, נישט אין קיין קאָמיסיעס און נישט אין דער כנסת. אויב עמעצער, וואָס איז דירעקט געווען פאַרמישט אין „עסק ביש" פילט זיך באַעוולט, איז פאַר אים פריי דער וועג צום אָפּי־ציעלן און אומאָפּהענגיקן געריכט פון דער מדינה. צוזאַמען דערמיט דאַרף ער אַפּעלירן צו דער פּרעסע און באַפעלן דעם ראַדיאָ נישט צו פאַרעפנט־לעכן מער קיין איינציק וואָרט וועגן דער פּרשה, וואָס האָט פאַרשוואַרצט דאָס פּנים פון דער מדינה און אונדז אַלעמען פאַרוואַנדלט אין באַנומענע מיט אַ מאַסן־פּסיכאָזע. אין אַזאַ רוף וועט לוי אשכול האָבן הינטער זיך דאָס גאַנצע לאַנד און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

14.12.1964

צווישן דונערן און בליצן

„דער טאַטע איז אַ סמאַראָוואָזשניק..."

פון די אַלע רעדערייען וועגן דער וויכטיקייט פון דערציאונג פון דעם יונגן דור און בירגערלעכער דערציאונג פאַר מדינה־באַוווסטזיין, האָבן מיר היינטיקע וואָך באַקומען אַ פערדישע פאָרציע „דערציאונג", וואָס איז געווען צו וווּלגאַריזירן און אַנאַרכיזירן אונדזער גאַנצע געזעלשאַפט. די פערדישע פאָרציע „דערציאונג" האָט אַפילו געסטייעט, די פרעסע אין די אַראַבישע לענדער זאָל זיך מיט דעם שמוץ אָנזעטיקן און אים פאַרשפרייטן אין דער וועלט ווי די „וויזיט־קאַרטע" פון אונדזער מדינה. איך מיין דאָ די וואַזשנע העלדישקייט פון דוד בן־גוריון, וואָס האָט אויף צו להכעיס אונדזער פרעמיער־מיניסטער און קעגן זיין בפירושן פאַרבאָט צו פאַר־עפנטלעכן דאָס ווייסע, אָדער בעסער געזאָגט דאָס שוואַרצע בוך פון זיין זשורנאַליסט וועגן דער „פרשה", געגעבן דעם זשורנאַליסט זיין ברכה און עטלעכע פאַטריאָטישע צייטונגען האָבן אויפגעכאַפּט דעם שמוץ און אים צעשמירט אויף דעם פנים פון דער מדינה.

ווען אונדזערע שונאים זאָלן אַפילו זיין געניאַלע פאַנטאַזיאָרן וואָלטן זיי פאַר קיין מיליאָרדן נישט געקענט צוטראָגן דער וועלט אַזוי פיל שמוץ וועגן אונדזער מדינה, וויפל דער דאָזיקער זשורנאַליסט האָט דערלאַנגט מיט דער ברכה פון דוד בן־גוריון. די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן ישראל וועט דאָ האָבן צו פרעסן לאַנגע יאָרן און מען וועט אַפילו נישט קענען זאָגן, אַז דאָס איז גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, וואָרום זיי ציטירן דאָך דאָס, וואָס דער זשורנאַליסט האָט אָנגעשריבן מיט דער ברכה פון דעם געוועזענעם פרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער פון ישראל און אויפן סמך פון געהיי־

מע דאָקומענטן, וואָס דוד בן־גוריון האָט געהייסן דערלאַנגען דעם זשור־נאַליסט. קיין מער באַגלייבטע פּערזענלעכקייט פאַר דעם דאָזיקן שמוץ, ווי דוד בן־גוריון אַליין, קען גאָרנישט זיין.

נאָר ווי דאָס טרעפט אָפט מיט מענטשן וואָס פאַרנעמען זיך מיט שמוץ — איז דאָ אָממערסטן אויסגעשמירט געוואָרן דווקא דוד בן־גוריון גופא. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע בוך איז אַ בומעראַנג פון שמוץ — דער שיסער האָט געצילט צו אַנדערע און די כלי איז צוריקגעפלויגן אין זיין אייגענעם פּנים.

אין דעם דאָזיקן שמוץ ווערן פאַרגעשטעלט מיניסטאָרן, הויכע אָפּי־צירן פון צה״ל און הויכע רעגירונגס־באַאַמטע ווי טונקעלע פאַרשווינען, וואָס איינער האָט געגראָבן אונטערן צווייטן, און איינער האָט געוואָלט באַגראָבן דעם צווייטן, און יעדער האָט געפירט די לעבנסוויכטיקע ענינים פון דער מדינה לויט זיין אייגענעם פּריוואַטן אינטערעס. קיינער האָט זיך מיט קיינעם נישט באַראַטן. דער פרעמיער־מיניסטער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט דער זיכערהייטס־מיניסטער און ער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט פון דער פּרעסע. דער זיכערהייטס־מיניסטער האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, דער שעף פונעם גענעראַל־שטאַב האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט דער זיכערהייטס־מיניסטער, איינער האָט קעגן צווייטן געליגנערט, געפעלשט, אַנגעשטעלט לינקע עדות. דער שעף פון גענעראַל־שטאַב איז געפאָרן קיין אַמעריקע אין אַ שליחות, וואָס נישט דער זיכערהייטס־מיניסטער האָט געוווּסט וועגן וואָס און נישט דער פּרע־מיער־מיניסטער. הויכע אָפיצירן האָבן געפייפט אויפן שעף פון גענעראַל־שטאַב און ער האָט געפייפט אויף זיי. ס׳איז איין גרויסער פּלאָנטער פון אינטריגעס, מזימות, שווינדלערייען, וואָס האָבן אַ גאָר גרויסן שייכות צום קרימינאַל־קאָדעקס.

ווער זענען עס אָט די אַלע פּריוואַט־אייגנטימער פון מלוכה־אינסטאַנצן, אינטריגאַנטן, פעלשער, מנוולים און אַפילו מערדער (וואָרום דער „עסק ביש" האָט דאָך געקאָסט מענטשלעכע לעבנס), ווי זיי ווערן פאַרגעשטעלט אין דעם שוואַרצן בוך?

אין אָט דעם גאַנצן קרענצל, סיי אין דער רעגירונג און סיי אין

זיכערהייטס־מיניסטעריום, איז נישט געווען קיין איין איינציקער מאַן, וואָס דוד בן־גוריון זאָל אים פריער נישט האָבן באַשטימט אויף דעם פלאַץ, וואָס ער האָט פאַרנומען. אַלע זענען געווען זיינע תלמידים און זיינע פאַר־טרויאונגס־מענטשן און זיינע פאַנאַטישע חסידים. ווען ער איז געזעסן אין שדה בוקר קלאָמפּערשט ווי אַ פּריוואַטער מענטש, איז דוד בן־גוריון פאַקטיש געווען דער באַשטימער פון אַלץ. מיניסטאָרן, הויכע מיליטערלייט און הויכע באַאַמטע זענען עולה־אויטאָ געווען קיין שדה בוקר צו פרעגן ביים רבין, וואָס יאָ און וואָס נישט. דער גרעסטער טייל פון די, וואָס ווערן אין דעם שוואַרצן בוך געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגליך זענען דערצויגן געוואָרן דורך אים און אין זיין שול און אין זיין גייסט. איז אויב דוד בן־גוריונס מקורבים און תלמידים גייען אַרויס פון דעם בוך מיט אַזעלכע פאַר־שוואַרצטע פּנימער — טרעפט דער גאַנצער שמוץ קודם־כל אים אַליין.

מיר ווייסן, למשל, אַז מענדעלע קאָצקער זצ״ל האָט אַזעלכע סגאַל חסידים נישט געקענט אַרויסגעבן. עס האָט זיך געקענט טרעפן, אַז עפּעס אַן אברכל, וואָס איז געפאָרן קיין קאָצק, זאָל נכשל ווערן. האָט מען אים פאַרטריבן מיט גאַרטלען, אַז זיין געביין האָט זיך מער נישט געוויזן אין קאָצק. פאַרקערט, קאָצק האָט אַפילו געטריבן פון זיך יאָ־זאָגער. אויב אָבער עס קומט אַ רבי און ער גיט סמיכה אויף אַ ספר פון זיינס אַ שמש און אין דעם ספר ווערן דעם רבינס מקורבים פאַרגעשטעלט ווי זשוליקעס, ליגנער, פעלשער, וויסטע אינטריגאַנטן און אַפילו מערדער, און דאָס כדי דער רבי בכבודו ובעצמו זאָל אויסוואַקסן צו די הימלען — וואַקסט ער נישט אויס צו די הימלען, נאָר ער פאַלט אַליין אַראָפּ אין שאול תחתיה. אין אַזאַ פאַל איז דער פאַרטרעט פון די תלמידים דער פאַרטרעט פונעם רבין גופא.

און נאָך מער: אויב דער איינציקער צדיק אין דור איז אין יאָר 1954 אַוועק קיין שדה בוקר און באַשטימט אַ רעגירונג און אַן אַרמיי־אָנפירונג פון זיין פמליא און פון דער מאָראַלישער הייך ווי זיי ווערן געשילדערט אין דעם שוואַרצן בוך — טראָגט ער די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אומזיסטע קרבנות, וואָס זענען געפאַלן פון דעם „עסק ביש״ און אויך ערגעץ אַנדערש־ווו. אַ מאָראַלישער מענטש לאָזט נישט איבער אַ

מדינה אין מלחמה־פייער אין די הענט פון טויגענישטן און זשוליקעס און אַליין אַנטלויפט ער פּאַשען שעפּסעלעך און געבן אינטערוויוען. און נישט דאָס אַליין: די זשוליקעס פון 1954 זענען חלילה נישט קיין יתומים און נישט די איינציקע מנוולים. מיר געדענקען דאָך גוט וויפל דוד בן־גוריון האָט צעאַרבעט מען זאָל שאַפן אַ געריכטלעכע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס זאָל אויספאָרשן די פאַלשע שטיק פון די זיבן מיניסטאָרן, וואָס האָבן געפּאָרשט די פּרשה אין 1960. אויך די זיבן מיניסטאָרן האָט בן־גוריון צע־שטעלט אין די ווינקלען און זיי קוואַליפיצירט ווי זשוליקעס. און דאָס זענען זיבן מיניסטאָרן פון דוד בן־גוריונס קאַבינעט!

רבונו של עולם, מיט וואָס פאַרא עלעמענטן האָט זיך דאָס דער איינ־ציקער צדיק אין דור אַרומגעשטעלט?!

די פון 1954 און די פון 1960 זענען דאָך פון אונדזערע בעסטע און פאַרדינסטפולסטע, פון מענטשן, וואָס האָבן אַ לעבן אַוועקגעגעבן פאַר אי־דעאַלן; און זינט די מדינה עקזיסטירט און נאָך פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, האָבן זיי אַוועקגעגעבן אַלע זייערע כוחות פאַרן פאָלק. און ווען אַ מאַן שטעלט זיך אַוועק און מאַכט כעפרא דארעא פון דעם גאַנצן מלוכהשן אַוואַנגאַרד, פון די בעסטע זין פון פאָלק — איז ער נישט קיין צדיק בדורו, נאָר אַ רשע מרושע בדורו.

עס איז געווען אַ פראַנצויזישער מלך, וואָס האָט געזאָגט: „די מדינה דאָס בין איך" און „נאָך מיר קען זיין אַ מבול". ווערדליך דוד בן־גוריונס התנהגות, טראַכט ער אויך אַזוי: אויב ער האַלט אין זיינע הענט די מאַכט, איז די מדינה זיינע, נאָר אויב אַנדערע שטייען ביי דער מאַכט — קען די מדינה אונטערגיין און נאָך אים קען זיין אַ מבול. נאָר דאָס יידישע פאָלק וועט הערן דוד בן־גוריונען, ווי דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט געהערט לודוויק דעם פערצנטן. דוד בן־גוריון האָט צו שוואַכע הענט צו צעשטערן די מדינה; ער צעשטערט זיך אַליין פולשטענדיק און קיינער האָט אים אַזוי נישט דערנידעריקט, ווי ער דערנידעריקט זיך אַליין.

אַזוי דעמאָנסטראַטיוו פאַרגוואַלדיקן אַ פאַראָרדענונג פונעם פּרעמיער־מיניסטער, ווי דוד בן־גוריון האָט פאַרגוואַלדיקט די פאַראָרדענונג פון לוי אשכול נישט צו פאַרעפנטלעכן דאָס בוך פון דעם זשורנאַליסט — איז

אַ מוראַדיקער קלאַפּ פאַר דער דערציאונג פונעם יונגן דור. וואָרום דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן דעם אינהאַלט פונעם בוך. סיי ווי האָט די צענזור פון דעם בוך געשטראָכן פופציק פּראָצענט און איבערגעלאָזט בלויז דעם שמוץ. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ שלעכטן ביישפּיל פאַר דער באַציאונג צו אייגנטום פון דער מדינה. דוד בן־גוריון האָט דאָס בוך באַשטעלט ביי דעם זשורנאַליסט, ווען ער איז געווען פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניס־טער. ער האָט דעם זשורנאַליסט געצאָלט פון דער מלוכה־קאַסע. ביז היינט האָבן מיר נישט געהערט וויפל צענדליקער טויזנטער פונטן דאָס האָט אָפּגעקאָסט. און דוד בן־גוריון, ווי אַ פּריוואַטער בירגער, האָט דעם זשור־נאַליסט געגעבן זיין ברכה צו באַנוצן זיך מיט מלוכהש אייגנטום ווי עס וואָלט געווען זיין פּריוואַט־זאַך. וואָס פאַר אַן אויספיר זאָל יעדער פּשוטער בירגער מאַכן פון אַזאַ „דערציאונגס״־ביישפּיל?

26.2.1965

דער צערייצטער בעל־חזקה

אין אַלע זיינע סקאַנדאַלן איז בן־גוריון גופא נישט אַזוי שולדיק, ווי שולדיק זענען די, וואָס האָבן במשך פון אַ סך, אַ סך יאָרן אויפגעבלאָזן דעם קולט פאַרן „איינציקן״, פאַרן „אומטעותדיקן״, „משיח״, פאַרן „מלך דוד״ וכדומה אַזעלכע געצנדינערישע באָבע־מעשיות. און צווישן די אויפ־בלאָזער פון דעם קולט זענען אויך געווען די אַלע, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן זיינע קרבנות. ווי דער שטייגער מיט אַ פּסיכאָזע, זענען פון דעם בן־גוריון־קולט אויך פאַרכאַפּט געוואָרן ווערטפולע, דעקנדיקע מענטשן און דערמיט האָבן זיי אַליין פאַרשטאַרקט און אומהיילבאַר געמאַכט בן־גוריונס תקיפות און איינבילדונג, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס איז באַרופן צו פירן די מדינה.

בלינד זענען געווען די אַלע, וואָס האָבן זינט צענדליקער יאָרן נישט געזען דוד בן־גוריונס אומגעצוימטע מאַכט־תאווה און זיין טאַקטיק צו ליק־ווידירן די, אין וועלכע ער האָט געזען מאַכט־קאָנקורענטן. בלויז זיינע

קרבנות האָבן עס שפּעטער געזען — צו שפּעט געווען. דוד בן־גוריון האָט קיין מאָל ערנסט נישט געמיינט מיטן אַוועקגיין פון דער מאַכט. ער האָט זיך צוריקגעצויגן בלויז דעמאָלט, ווען ער האָט געוואָלט עמעצן ליקווידירן. אויב משה שרת האָט געוונען סימפּאַטיעס אין דער וועלט און זיין פּאָפּו־לאַריטעט איז געשטיגן, איז בן־גוריון אַוועק קיין שדה בוקר, כדי פון אַ דיסטאַנס זאָל ער קענען געבן דעם איידעלן שרת אַזאַ טויט־קלאַפּ, אַז ער זאָל מער נישט אויפשטיין. אַזוי האָט זיך דוד בן־גוריון אויך דערשראָקן פאַר דעם אויפגייענדיקן שטערן פון פּנחס לבון, וואָס ערגעץ־ווו האָט מען דערמאָנט, אַז ער איז אַ קומענדיקער פּרעמיער־מיניסטער. האָט אים בן־גוריון צעהאַקט און צעבראָקט אויף פּיצלעך, מיט די הענט פון דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין קומענדיקן קרבן — לוי אשכול. מיט זיין לעצטן אַוועקגיין פון דער מאַכט און איבערגעבן די פּרעמיערשאַפט צו לוי אשכול, האָט בן־גוריון געוואָלט איבערחזרן די טאַקטיק, וואָס ער האָט אָנגעווענדט ביים ליקווידירן שרתן און לבונען. אָנפאַרטרויען אים צייטווייליק די מאַכט און דערנאָך אים צעברעכן אויף שערבלעך. וואָרום בעת נאָך די לעצטע וואַלן צו דער כנסת, אין רעזולטאַט פון דער „פּרשה״, וואָס בן־גוריון האָט אָנגעדרייט, האָט קיינער מער מיט בן־גוריונען נישט געוואָלט זיצן ביי איין רעגירונגס־טיש — האָט לוי אשכול פאַר אים צונויפגעשטעלט אַ רעגירונג און זי אים דערלאַנגט אויף אַ גאָלדענער טאַץ. איז לוי אשכול געוואָרן פאַר אים געפערלעך און ער האָט אים נאָך דעם רעקאָמענדירט ווי פּרעמיער־און זיכערהייטס־מיניסטער בלויז צוליב איין ציל: ליקווידירן אים אַזוי, ער זאָל געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש מער נישט אויפשטיין.

נאָך מיט אַ יאָר צוריק (ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין מערהייט און מינדערהייט) איז אין סאַמע צענטער פון מפא״י אָנגעגאַנגען אַן אָפּע־נער דרוק אויף די, וואָס האָבן זיך געלאָזט, אַז קיין איין גוט וואָרט זאָל נישט געשריבן ווערן לשבח לוי אשכול. קריטיקירן — ווי פל דו ווילסט, אַפילו ווען די קריטיק איז נישט קיין גערעכטע, אָבער יעדער שבח פאַר לוי אשכול איז באַצייכנט געוואָרן מיט „ביזאַנטיניזם״. אויף דער פראַגע: פאַרוואָס איז במשך פון אַ סך יאָרן אויפגעבלאָזן געוואָרן אַ ווילדער ביזאַנ־טינישער קולט כלפּי דוד בן־גוריון און אַפילו זיינע גרעסטע מפּלות —

וואָס דורות וועלן אויף זיי וויינען — זענען צעפויקט געוואָרן ווי נצחונות און איצט דאַרף מען אשכולס נצחונות פאַרשווייגן, האָט איר אויף דעם באַקומען אַן ענטפער: „אין שאָטן פון דוד בן־גוריון וועט אשכול קיין מאָל נישט זיין פּרעמיער־מיניסטער און קיין מאָל וועט ער נישט זיין דער מנהיג פון דער פּאַרטיי. דער איינציקער, וואָס קען דאָס זיין איז דוד בן־גוריון". די גרויל־אַקציע קעגן אשכולן איז געפירט געוואָרן ווולגאַר און ציניש.

צוזאַמען מיט אָט דעם דרוק פון אינעווייניק קעגן דעם פּרעמיער־מי־ניסטער, האָט דוד בן־גוריון און זיינע נושאי כלים צוגעגרייט אויפרייס־שטאָף, כדי מכשיל צו זיין לוי אשכולן אַזוי, אַז ער זאָל זיך אַליין אויפרייסן.

דאָס וואָס עס איז דוד בן־גוריון געלונגען כלפּי משה שרת און פּנחס לבון — ווי פריער כלפּי אַנדערע קרבנות — איז אים כלפּי לוי אשכולן נישט געלונגען. מען קען אָפּנאַרן אַלע איין מאָל, מען קען אָבער נישט אָפּ־נאַרן אַלע — אַלע מאָל. אַן צו פאַזירן מיט גריכישער פילאָזאָפיע און אָן איינצוהאַנדלען אַ פּאָר ביכער אין אָקספאָרד און לאָזן וועגן דעם טרומיי־טערן איבער דער גאַנצער וועלט — איז לוי אשכול דער מצליחדיקער פּרעמיער־ און זיכערהייטס־מיניסטער. ער איז דער ריכטיקער מאַן אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

פון איין זייט די „חוצפּה" פון לוי אשכול נישט צו לאָזן זיך ליקווידירן און פון דער צווייטער זייט זיינע ווערטפולע פּאָליטישע נצחונות זינט ער איז פּרעמיער־ און זיכערהייטס־מיניסטער — האָבן דערפירט דוד בן־גוריונען צו אַזאַ גייסטיקן מצב, וואָס זיין מאַכט־פּאָזיציע און די חזקה אויף דער טאַקסע איז אים טייערער פון דעם שטעטל מיט אַלע יידן. האָט בן־גוריון געפּרווט אונטערגראָבן די פּאָזיציע פון לוי אשכול דורך אויס־פּלוידערן פאַר אויסלענדישע זשורנאַליסטן די פאַרבאָרגנסטע סודות פון דער מדינה. ער האָט פּריוואַטע מענטשן אַנפאַרטרויט געהיימע דאָקומענטן, צו וועלכע אַפילו מיניסטאָרן האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן זיינע נושאי כלים איבערגעגעבן צו זשורנאַליסטן אַ גע־היימע ידיעה, וואָס האָט געצילט צו געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם פּרעסטיזש פון לוי אשכול אין די אויגן פון אַ גרויסמאַכט.

אַלע מיטלען זענען געוואָרן כשר ביי בן־גוריונען און אַפילו די גאַנצע מדינה איז פאַר אים נישט קיין גרויסער פּרייז, וועלכן ער איז גרייט צו באַצאָלן אַבי צו ליקווידירן דעם, וואָס ער האָט שוין לאַנג באַשטימט ווי זיין קרבן — לוי אשכולן. דוד בן־גוריונס לעצטע דראָאונג כלפּי לוי אשכול, אַז „אַפילו ווען וועלכער עס איז מרכז וועט אים באַשטימען, וועט ער מער נישט זיין פּרעמיער־מיניסטער", און אַז לוי אשכול איז „נישט ראוי צו זיין פּרעמיער־מיניסטער" — איז אַן אָנזאָג, אַז דוד בן־גוריון איז גרייט אַפילו אויף אַ פּוטש.

דער מאַן, וואָס האָט פּופצן יאָר רעגירט ווי אַ דיקטאַטאָר, אַליין באַשטימט וועגן מלחמה און שלום, אַליין באַשטימט דעם יאָ, אָדער נישט זיין פון דער מדינה, געמאַכט צו אַש און צו בלאָטע אַלע דעמאָקראַטישע נאָרמעס — און זיין פּאַרטיי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי „דעמאָקראַטיש" אָפּשטימען לאחר המעשה אַלע זיינע זעלבסטהערשערישע קאַפּריזן — ער וואַגט איצט צו דראָען זיין פּאַרטיי, אַז אַפילו ווען זי וועט אויך להבא געבן אשכולן דעם מאַנדאַט אויף פּרעמיער־מיניסטער — וועט ער, דער תקיף און בעל־חזקה אויף דער טאַקסע, צו דעם נישט דערלאָזן.

זיכער, ווי אַ מיטגליד אין דער כנסת, האָט דוד בן־גוריון רעכט צו קומען אין פּאַרלאַמענט, פאַרבינדן זיך מיט דער אָפּאָזיציע און צוזאַמענקלייבן די געהעריקע צאָל שטימען אויף צו דערלאַנגען אַן אומצוטרוייפאָרשלאַג פאַר דער אשכול־רעגירונג. אָבער דער תקיף טוט דאָס נישט, ווייל ער אָנערקענט נישט — נישט נאָר די אינסטאַנצן פון „זיין" פּאַרטיי, נאָר אויך לגבי דער כנסת איז ער פול מיט שנאה. העכער צוויי יאָר האָט זיין פוס נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער כנסת. ער אָנערקענט בלויז איין איינציקן אויטאָריטעט — זיך אַליין און די מדינה ווי זיין פּריוואַטע דאָמענע. זיין אומגעצוימטע מאַכט־תאווה פּערזאָניפיצירט ער מיט „פאָלק", פאַר וועלכן ער האָט בלויז ביטול, מיט „דעמאָקראַטיע", וואָס ער האָסט בתכלית השנאה, מיט „פּאַרטיי" וואָס זי איז גוט נאָר ווען זי איז פאַר אים אַ ביזאַנטישע באָד, מיט „אַרבעטער־איינהייט", נאָר ווען זי באַדינט זיינע מאַכט־צילן. דאָס אַלץ איז ער גרייט מפקיר צו זיין, אויב זיין מאַכט־תאווה ווערט נישט געשטילט מיט זעלבסטהערשערישקייט און קרבנות.

טייל, הערש און... שמייס

בעת דער רעוואָלוציע אין 1905 איז ביי מיר אין שטעטל אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן שכנא דעם פאַלצער און בערעלע דעם געריוולטן שוס־טער וועגן דעם, ווער עס זאָל שטיין בראש פון דער „וולאָסט" אין שטעטל נאָך דער רעוואָלוציע. בערעלע האָט אָפּן געדראָט, אַז ער וועט שפּאַלטן קעפּ מיט אַן אייזערנע קאָפּיטע, אויב ער וועט נישט זיין דער גאַנצער יאַ־טיעביע־דאַם. נאָר איידער בערעלע איז געגאַנגען שפּאַלטן קעפּ, האָט ער אָפּגעשפּאָלטן אַ פּאָר שטרייקערס פון שכנא דעם פאַלצערס מחנה, מען זאָל גיין באַזונדער מאַכן אַן אייגענע רעוואָלוציע. ווו שטייט עס געשריבן, אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין אייגענע רעוואָלוציע ? פאַרקערט, אויב איין רעוואָלוציע גייט ראַטעווען דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלן דאָך צוויי רעוואָלו־ציעס אַוודאי און אַוודאי העלפן. אַז ס'איז אָבער געקומען אויפצושרייבן די טענה פון דער צווייטער רעוואָלוציע, איז געוואָרן שוואַרץ שבת, אַראָפּ־וואַרפן דעם צאַר ? — דאָס וויל דאָך אויך שכנא דער פאַלצער, צונעמען דאָס פאַרמעגן ביי די גבירים ? — שכנא דער פאַלצער האָט געשוווירן ביי די ציצית, אַז ער וועט ביי די גבירים נישט איבערלאָזן אַפילו די שבת־לייכטער. אַלץ וואָס בערעלע וויל צוזאָגן, האָט שוין פריער צוגעזאָגט שכנא און ס'איז מער גאָרנישט געבליבן וואָס צוצוזאָגן. האָט זיך בערעלע באַראַטן מיט זיין ווייב וואָס ער האָט דאָ צו טאָן. וואָרעם דער גזלן, דער קאַטאַרינשטשיק, דער טריפניאַק, שכנא דער פאַלצער, האָט אויסגעכאַפּט אַלע גוטע זאַכן. און אַזוי ווי אַ ווייב איז פּאָרט פּראַקטישער פון אַ מאַן, האָט זי אים געזאָגט: ווייסט דאָך, בערעלע, אַז אַלע יידן אין שטעטל גייען אַרום מיט אויסגעדרייטע אָפּצאַסן, טאָ זאָג זיי צו, אַז מערטשעם באַלד נאָך דער רעוואָלוציע וועסטו יעדן ייד צוקלאַפּן צו די אָפּצאַסן אַ פּאָר פליעקעס אינגאַנצן אומזיסט.

וכך הווה: אין איינעם אַ טאָג האָט בערעלע דער געריוולטער שוסטער אויסגעהאָנגען אין בית־מדרש אַ קול קורא, ווו ער האָט מיט גרויסע גע־כתיבהטע אותיות געלאָזט וויסן, אַז צו דעם אַלץ וואָס אַנדערע זאָגן צו

נאָך דער רעוואָלוציע, וועט ער געבן אַ „נאַבאַוואָקע" — אַ פּאָר אומזיסטע פּליעקעס יעדן איינציקן וואָס וועט גיין מיט אים.

אַט די דאָזיקע מעשה איז ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר דוד בן־גוריון מיט זיינע שטרייקער, וואָס גרייטן זיך מאַכן אַן אייגענע רעוואָלוציע, מיט אַן אייגענער מפא"י, אַן אייגענע הסתדרות און אַן אייגענע מדינה — מדינת „צדק" און „יושר". וואָכן לאַנג האָבן זיי זיך אויסגעשריגן די העלדזער צו לוי אשכול: גיי אַוועק מיט גוטן, לייג אַוועק דעם קאָפּ אויף דעם מזבח, זיי נישט קיין עקשן און לאָז זיך ליקווידירן. און אשכול: ניין און ניין. זעענדיק די שטרייקערס וואָכנלאַנג געזעסן און געטראַכט וואָס פֿאַר אַן אידעאָלאָגיש לעקעכל טראַכט מען צו מען זאָל קענען גיין באַזונדער צו די וואַלן און דאָס „פֿאָלק" זאָל העלפֿן „מאַכן אָרדענונג". דער עולם האָט שוין פּריידזשידערס, מיקסערס, וואַש־מאַשינען און ענלעכע רעאַליזירטע אידייען. איז וואָס קען מען צוזאָגן דעם עולם? איז איינער פֿון דוד בן־גוריונס אידעאָלאָגן אַרויס מיט אַ גוואַלדיקער אידיי, וואָס דאַרף ראַטעווען די מדינה פֿון אשכולס הענט: יעדער אַרבעטער זאָל האָבן במהרה ובימינו אַן אייגענעם אויטאָ. האָט זיך דער עולם צעלאַכט: פֿון וואַנען וועט דער אַרבעטער נעמען געלט אויף אַן אויטאָ, אויב די צוגעצמודעוועטע משכנתא אויף זיין דירה ווערט וואָס אַמאָל גרעסער. ער צאָלט און צאָלט און וויפֿל ער צאָלט קען ער די משכנתא נישט דעריאָגן און די פּראָצענטער נעמען אים אַרויס דעם קליי פֿון די ביינער?

זעענדיק די לייט ווידער געזעסן דריי טעג און דריי נעכט און געטראַכט, ביז דוד בן־גוריון איז אַרויס מיט אַ שפּאָגל נייער אידיי: לאָמיר דעם עולם געבן יושר און צדק, ווי אַ „נאַבאַוואָקע" וועט מען אים דערלייגן דאָס אויספּאָרשן די „פּרשה" און ענדערן דעם וואַל־סיסטעם פֿון וואָס דער עולם וועט לעקן די פֿינגער.

איז זיינע לייט געוואָרן קאַלאַמוטנע: מיט אַזאַ מין „נאַבאַוואָקע" קען מען ברעכן האַלדז און נאַקן. האָט זיך די גאַנצע אידעאָלאָגיע אַ טרייסל געטאָן און די לייט האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן שפּרינגען פֿון וואָגן זיך ראַטעווען פֿון דער רעוואָלוציע איידער זי ברעכט אויס. וואָרעם וואָס איז ווערט אַ רעוואָלוציע אויב זי פֿאַרזיכערט נישט די „וואָלאָסט"?

איז דוד בן־גוריון געפֿאַלן אויף דער זעלבער המצאה, אויף וועלכער עס איז געפֿאַלן בערעלע אין 1905 — ער וועט געבן אַ פּאָר אומזיסטע פּליעקעס יעדן איינעם וואָס וועט גיין מיט אים. נאָר אַזוי ווי יידן אין ישראל גייען נישט מער מיט אויסגעדרייטע אַפּצאַסן — וועלן די פּליעקעס זיין: פֿאַסטנס פּאָר די פּירער פֿון די האמוליעס אין די אַנטוויקלונגס־שטעט־לעך. ווער עס וויל זיין אַ ראש־המועצה אין אַן אַנטוויקלונגס־שטעטל, ווער עס וויל זיך רייבן אויף אַ מיניסטער, אויף אַ רמטכ״ל, אויף אַ מנכ״ל, שטעק״ל, פּלעק״ל וועט ביי אים אַרויפֿגיין אויף דער רשימה און ער וועט מערטשעם זיין, און ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דוד בן־גוריון מיט זיינע שטרייקער וועלן באַלד פֿאַרשאַרצן די אַרבל און זיך שטעלן אַנטוויקלען דעם גליל מיטן נגב און איינס־צוויי וועלן זיי מיט אַ בולדאָזער אויפֿהייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פֿון די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פֿון דער באַפֿעל־קערונג.

אַז לייט האָבן איבערגעליינט די טענה מיט די פּליעקעס פֿון דוד בן־גוריון און זיינע שטרייקער, וואָס גייען באַזונדער צו די וואַלן צו דער כנסת, צו די שטאָטראָטן און צו דער הסתדרות און צו אַ מדינת „יושר וצדק״, האָבן זיי געלאַכט דאָס זיבעטע געלעכטער: פּופֿצן יאָר איז דוד בן־גוריון געווען דער גאַנצער כל ולך אין דער מדינה, ער האָט געהערט די מיניסטאָרן ווי אין טראַק. די וויכטיקסטע און גורלדיקסטע באַשלוסן פֿאַר דער מדינה האָט ער באַשלאָסן אַליין און זיינע מיניסטאָרן האָבן געהאַט אַ ברירה צו דערוויסן זיך וועגן דעם פֿון די צייטונגען. אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער דורכגעפֿירט דורך זיין אַפּאַראַט, וואָס איז פּאַקטיש געווען אַ רעגירונג אין אַ רעגירונג. ווער האָט אים דעמאָלט נישט געלאָזט אויפֿ־הייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פֿון די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פֿון דער באַפֿעל־קערונג? ווער האָט אים דעמאָלט געשטערט איינפֿירן אומזיסטע מיטלע בילדונג, בעת פּאַקטיש איז אויך די פֿאָלקס־שול פֿון זיינע צייטן נישט קיין אומזיסטע? ווער האָט בן־גוריונען געשטערט צו באַשטימען ווי אַ שעף פֿון גענעראַל־שטאַב אַ תימנער יונגערמאַן, אָדער אַריינפֿירן אַ צוואַנציק־דרייסיק גענעראַלן פֿון צווישן די מזרח־עדהס? ווי ער האָט וועגן דעם נישט אויפֿגעהערט צו רעדן, אַזוי האָט ער עס געקענט טון, נאָר ער האָט

עס... נישט געטאָן. פאַרוואָס ער האָט עס נישט געטון? ווייל פונקט ווי ער האָט פאַר זיך אַליין פאַראייגנט אַ בילד פון אַ שטיקל אימפעראַטאָר, אַזוי האָט ער זיך צוגעאייגנט דעם אַלטן רעצעפּט, וואָס אויף לאַטייניש הייסט ער „דיווידע עט אימפּעראַ" און אויף פּראָסט יידיש הייסט עס צעטייל און הערש, פאַרטיף די אונטערשידן צווישן איין גרופּע און דער צווייטער — וועט דיר זיין לייכטער צו הערשן. בעת בן־גוריון איז געווען דער דיקטאַטאָר פון מפא"י און פון דער מדינה, האָט אים קיינער נישט געשטערט אַריינצופירן אין דער כנסת כאָטשבי צוואַנציק דעפּוטאַטן פון די מזרח־עדהס פון צווישן דער מפא"י־אינטעליגענץ פון אַט די עדהס. ער האָט דאָס נישט געטאָן, ווייל טאָמער וואָלט ער דאָס יאָ געטאָן, וואָלט ער שפּעטער נישט געקענט וואַרפן זיינע דעמאַגאָגישע לאָזונגען אויף צו צעטיילן און הערשן: גיט מיר אַ שעף פון גענעראַל־שטאַב פון צווישן די תימנער יידן, גיט מיר אַ גענעראַל פון צווישן די יידן פון מאַראָקאָ און איראַק, ער האָט אַלץ געהאַלטן אין זיינע הענט און געשריגן: גיט מיר!

ווען מען קוקט זיך אום אויף צוריק, איז דאָך דער גאַנצער וועג פון דוד בן־גוריון אַ באַהערשערישער און מזבחישער. ער האָט קיינעם נישט געלאָזט אויסוואַקסן, ער האָט נישט פאַרטראָגן אויב נאָך עמעצער אין דער מדינה, אָדער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט זיין אייגענע מיינונג. ער האָט טאָלערירט בלויז שמשים און נושאי כלים. אַזוי שנעל ווי ער האָט דערפילט, אַז עס גייט אויף דער שטערן פון משה קליינבוים (סנה) אין די פערציקער יאָרן אין ארץ־ישראל — האָט ער אים דערלאַנגט די גאַל מיט דער לעבער אין די הענט אַריין. אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזען, אַז חיים וויצמאַן וועט זיין דער ערשטער פּרעזידענט פון דער מדינה — האָט בן־גוריון דעם אַמט פון דעם מדינה־פּרעזידענט אַזוי אויסגעליידיקט, אַז מער ווי אַ טינטער מיט אַ פּעדער האָט ער אים נישט איבערגעלאָזט. אַז דער פּרעסטיזש פון ראַבּיי סילווער איז געוואַלדיק אויסגעוואַקסן אין דער תקופה פון דעם געראַנגל פאַר דער מדינה אין אונ"אָ — האָט דוד בן־גוריון געזאָרגט צו מאַכן פון אים כפּרה דאַרעאַ. אַז יצחק גרינבוים, דער ציוניסטישער וועטעראַן און מנהיג פון פּוילישן יידנטום, איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער ערשטער אינערן־מיניסטער פון דער

מדינה — האָט בן־גוריון אים אויסגעלײדיקט פון דער מאַכט, צוגענומען בײ אים דעם רעסאָרט פון דער פּאָליצײ און אים פאַרוואַנדלט אין אַן אונ־טערשרײבער פון די תעודות זהות. משה שרת איז געװען אַן אויסגעצײ־כנטער אויסערן־מיניסטער אַזוי לאַנג ווי ער האָט בן־גוריונען געדינט, נאָך טאָמער האָט משה שרת אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ פּערזענלעכקייט פאַר זיך אַליין און אויך ער קען זיין פּרעמיער־מיניסטער — האָט ער געמאַכט פון אים שטויב און בלאָטע. פּנחס לבון איז געװען זיין בעסטער „שמײסער" אין דער כנסת. דאָס וואָס בן־גוריון האָט אין דער כנסת נישט געקענט דערגרייכן מיט זיין כעס און הומאָרלאָזיקייט, האָט פּנחס לבון דערגרייכט פאַר אים מיט זיין פּאָלעמישן כוח און מיט זיין הומאָר. נאָר טאָמער האָט פּנחס לבון געוואָגט זיך אַרויפזעצן אויף איינער פון בן־גוריונס שטולן — רודפט ער אים ביזן היינטיקן טאָג עד חרמה. אבא אבן איז געװען דער בעסטער ישראל־אַמבאַסאַדאָר ביי דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, דער שטאָלץ פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום. אָבער ער איז עס געװען אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער האָט געלייענט די דיק־טאָטן פון דוד בן־גוריון. נאָר טאָמער איז ער געוואָרן וויצע־פּרעמיער אין לוי אשכולס רעגירונג — שפּייט אויף אים בן־גוריון מיט גאַל, אַז מער ווי אַ פּאָר שפּראַכן קען ער נישט. און לוי אשכול? כל זמן לוי אשכול האָט אָרגאַניזירט די מיליאַרדן פאַר דער אויפגעבלאָזענער בן־גוריוניס־טישער מאַשין, כל זמן לוי אשכול האָט געדינט ווי אַ מכשיר פאַר בן־גוריונס פּאָליטיק — איז נישט געװען קיין גלייכן צו אים. בן־גוריון האָט גאָר שטאַרק געהאַלטן פון אים. ווען אשכול האָט גענומען אויף זיך די שוואַרצע אַרבעט צונויפצולאָטען פאַר בן־גוריונען אַ רעגירונגס־קאָאַלי־ציע, ווען קיינער האָט שוין מיט אים ווי מיט אַ פּרעמיער־קאַנדי־דאַט נישט געוואָלט זיצן ביי איין טיש. אָ, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע מעלות לוי אשכול האָט דעמאָלט פאַרמאָגט. אויב אָבער לוי אשכול האָט געוואָגט צו ווערן פּרעמיער־מיניסטער — און דערצו נאָך אַ דערפאָלגרייכער פּרע־מיער־מיניסטער מיט נצחונות, וועגן וועלכע בן־גוריון האָט אפילו נישט געקענט חלומען אַן צו שיסן — טאָ זאָל עס אויסגיין צו אַלע פּוסטע פעל־דער און וועלדער וואָס בן־גוריון ווינטשט אים...

וואָס דוד בן־גוריון וועט קיין מאָל נישט מוחל זיין לוי אשכול איז דאָס, וואָס ער איז דער ערשטער און דער איינציקער, וואָס האָט זיך ענדלעך געכאַפּט אויף דעם אַלטן און גוט אויסגעפּרוּווטן רעצעפּט פון בן־גוריונס ליקווידאַציע־סיסטעם, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַוועקצולייגן דעם קאָפּ אויפן מזבח. אַז בן־גוריון האָט דערזען, אַז דער פּאַטענט גייט נישט מער, ער וועט מער נישט צעררייבן קיין מענטש — האָט ער געפּרוּווט צערייבן די פּאַרטיי, וואָס האָט אים צענדליקער יאָרן געדינט. און אַז מפּא״י וועט זיך נישט לאָזן ליקווידירן — גייט ער איצט פּרוּוון נאָך העכער...

דוד בן־גוריונען קען מען פאַרשטיין. דער וואָזדוך פון זיין ליקווידאַציע־מאַשין, וואָס האָט אַזוי גוט געאַרבעט עטלעכע צענדליק יאָר, איז אַרויס פון די קעסלען. ער האָט נאָך געהאַט צו ליקווידירן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע; אשכול האָט פון אים פאַרמיטן צו ליקווידירן דעם טויטן זשאַבאָטינסקי; עפּעס אַ פּראָפעסאָר האָט אים געשטערט צו ליקווידירן משה רבינו. איז געקומען אשכול און אים געשטערט אין דער הייליקער עבודה, אין זיין גרעסטער וויזיע צוריק אויפצוריכטן דעם שטייגער פון קרבנות, אַ שטייגער, וואָס האָט זיך געהאַט אַזוי גוט איינגעאַרבעט.

רשימה פון נעמען דערמאָנטע אין בוך

אבן גבירול 62
אבא אבן 145
אברהם אבינו 38 63
אהרוני פראָפ. יוחנן 70
אויערבאַך ד״ר אליהו 70
או נו 16
אחד העם 62
אחימאיר אבא 93
איינשטיין פראָפ. אַלבערט 23
אייסכילאָס 62
אלון יגאל 66 68
אַלעקסאַנדער דער גרויסער 13
אַרלאָזאָראָוו חיים 121 123
ארזי יהודה 121
אַש שלום 62
אשכול לוי 13 16 41 48 49 53 54 100
—102 106—109 112 123 124 126
128 132 136 138—140 142 146

באַלפור לאָרד 72
בודאָ 63
ביאַליק חיים נחמן 33 61
בן־גוריון דוד 12—41 49 51—55 57—
66 69 71—78 82—86 88—96 99—
113 116—119 121—128 133—146
בנטוב מרדכי 90
בן־צבי ד״ר יצחק 70

בעגין מנחם 37 41 121
בעל שם טוב 63 84
בערנשטיין פרץ 90
בר ד״ר ישראל 64 65

גאָלדמאַן ד״ר נחום 21
גאָרגיאָס 62
גוטמאַן פראָפ. יהושע 70
גרינבוים יצחק 31 90 144
גרינבערג אורי צבי 61
גרינבערג חיים 21
גרשום רבנו 84

דובינסקי דייוויד 8
דורי יעקב 66 68
דיין משה 66 68
די־נור פראָפ. בן־ציון 70
דעמאָקריטוס 62

הזז חיים 56 57
היטלער אַדאָלף 96
הלוי יהודה 62
הערצל טעאָדאָר 11 14 23 71

וואַן פאַאַסען פיער 20
ווייז ד״ר סטיפען 20

ווייסגאַל מאיר 20 21 75
ווייצמאַן ד״ר חיים 11 13 14 16 19—
24 27 29 30 33 34 39 41 61 71—
75 144

זאַלאַ עמיל 131
זשאַבאַטינסקי וולאַדימיר 11 13 14 23
24 39 41 52 72 111 121 146
זשאַבאַטינסקי ערי 123

טראַצקי לעוו 74

ידין יגאל 65 68
יהודה הנשיא 14 73
יהושע בן־נון 14
יוסף דב 130

כוסיין מלך 68
כרושטשאָוו ניקיטאַ 63 101

לאַנדוי אליעזר 99
לאַסקאָוו חיים 99
לבון פנחס 40 41 49 54 76 100 103 106
108 119 126—128 138 139 145
ליפסקי לואיס 21
לעווין הרב, איטשע מאיר 90
לעמלין אשר 10

מאיר גאָלדע 13 41 49 57 73 74 95
96 123
מאַנגער איציק 62
מאַנטאַר הענרי 75
מאַסאַריק טאָמאַס 99

מולכו שלמה 10
מימון הרב 90
מענדעלע מ״ס 62
מענדעלע קאַצקער 135
מקלף מרדכי 66
משה בן עמרם 14 16 24 52 69 104
107 146

נאַצער אַבדול 63
גאַפּאָלעאָן באָנאַפּ. 13 23
ניומאַן 21
נקרומאַ 63

סאָקאָלאָוו נחום 61 72 73
סטאַלין 71 109
סטרעלסין אַלפרעד 20
סילווער ראַביי הלל 21 24 41 144
סנה ד״ר משה 22 41 144
סעמיועל הערבערט 72
סען דזשאָן ראָבערט 14 15 29 31

עבדאַללאַ מלך 34 35
עגנון ש״י 15 61

פיטאַגאָראַס 62
פרץ י. ל. 62
פראַנק יעקב 11 18
פרויד זיגמונד 16

ציזלינג אהרון 90
צייטלין הלל 62
צמח שלמה 31

קאַפּלאַן אליעזר 25 90 118
קאַצענעלסאָן בערל 11 24 61 62

קוק הלל 123
קליינבוים ד״ר מ. (זע סנה)
קענעדי דזשאָן 113
קראָכמאַל נחמן 62

ראובני דוד 10
ראָמעל 118 120
רוזן פנחס 90
רמב״ם 62
רמז דוד 90
רנ״ק 62
רש״י 84

שבתי צבי 10 11 18 25
שזר ד״ר זלמן 70
שטערן מנחם 70
שיטרית בכור 90
שלום עליכם 61
שלתיאל 35
שעקספיר וויליאַם 25 50 103
שפּירא משה 89
שפּינאָזאַ ברוך 62
שפּרינצאַק יוסף 25 73 111 119
שרת משה 25 26 34 40 49 53 54 55 76 99 100 103 119 138 139 145
ששון אליהו 34

אינהאַלט

	זייטן
מכת געשיכטע	7 —41
שדים	45 —50
די שעקספּירישע דראַמע אין היכל התרבות	50 —55

געשיכטלעכער חומר ביד היוצר

וואָס ווילן מיר פון אַנטיסעמיטן, אויב אַזוי רעדט אַ מנהיג ביי יידן?	56 —64
דער מנהיג באַשטעלט געשיכטע	64 —70
ישראלס „קראַטקי קורס" אין אַן ענגלישער אויסגאַבע	70 —76

אויף סובטעלע טעמעס

דער נס פון צעבליטן דאָרן	77 —82
בן־גוריון טיילט גאָט־אַטעסטאַטן	82 —87
דער רעזשיסער פון „קלאָגן אויף דורות"	87 —92
זיך איבערגעשפּילט	92 —97

דעמאָקראַטיע

די תאווה פון נקמה	98 —104
וואָס אַזעלכס איז דעמאָקראַטיע?	104—109
אויף דער מעלאָדיע פון אַן אויסגעריבענער פּלאַטע	109—115
דער מלך איז נאַקעט	115—119
ווען מען דאַרף דעם גנב	119—124

פּרשה־עטיודן...

דאָס בן־יחידל	125—129
די פּסיכיאַטרישע פּראַגע	129—132

צווישן דונערן און בליצן

„דער טאַטע איז אַ סמאַראָוואָזשניק..."	133—137
דער צערייצטער בעל־הזקה	137—140
טייל הערש און... שמייס	141—146
רשימה פון נעמען דערמאָנטע אין בוך	147—149